NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11590

ON A HEYM

Hector Henri Malot

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11590-8

9780657115906T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

העקטאר מאלא

אָן אַ היים

(אָן אַ פאַמיליע)

פרעמירט פון דער פראנצויזישער אקאדעמיע

13/10/17

יידיש - העלענע כאַצקעלס

פארלאג ,,גרינינקע ביימעלעך״

ווילנע ○ ○ ○ ○ ○ 1940

ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך".
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי

העקטאָר מאַלאָ

אָן אַ היים

[אָן אַ פאַמיליע]

פרעמיִרט פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע

יידיש - העלענע כאַצקעלס

פאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך"
ווילנע ○ ○ ○ ○ ○ 1940

שאָוואַנאַן איז נאָר געווען דאָס דאָרף, וווּ איך האָב זיך געהאָדעוועט.

אונדזער דאָרף איז געווען אָרעם. מײַנט ניט, אַז אין דעם זײַנען שולדיק געווען די פּויערים, אַז זיי האָבן זיך געפּוילעט צו אַרבעטן. ניין, געאַרבעט האָבן זיי גענוג, אָבער די ערד איז געווען ניט קיין פּרוכטבאַרע: זומפּ און זאַמד. און ווינטן וואָס בלאָזן פון ים. מער נישט וווּ-ניט-וווּ אויף אַ ברעג פון טײַכל, צווישן בערגלעך, וואָס פאַרשטעלן פון ווינט, זעט איר דאָ זאַפטיקן גראָז און שאָטנדיקע ביימער.

דאָס הויז, וווּ איך האָב פאַרבראַכט מײַנע ערשטע קינדער-יאָרן, איז געשטאַנען אין אַזאַ אָרט אויפן ברעג פון אַ טײַכל.

ביז אַכט יאָר האָב איך געלעבט אַליין מיט דער פרוי אין אונדזער הײַזל.

זי איז ניט געווען קיין אַלמנה. איר מאַן איז געווען אַ בוי-אַרבעטער און ער האָט געאַרבעט אין פּאַריז. כּמעט אַלע מענער פון דער אָרעמער געגנט האָבן געאַרבעט אין פּאַריז.

ווען-ניט-ווען פלעגט ער צושיקן אַ גערוס צו זײַן פרוי דורך אַ חבֿר.

— מוטער באַרבערען—פלעגט זאָגן אַזאַ גאַסט—אײַער מאַן איז געזונט. ער האָט מיך געבעטן אײַך זאָגן, אַז ער אַרבעט, ער שיקט אײַך געלט. נאַט אײַך, ציילט איבער.

דאָס איז אַלץ.

מוטער באַרבערען פלעגט זײַן צופרידן מיט אַזעלכע גערוסן: איר מאַן איז געזונט, אַרבעט, פאַרדינט.

מײַנט נישט, אַז באַרבערען קומט אַליין נישט אַהיים, ווײַל ער לעבט ניט גוט מיט זײַן פרוי. ניין, פאַרקערט, זיי לעבן זייער גוט צווישן זיך. ער קומט ניט, ווײַל די אַרבעט פאַרהאַלט אים. ער וועט זיך אומקערן אַהיים, ווען ער וועט ווערן גאָר אַלט און וועט שוין ניט קענען מער אַרבעטן. דאַן וועלן זיי לעבן אין זייער הײַזל אויף די פאַרהאָרעוועטע גראָשנס, וואָס ער שפּאָרט איצט אָפּ פון זײַן פאַרדינסט.

*

אין אַ יעסנדיקן פאַר נאַכט, דאָס איז געווען אין נאָוועמבער, האָט זיך לעבן פאַרקאַן פון אונדזער הויז אָפּגעשטעלט אַן אומבאַקאַנטער.

איך בין געשטאַנען אויף דער שוועל. ער האָט מיך גע־פרעגט, אויב דאָ וווינט מוטער באַרבערען.

איך האָב אים געבעטן אַרײַנגײן. ער האָט געעפנט דאָס טירל און איז אַרײַן אין הויז מיט לאַנגזאַמע טריט.

זײַנע קליידער זײַנען געווען באַשפּריצט מיט בלאָטע פון אויבן ביז אונטן. קענטיק, אַז ער איז לאַנג און ווײַט געגאַנגען איבער שלעכטע זומפּיקע וועגן.

מוטער באַרבערען האָט דערהערט אונדזער געשפּרעך און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

— איך האָב אײַך געבראַכט אַ גערוס פון פּאַריז—האָט גע־זאָגט דער גאַסט.

אָבער זײַן שטים האָט ניט געקלונגען אַזוי, ווי עס פלעגן קלינגען די ווערטער פון אַנדערע געסט: — אײַער מאַן איז געזונט, די אַרבעט גייט!

—אָ, גאָט מײַנער!—האָט אויסגעשריִען מוטער באַרבערען— אַן אומגליק איז מײַן מאַן געשען!

— יאָ—האָט געענטפערט דער גאַסט—אָבער באַרויִקט זיך. אײַער מאַן לעבט, ער איז פאַרוווּנדעט, ער ליגט אין שפּיטאָל. קען זײַן, אַז ער וועט בלײַבן אַ קאַליקע. איך בין געלעגן לעבן אים און אַזוי ווי איך האָב זיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, האָט ער מיך געבעטן אײַך איבערגעבן אַ גערוס. איך קען זיך ניט אָפּשטעלן, איך האָב נאָך צו גיין דרײַ מײַל און ס׳איז שוין נאַכט.

מוטער באַרבערען האָט אים געבעטן בלײַבן נעכטיקן: די וועגן זײַנען אַזוי שלעכט, וועלף האָבן זיך באַוויזן אין די וועלדער, ער וועט בעסער אַרויסגיין מאָרגן אין דער פרי.

דער גאַסט האָט זיך געזעצט לעבן אויוון און בײַם עסן האָט ער דערציילט, ווי אַזוי דאָס אומגליק האָט פּאַסירט: באַרבערען איז שיער אין גאַנצן ניט צעדריקט געוואָרן אונטער די רישטאָוואַניעס פון אַ הויז, וואָס זײַנען אײַנגעפאַלן אויף אים.

דער באַלעבאָס פון דעם הויז טענהט, אַז באַרבערען איז אַליין שולדיק, און דערפאַר זאָגט ער זיך אָפּ אים צו צאָלן.

— אַן אומגליק—האָט דער גאַסט געזאָגט—אַנדערע מישפּטן

זיך אויס און מע צאָלט זיי דערנאָך אַ גאַנץ לעבן, און באַר־בערגן קען זיך ניט דערשלאָגן קיין גערעכטיקייט.

— איך האָב אים געגעבן די עצה זיך צו מישפּטן מיטן באַלעבאָס — האָט דער גאַסט צוגעגעבן.

— אָבער אויף צו מישפּטן זיך דאַרף מען האָבן אַזוי פיל געלט! — האָט מוטער באַרבערען געזאָגט.

— עס לוינט זיך, אויב מען געווינט! — האָט דער גאַסט געענטפערט.

מוטער באַרבערען האָט געוואָלט פאָרן קיין פּאַריז, אָבער ווי לאָזט מען זיך אין אַזאַ טײַערער און ווײַטער רײַזע!

זי האָט געפרעגט אַן עצה בײַם גלח פון דאָרף. ער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צום דאָקטאָר פון שפּיטאָל, וווּ איר מאַן איז געלעגן. דער דאָקטאָר האָט געענטפערט, אַז מיטן קומען קען זי איר מאַן ניט העלפן. זאָל זי אים בעסער אַרויסשיקן געלט, און ער וועט פאַרפירן אַ מישפּט קעגן זײַן באַלעבאָס.

*

עס זײַנען אַוועק טעג און וואָכן. מוטער באַרבערען האָט אַלץ געשיקט געלט. אין איין בריוו האָט דער מאַן אַפילו געשריבן, אַז זי זאָל פאַרקויפן די קו, אויב זי האָט שוין מער קיין געלט ניט.

פאַרקויפן די קו! אַ קלייניקייט! צי ווייסט איר, וואָס די קו איז פאַר אַ פאַמיליע אין דאָרף? איך און מוטער באַרבערען האָבן געלעבט פון דער קו. מיר האָבן קיין מאָל קיין פלייש ניט געגעסן, אָבער מיר זײַנען געווען זאַט, ווײַל מיר האָבן געהאַט פון איר מילך און פּוטער און קעז. זי איז געווען אונדזער שפּײַזערין, אונדזער בעסטער פרײַנד.

מיינט ניט, אַז אַ קו איז נאַריש, טעמפּ. דאָס איז ניט ריכטיק. אַ קו פאַרשטייט אַזוי פיל. מיר האָבן זי אַזוי ליב געהאַט. מיר פלעגן ריידן מיט איר ווי מיט אַ מענטשן. זי פלעגט קוקן אויף אונדז מיט אירע גרויסע רונדע און קלוגע אויגן. זי פלעגט אונדז פאַרשטיין און מיר פלעגן זי פאַרשטיין.

און מיר מוזן זיך שיידן מיט איר... מע מוז טאָן, וואָס מוטער באַרבערען פאַרלאַנגט.

ס'איז געקומען א הענדלער. ער האט גוט באקוקט אונדזער "רוסעט" (אזוי האט געהייסן אונדזער קו), האט זי באטאפט.

— א פראסטע קו—האט ער געזאגט—א קו פון ארעמע לײַט, זי טויג אויף גארנישט. ער וועט זי אבער קויפן, ווײַל ער וויל טאן א טובה דער מוטער בארבערען.

ווען דער הענדלער האט זי געוואלט ארויספירן פון שטאל, האט רוסעט פארשטאנען, וואס דאס מיינט, און האט זיך אײַנגעשפארט.

מוטער בארבערען האט זי מיט גוטן ארויסגעפירט פון שטאל. דער הענדלער האט זי אוועקגעטריבן צו זיך.

מיר זײַנען ארײַן אין שטוב.

לאנג נאך האט געקלונגען אין אונדזערע אויערן איר אומעטיק מוקען.

אויס מילך און אויס פוטער! אין דער פרי' א שטיקל ברויט, אין אוונט קארטאפל מיט זאלץ.

ס'איז אנגעקומען דער "פעטער דינסטיק". אזוי רופט מען דעם דינסטיק פארן פארפאסטן בײַ קריסטן-קאטאליקן. אין די וואכן, וואס מע פאסט, עסן די פרומע קריסטן ניט קיין פלייש און ניט קיין פוטער. דעם "פעטן דינסטיק" עסט מען צום לעצטן מאל פעטע בלינצעס און לאטקעס.

— פאר אונדז איז שוין קיין "פעטער דינסטיק" ניטא—האב איך געטראכט—ניטא רוסעט, ניטא קיין בלינצעס.

אבער מוטער בארבערען האט מיר געוואלט מאכן א פארגעניגן. זי האט פאר מיר געקראגן א ביסל פוטער, דרײַ אייער און עטלעכע עפל. זי האט פארמישט לאטקעס.

— שפאלט אן קינעלעך—האט זי געזאגט צו מיר—מע דארף מאכן פײַער.

איך האב זיך ניט געלאזט בעטן. טאנצנדיק האב איך איר געהאלפן מאכן פײַער און זיך צוגעהערט, ווי עס פרעגלען זיך די בלינצעס אויף דער הייסער סקאווראדע.

— אָ, איז דאס געווען א מוזיק פאר מיר!

אין דער זעלביקער רגע האב איך דערהערט טריט אין דרויסן. ווער קען דאס זײַן? אפשר גייט א שכן בעטן קוילן בײַ מוטער בארבערען?

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ פון אַ שטעקן אָן דער שוועל און די טיר האָט זיך מיט אַ טראַסק אָפּגעטאָן.

— ווער איז דאָ?—האָט מוטער באַרבערען געפרעגט, ניט אָפּרײַסנדיק זיך פון דער סקאָווראָדע.

דאָס ליכט פון פלאַם איז געפאַלן אויפן פּנים פון דעם מענטשן, וואָס איז אַרײַן.

ער איז געווען אין אַ ווײַסער בלוזע און אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גראָבן שטעקן.

— ס'איז דאָ בײַ אײַך יום-טוב — האָט ער געזאָגט מיט אַ גראָבער שטים—שטערט זיך ניט.

— זשעראָם, דו ביסט דאָס?!—האָט אויסגעשריִען מוטער באַרבערען.

זי האָט אַוועקגעשטעלט די סקאָווראָדע, מיך געכאַפּט פאַר די הענט און צוגעשטופּט צום געקומענעם, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל.

— דאָס איז דײַן פאָטער!—האָט זי געזאָגט צו מיר.

2. פאָטער באַרבערען.

איך בין צוגעגאַנגען נעענטער ארומצונעמען מײַן פאָטער. ער האָט מיך אָבער אָפּגעשטעלט מיטן שפּיץ פון זײַן שטעקן:

— וואָס איז דאָס? דו האָסט דאָך מיר געזאָגט...—האָט ער בײַז געפרעגט מוטער באַרבערען.

— נו, איז וואָס? ס'איז ניט אמת געווען... ווײַל... — האָט געענטפערט מוטער באַרבערען.

— אַזוי, ניט קיין אמת, ניט קיין אמת?..

ער שטייט אַנטקעגן מיר מיט אַן אויפגעהויבענעם שטעקן.

ניט ווילנדיק טרעט איך אָפּ אויף צוריק.

וואָס אַזוינס האָב איך אָפּגעטאָן? אין וואָס בין איך שולדיק? פאַר וואָס קומט מיר אַזאַ באַגעגעניש, ווען איך וויל ארומנעמען מײַן פאָטער?

איך באַחמײז ניט צו ענטפֿערן זיך אַליין אויף די פֿראַגעס, װאָס לויפֿן דורך אין מײַן צעטומלטן קאָפּ.

— איך זע, בײַ אײַך איז דאָ א יום־טוב. און װאָס האָסטו פֿאַר מיר, א הונגעריקן, װאָס איז געגאַנגען מער װי צען מײַל צו פֿוס?

— איך האָב זיך ניט געריכט אויף דיר — האָט מוטער באַרבערען געענטפֿערט.

— מע דאַרף ניט קיין בלינצעס! — האָט ער געזאָגט — ברויט צו עטלעכע ציבעלעך, װעלן מיר זיך אָנעסן.

מוטער באַרבערען האָט שװײַגנדיק געטאָן, װאָס דער מאַן האָט געזאָגט.

איך בין געבליבן אַזוי װי צוגעשמידט אויף דעם אָרט, װוּהין ער האָט מיך אָפּגעשמיסן מיט זײַן שטעקן, און האָב געקוקט אויף אים. ער האָט זיך געזעצט אויף דער באַנק, װאָס אין װינקל לעבן אויװן.

דאָס איז געװען א מאַן פֿון א יאָר פֿופֿציק, מיט א שטרענגן פּנים. דער קאָפּ־פֿאַרבױגן צו דער רעכטער פּלייצע צוליב דער װוּנד. דאָס האָט געמאַכט זײַן אויסזען נאָך שטרענגער, בייזער.

— „מײַן פֿאָטער, מײַן פֿאָטער" — האָב איך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט אין דער שטיל.

דעם אמת זאָגנדיק האָב איך ניט געװוּסט, װי א פֿאָטער דאַרף זײַן. איך האָב געמיינט, אַז ער דאַרף זײַן װי די מוטער, אָבער מיט א שטאַרקן קול. אָבער איצט האָט מיך אַרומגעכאַפּט א שרעק און א טרויער. פֿאַר װאָס האָט ער מיך אָפּגעשטויסן מיטן שטעקן? מוטער באַרבערען פֿלעגט דאָך מיך קיין מאָל ניט אָפּשטופּן. פֿאַרקערט, זי פֿלעגט מיך צודריקן צו איר ברוסט.

— שטיי ניט װי אַן אײַנגעפֿראָרענער! — האָט ער געזאָגט צו מיר — און שטעל אַװעק די טעלער אויפֿן טיש.

איך האָב געפֿאָלגט.

בײַם טיש האָב איך פֿון שרעק און צער קיין זאַך ניט געקענט עסן.

— דו װילסט ניט עסן? — האָט ער מיך געפֿרעגט — אויב אַזוי, לייג זיך שלאָפֿן די מינוט. אויב ניט, װעל איך זיך בייזערן.

איך האָב זיך אויף גיך אויסגעטאָן און געלייגט. אָבער שלאָפן האָב איך ניט געקענט. איך בין געווען אַזוי אומרויִק, אַזוי אומגליקלעך.

אָט דאָס איז מײַן פאָטער! פאַר וואָס באַגייט ער זיך אַזוי האַרט מיט מיר?

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוגעגאַנגען צו מײַן געלעגער און מיך געפרעגט:

— דו שלאָפסט?

איך האָב געשוויגן.

— ער שלאָפט—האָט געענטפערט פאַר מיר מוטער באַר-בערען.

— וואָס איז מיט דײַן מישפּטו — האָט זי געפרעגט דעם מאַן.

— פאַרשפּילט. דער באַלעבאָס וועט מיר גאָרנישט געבן.

— פאַרלאָרן! — האָט ער איבערגעזאָגט נאָך אַ מאָל און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש—פאַרשפּילט!.. אומזיסט אויסגעגעבן געלט, געבליבן אַ קאַליקע... אָבער דאָס איז נאָך חײַניק — איך קער זיך אום אַהיים און געפין נאָך אַ קינד. דערקלער מיר, פאַר וואָס האָסטו ניט געטאָן אַזוי, ווי איך האָב דיר געהייסן?

— ווײַל איך האָב ניט געקענט.

— דו האָסט דאָך אים געקענט אָפּגעבן אין אַ היים פאַר אונטערגעוואָרפענע קינדער!

— אַזוי וואַרפט מען ניט קיין קינד, וואָס מע האָט געזויגן מיט אייגענער מילך און וואָס מע האָט ליב.

— דאָס איז דאָך ניט דײַן קינד.

— ווען איך האָב אים שוין געוואָלט אָפּגעבן, איז ער קראַנק געוואָרן. און ווי האָב איך אים געזאָלט אָפּגעבן אַ קראַנקן, ער זאָל דאָרטן שטאַרבן?

— און ווען ער איז געזונט געוואָרן?

— נאָך דער ערשטער קראַנקייט איז געקומען אַ צווייטע. ער האָט געהוסט. דאָס האַרץ איז מיר אויסגעגאַנגען פאַר צער. איך האָב געטראַכט, אַז אויב איך וועל אים אָפּגעבן, וועט ער אָפּשטאַרבן, ווי אונדזער קליינער ניקאָלײַ איז געשטאָרבן.

— און דערנאָך?

— האָב איך אַלץ געהאַרט.

— ווי אַלט איז ער איצט?

— אכט יאָר.

— נו, וועט ער איצט מוזן גיין אַהין צו אכט יאָר.

— דו וועסט דאָס ניט טאָן, זשעראָם!

— איך וועל דאָס ניט טאָן? ווער קען מיר פאַרבאָטן? ניט שוין זשע מײנסטו, אַז מיר וועלן אים אַלע מאָל האַלטן?

ס׳איז געוואָרן אויף אַ רגע שטיל, און איך האָב אַ צי געטאָן דעם אָטעם. פון גרויס אויפרעגונג האָט מיר צוזאַמענגעדריקט דעם האַלדז. איך האָב זיך געשטיקט.

— אָ, פאַריז האָט דיך געמאַכט פאַר אַן אַנדער מענטשן — האָט די מוטער באַרבערען געזאָגט — פריִער האָסטו אַזוי ניט גערעדט.

— עס קען זײַן. פאַריז האָט מיך טאַקע געמאַכט אַנדערש. איך בין אַ קאַליקע געוואָרן. ווי זאָלן מיר איצט פאַרדינען אויף צום לעבן?.. מיר האָבן קײן געלט נישט. די קו פאַרקויפט. מיר האָבן אַלײן ניט וואָס צו עסן... זאָלן מיר נאָך אויסהאַלטן אַ פרעמד קינד?

— דאָס איז מײַן קינד.

— נײן, ער איז ניט מײַנער און ניט דײַנער. דאָס איז ניט קײן פויעריש קינד. איך האָב זיך גוט אײַנגעקוקט אויף אים: אַזוי מאָגער, אַזוי דעליקאַט, אָן הענט, אָן פיס.

— אָ, דאָס איז דאָס שענסטע ~~קינד אויף~~ דער וועלט!

— שײן איז עס, אָבער מיט שײנקײט פאַרדינט מען ניט; מיט אַזוינע שמאָלע פלײצעס ווערט מען ניט קײן אַרבעטער. דאָס איז אַ שטאָטיש קינד, און מיר דאַרפן דאָ ניט אַזוינע קינדער.

— איך זאָג דיר, אַז דאָס איז אַ וויל קינד. קלוג און מיט אַ גוט האַרץ. ער וועט אַרבעטן פאַר אונדז.

— וואַרטנדיק וועלן מיר דערווײַלע מוזן אַרבעטן ~~פאַר~~ אים, און כ׳קען שוין מער ניט אַרבעטן.

— און אַז זײַנע עלטערן וועלן זיך אָפרופן, וואָס וועסטו דאַן זאָגן?

— זײַנע עלטערן? צי האָט ער עלטערן? ווען זײ וואָלטן געווען, וואָלטן זײ אים געזוכט און געפֿונען אין די אַכט יאָר. ס'איז געווען אַ נאַרישקײט צו גלויבן, אַז די עלטערן וועלן אים געפֿינען און וועלן באַלוינען דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן אים בעהאָדעוועט. איך בין געווען אַ גאָרנישט, אַ נאַר. ס'מאַכט ניט אויס, וואָס ער איז געווען אײַנגעוויקלט אין טײַערע ווינדעלעך מיט שפּיצן. דאָס איז נאָך ניט קײן באַווײַז, אַז די עלטערן וועלן אים זוכן. זײ זײַנען שוין אָפּשר געשטאָרבן, זײַנע עלטערן.

— נו, אויב זײ וועלן דאָך קומען אים זוכן?

— וועלן מיר זײ אָפּשיקן אין קינדערהויז. גענוג רײדן. ס'האָט מיר שוין דערעסן. מאָרגן פֿיר איך אים אָפּ. איצט גײ איך אַרײַן צו אַ שכן. אין אַ שעה אַרום וועל איך קומען.

די טיר האָט זיך געעפֿנט און ווידער צוגעמאַכט.

ער איז אַוועק.

— מאַמע!—האָב איך אַ רוף געטאָן.

מוטער באַרבערען איז צוגעלאָפֿן צו מײַן בעט.

— דו וועסט מיך אָפּגעבן אין קינדערהײם?

— נײן, מײַן קלײנער רעמי, נײן.

— איך האָב אַלץ געהערט. איך ווײס, אַז ער איז ניט מײַן פֿאָטער.

— איך האָב דיר אָפּשר פֿריִער געדאַרפֿט זאָגן דעם אמת— האָט זיך אָפּגערופֿן מוטער באַרבערען. אָבער איך האָב דיך אַזוי ליב, אַז איך האָב דיר ניט געקענט זאָגן, אַז דו ביסט ניט מײַן קינד. ווער דײַן אמתע מאַמע איז, ווײס מען ניט.

און זי האָט מיר דערצײלט:

אײן מאָל אין דער פֿרי איז באַרבערען געגאַנגען אין פּאַריז צו דער אַרבעט איבער אַ ברײטער גאַס מיט הויכע בײמער. די גאַס הײסט אַווענו דע ברעטו. האָט ער דערהערט אַ געשרײ פֿון אַ קינד. דאָס האָט פּאַסירט אין מאָנאַט פֿעברואַר. ס'איז געווען האַלב פֿינצטער. דאָס קינד איז געלעגן לעבן טירל פֿון אַ סאָד. אַ מענטש איז אַרויס פֿון הינטער אַ בוים און איז אַנטלאָפֿן. ווײַזט אויס, האָט ער דאָס אַוועקגעלײגט דאָס קינד. זשעראָם האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. און דאָס קינד האָט

אַלץ געשריִען. דערװײַלע זײַנען אָנגעקומען אַנדערע אַרבעטער און זיי האָבן באַשלאָסן עס איבערצוטראָגן אין דער פּאָליציי.

דאָס קינד האָט ניט אויפגעהערט צו שרײַען. מע איז גע-גאַנגען זוכן אַ פרוי, וואָס זאָל עס קענען אָנזייגן.

דאָס איז געווען אַ ייִנגעלע פון פינף, זעקס מאָנאַטן. אַ שיינער, אַ ראָזער, אַ דיקער. אײַנגעוויקלט אין זייער טײַערע ווינדעלעך.

דאָס מוז זײַן אַ קינד פון רײַכע עלטערן. מע האָט, ווײַזט אויס, דאָס ייִנגעלע געגנבעט און דערנאָך אונטערגעוואָרפן.

דער קאָמיסאַר פון דער פּאָליציי האָט אים געוואָלט איבערגעבן אין אַ היים פאַר אונטערגעוואָרפענע קינדער, אויב קיינער פון די אַרבעטער וועט אים ניט צונעמען.

— אַזאַ ייִנגעלע וועט ניט זײַן שווער צו האָדעווען—האָט צוגערעדט דער קאָמיסאַר—ער איז אַ שטאַרקער, אַ געזונטער... און ס'וועלן זיך נאָך געפינען זײַנע רײַכע עלטערן. וועלן זיי גוט באַדאַנקען, וואָס מע האָט אים געהאָדעוועט.

פּאָטער באַרבערען האָט אים גענומען צו זיך. מוטער באַר-בערען האָט דאַן געהאַט אַ ייִנגעלע פון דעם זעלביקן עלטער. אַזוי האָט זי געוויגן ביידן.

אין דרײַ מאָנאַטן אַרום איז מוטער באַרבערענס קינד געשטאָרבן, און זי האָט זיך אַזוי צוגעבונדן צו דעם געפונענעם ייִנגעלע, אַז זי האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ער איז אַ פרעמדער.

פּאָטער באַרבערען האָט אָבער ניט פאַרגעסן. אים האָט דערעסן צו וואַרטן אויף די עלטערן און ער האָט געפאָדערט, אַז מוטער באַרבערען זאָל אים אוועקגעבן אין אַ קינדערהיים.

איך האָב אויסגעהערט מוטער באַרבערען און זיך גענומען בעטן בײַ איר:

— אָ, גיב מיך ניט אָפּ אין קינדערהיים, מאַמע! נאָר ניט אין קינדערהיים!

— ניין, איך וועל דיך ניט אָפּגעבן. פּאָטער באַרבערען איז ניט קיין שלעכטער מענטש. דאָס האָבן אים די צרות געמאַכט אַזוי בייז. מיר וועלן אַרבעטן, דו וועסט אויך אַרבעטן.

— אַלץ, וואָס דו ווילסט, אָבער ניט אין קינדערהיים!

— ניין, ניט אין קינדערהיים, אָבער דו מוזסט זיך גלײַך לייגן. פֿאָטער באַרבערען טאָר ניט וויסן, אַז דו האָסט ניט געשלאָפֿן.

זי האָט מיך אַרומגענומען און געהייסן זיך אומקערן צו דער וואַנט. שלאָפֿן האָב איך ניט געקענט. מוטער באַרבערען, אַזאַ גוטע, אַזאַ ליבלעכע און האַרציקע, איז ניט מײַן אמתע מאַמע? נאָך בעסער, נאָך ליבער? אָ, ניין, עס קען ניט זײַן!

איך האָב אָבער פֿאַרשטאַנען, אַז אַ פֿאָטער קען זײַן אַנדערש ווי באַרבערען: אַ פֿאָטער קען ניט קוקן מיט אַזוינע קאַלטע אויגן און מיט אַן אויפֿגעהויבענעם שטעקן.

ער וויל מיך אָפּשיקן אין קינדערהיים. צי וועט מוטער באַרבערען קענען אים אָפּהאַלטן?

איך ווייס, בײַ אונדז אין דאָרף זײַנען דאָ צוויי קינדער, וואָס מע רופֿט זיי „די קינדער פֿון קינדערהיים". זיי טראָגן אַ פּלאָמבע אויפֿן האַלדז מיט אַ נומער. זיי גייען אָנגעטאָן שמוציק, אָפּגעריסן. אַלע לאַכן פֿון זיי. מע שלאָגט זיי. די קינדער יאָגן זיי ווי הינטלעך, וואָס האָבן ניט קיין באַלעבאָס. אָ, איך וויל ניט זײַן ווי יענע קינדער. איך וויל ניט טראָגן קיין נומער אויפֿן האַלדז. איך וויל ניט, מע זאָל רופֿן נאָך מיר און שרײַען: „אין קינדערהיים, אין קינדערהיים!"

עס ווערט מיר קאַלט פֿון דעם געדאַנק, עס קלאַפּט בײַ מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן.

פֿאָטער באַרבערען איז געקומען.

צום גליק איז ער געקומען שפּעטער, ווי ער האָט צוגעזאָגט, און איך האָב אײַנגעשלאָפֿן פֿאַר זײַן אומקערן זיך.

3. די טרופע פונעם סעניאר וויטאליס.

אויף מארגן אין דער פרי, ווי נאר איך האב זיך אויפגעכאפט, האב איך גענומען טאפן מײַן געלעגער און זיך ארומקוקן: איך האב געוואלט זען, צי מע האט מיך ניט אפגעפירט אין קינדערהײם.

ווען דער זײגער האט געשלאגן צוועלף, האט פאטער באַרבערען מיר געהײסן אנטאן דאס היטל און גײן מיט אים.

מוטער באַרבערען האט מיר מיט א בליק געגעבן צו פארשטײן, איך זאל פאלגן, און מיט דער האנט געמאכט א צײכן, איך זאל זיך ניט שרעקן.

פון אונדז ביזן דארף איז געווען ווײַט. מיר זײַנען געגאנגען א גאנצע שעה.

באַרבערען האט ניט אויסגערעדט ניט אײן ווארט.

— ווהין פירט ער מיך?—האב איך געטראכט.

איך בין געגאנגען פון הינטן און האב געקלערט צו באהאלטן זיך אין א גראבן און צו אנטלויפן. אבער באלד האט ער מיך גענומען פאר דער האנט, אזוי ווי ער וואלט געטראפן מײַנע געדאנקען.

אין דארף האבן אלע געקוקט אויף אונדז, און איך האב זיך געפילט ווי א הינטל, וואס מע פירט עס פאר א קײטל.

ווען מיר זײַנען געקומען צום קאפע, האט אונדז אפגעשטעלט א מאן, וואס איז געשטאנען בײַ דער טיר פון קאפע, און אונדז ארײַנגעבעטן אינעווײניק.

מיר איז געווארן לײַכטער אויפן הארצן: א קאפע קען דאך ניט זײַן קײן געפערלעך ארט פאר מיר. און וויטער האב איך שוין לאנג געוואלט וויסן, וואס דאס איז אזוינס א קאפע.

באַרבערען האט זיך געזעצט בײַ א טיש צוזאמען מיטן באלעבאס פון קאפע, און איך האב זיך געזעצט לעבן אויוון און געקוקט ארום זיך.

אין ווינקל אנטקעגן מיר איז געזעסן אן אלטער מאן מיט א ווײַסער בארד. ער איז געווען אנגעטאן אין מאדנע קלײדער. וואס איך האב אויף מײַן לעבן ניט געזען.

די האָר–לאַנגע, ביז די פּלייצעס, דער הוט—א הויכער, פון גרינעם פילץ, מיט רויטע און גרינע פעדערן; א שפּעסענער פעלץ אָן ארבל אויף א בגד מיט ארבל פון סאַמעט, וואָס האָט א מאָל געמוזט זיין בלוי; אויף די פיס–גרויסע געטרעס ביז די קני, פאַרשנירטע ארום די פיס מיט רויטע בענדער.

אונטער זיין שטול זיינען געלעגן דריי הינט: א ווײַסער, א שוואַרצער און גאָר א קליין הינטל, א גרויער, מיט א גוטער מינע.

דער ווײַסער הונט האָט געטראָגן א היטל פון א-פּאָליציימאַן.

באַרבערען און דער באַלעבאָס האָבן געשמועסט אין דער שטיל. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מע רעדט וועגן מיר.

באַרבערען האָט דערציילט, אַז ער גייט צום מער *). ער פאַרלאַנגט, מע זאָל אים צאָלן דערפאַר, וואָס ער האַלט מיך.

איצט האָב איך פאַרשטאַנען, פאַר וואָס מוטער באַרבערען האָט מיך געהייסן מיטגיין. קיין געפאַר איז ניט געווען.

דער אַלטער האָט זיך אויך צוגעהערט צום געשפּרעך. מיט א מאָל האָט ער אויסגעצויגן זיין רעכטע האַנט צו מיר און געזאָגט:

— אָט דער יינגל איז אַן איבעריקער בײַ אײַך?

— יאָ — האָט געענטפערט באַרבערען.

— איר מיינט, אַז די פאַרוואַלטונג פון די קינדערהיימען וועט אײַך צאָלן פאַר זיין עסן?

— געוויס. ער האָט ניט קיין עלטערן און איך האַלט אים אויס. וואָלט געווען גערעכטיק, מע זאָל מיר צאָלן.

— איך זאָג נישט, אַז דאָס איז ניט גערעכטיק, אָבער ניט שוין זשע מיינט איר, אַז מע טוט טאַקע אַזוי, ווי די גערעכטי-קייט פאָדערט? איך מיין, אַז מע וועט אײַך פאַר אים ניט צאָלן.

— וועלן זיי אים מוזן צונעמען אין קינדערהיים. קיינער קען מיך ניט צווינגען צו האַלטן א פרעמד קינד קעגן מײַן ווילן.

— איר האָט דאָך אים צוגענומען, האָט איר דערמיט שוין גענומען א פליכט אויף זיך.

— איך וועל אים מער ניט האַלטן! און אויב אפילו איך

*) עלטסטן פון דאָרף.

װעל אים דאַרפֿן איבערלאָזן אין מיטן גאַס, װעל איך דאָך לײז װערן פֿון אים!

— ס'איז דאָ אַן אַנדער מיטל פֿון אים לײז צו װערן—האָט דער אַלטער געזאָגט — און איר קענט נאָך עפּעס פֿאַרדינען דערבײַ.

— אויב איר װײַזט מיר דעם מיטל, שטעל איך אַ פֿלאַש.

— באַשטעלט אַ פֿלאַש װײַן, און אײַער זאַך איז געמאַכט.

— אויף געװיס?

— אויף געװיס.

בײַ די װערטער האָט זיך דער אַלטער אויפֿגעהויבן פֿון זײַן פּלאַץ און זיך צוגעזעצט צום פּאַטער באַרבערען.

דערבײַ האָט זיך זײַן שעפּסענער פּעלץ אַ מאָדנעם ריר געגעבן, אַזוי װי ער װאָלט געהאַלטן אַ הונט אונטערן לינקן אָרעם.

— איר װילט, הײסט דאָס, אַז דאָס קינד זאָל מער נישט עסן אײַער ברויט? און אויב יאָ עסן, װילט איר, מע זאָל אײַך צאָלן פֿאַר אים?

— ריכטיק, װײַל...

— מיך אַרט ניט, צוליב װאָס איר װילט דאָס. מיר איז גענוג צו װיסן, אַז איר װילט מער ניט דאָס קינד. אויב אַזוי, גיט אים מיר אָפּ. איך נעם זיך אָן אים אויסצוהאַלטן.

— אײַך אַװעקגעבן דאָס קינד?

— איר װילט דאָך פּטור װערן פֿון אים!

— אַזאַ שײן קינד אײַך אָפּגעבן?

— איך זע, אַז דאָס איז אַ שײן קינד.

— רעמי, קום אַהער.

איך בין צוגעגאַנגען צום טיש ציטערנדיק מיט אַלע גלידער.

— האָב קײן מורא נישט, מײַן קלײנער—האָט דער אַלטער געזאָגט.

— קוקט! — האָט באַרבערען געזאָגט.

— איך זאָג ניט, דאָס איז אַ מיאוס קינד. װען עס װאָלט געװען מיאוס, װאָלט איך אים ניט גענומען. איך דאַרף נישט קײן פֿאַרזעענישן. װען ער װאָלט געװען אַ קאַרליק, אָדער אַ פֿאַרזעעניש מיט צװײ קעפּ, װאָלט איך אים ניט אַװעקגע-

געבן אין קײן קינדערהויז. מיט א קאַרליק אָדער א פאַרזעעניש קען מען פאַרדינען געלט, און מיט אים ניט.

— ער קען אָבער אַרבעטן.

— נײן — האָט געענטפערט דער אַלטער — דערצו איז ער צו שװאַך, זײַנע הענט און פיס זײַנען צו דין.

— טאַפּט אים אָן — האָט באַרבערען פאַרגעלײגט.

דער אַלטער האָט אַרױפגעלײגט זײַן האַנט אױף מײַנע פּלײצעס און א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

אַזױ האָט דער הענדלער באַטאַפּט אונדזער קו. ער האָט אױך געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט, אַז זי טױג ניט, און פון דעסט װעגן האָט ער זי אָפּגעקױפט. ניט שױן זשע װעט דער אַלטער מיך אױך אָפּקױפן און אַװעקפירן! מוטער באַר-בערען! א, מוטער באַרבערען!

צו מײַן אומגליק איז זי דאָ ניט געװען.

— דאָס איז א קינד פון שטאָט. בײַ דאָרפישער אַרבעט װעט עס לאַנג ניט אױסהאַלטן. איך נעם דעם יִנגל, װי ער שטײט און גײט. איך קױף אים ניט אָפּ בײַ אײַך. איך דינג אים מער נישט אָן. איך גיב אײַך צװאַנציק פראַנק א יאָר פאַר אים.

— צװאַנציק פראַנק א יאָר! דער קינדערהײם װעט מיר געבן צװאַנציק פראַנק א מאָנאַט.

בײדע האָבן זיך נאָך לאַנג געדונגען װעגן מיר און מיך געשטופּט אַזױ װי א זאַך פון אײנעם צו דעם אַנדערן.

דער אַלטער האָט שױן אָנגעבאָטן דרײַסיק פראַנק.

פאָטער באַרבערען האָט פאַרלאַנגט פערציק.

— צוליב הײמלעכקײט װיל איך אים נעמען. איך װער אַלט, אין א שלעכטן װעטער נאָך א טאָג פון מי קומען טרױעריקע געדאַנקען. מיטן יִנגל װעט מיר זײַן פרײלעכער. אױסער דעם װעט ער דאַרפן טאַנצן און שפּרינגען און גײן און װידער טאַנצן. ער װעט פאַרנעמען א פּלאַץ אין דער טרופּע פון סעניאָר װיטאַליס.

— װוּ איז זי, די טרופּע?

סעניאָר װיטאַליס — דאָס בין איך, װי איר זעט מיך. און מײַן טרופּע װעל איך אײַך באַלד פאָרשטעלן.

בײַ די װערטער האָט ער געעפנט זײַן שעפסענעם פעלץ און גענומען אין האַנט אַרײַן אַ מאָדנע חיהלע, װאָס ער האָט געהאַלטן אונטערן לינקן אָרעם צוגעדריקט צו דער ברוסט.

דאָס חיהלע האָט פריִער עטלעכע מאָל געהאַט אױפגעהױבן דעם פעלץ. דאָס איז ניט געװען קײן הינטל.

איך האָב עס געזען דעם ערשטן מאָל אין מײַן לעבן און האָב ניט געװוּסט, װי דאָס הײסט.

עס איז געװען אָנגעטאָן אין אַ רױטער בלוזע מיט גאָלדערנע גאַלונען. די פיס און די הענט זײַנען געװען נאַקעט. אַ הוט האָט ער געטראָגן אַ שװאַרצן. דער קאָפּ איז אױך געװען שװאַרץ און קלײן, אַזױ װי מײַן פױסט.

מער פון אַלץ האָבן מיך פאַרװוּנדערט די אױגן. גרױסע, באַװעגלעכע, האָבן זײ געגלאַנצט װי אַ שפּיגל.

— אָ, אַ מאַלפּע! – האָט אױסגעשריִען באַרבערען.

קײן מאַלפּעס האָב איך פריִער ניט געזען, אָבער איך האָב געהערט װעגן זײ. איצט האָב איך שױן פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער האַלט אין דער האַנט ניט קײן שװאַרץ קינד, נאָר אַ מ..לפּע.

— דאָס איז די ערשטע פערזאָן פון מײַן טרופּע – האָט דער אַלטער געזאָגט: – דאָס איז „שײנהאַרץ“. מײַן פרײַנד „שײנהאַרץ“, באַגריס די הערן!

„שײנהאַרץ“ האָט צוגעלײגט זײַן האַנט צו די ליפּן און אונדז אַלעמען געשיקט אַ קוש אין דער לופטן.

— און איצט – האָט דער אַלטער געזאָגט, אױסציִענדיק די האַנט צום גרױסן הונט – װעט דער סעניאָר פאַרשטעלן זײַנע חברים פאַר דער געערטער געזעלשאַפט.

דער הונט, װאָס איז ביז אַהער געלעגן גאָר רויִק, האָט זיך געשטעלט אױף די הינטערשטע לאַפּקעס. די פאָדערשטע האָט ער צוגעדריקט צו דער ברוסט. דערנאָך האָט ער זיך אַזױ נידעריק פאַרנײגט פאַר זײַן באַלעבאָס, אַז דאָס היטל זײַנס האָט אָנגערירט דעם דיל.

די איבעריקע צװײ הינט האָבן זיך דערלאַנגט די לאַפּעס, װי מע דערלאַנגט זיך די הענט אין דער געזעלשאַפט. דערנאָך

האָבן זיי וויכטיק געשטעלט זעקס טריט פאָרויס און דרײַ טריט
אויף צוריק און באַגריסט די געזעלשאַפט.
— דער וואָס הייסט קאַפּי, האָט דער אַלטער דערקלערט —
אָדער קאַפּיטאַן אויף איטאַליעניש. איז דער שעף פון די הינט.
ער איז דער קליגסטער און גיט די איבעריקע צו פאַרשטיין
מײַנע באַפעלן.
— דער הונט מיט די שוואַרצע האָר איז סעניאָר זערבינאָ.
ער איז זייער גאַלאַנט. און דער קליינער גרויער איז סעניאָרא
דאָלצע, אַ שיינע ענגלענדערין. אָט מיט דער טרופּע גיי איך
אַרום איבער דער וועלט און פאַרדין מײַן ברויט. קאַפּי! קום
אַהער, ווײַז דעם יינגל, וואָס קוקט אויף דיר מיט אויסגע-
שטעלטע אויגן, וויפל דער זייגער איז!
קאַפּי איז צוגעגאַנגען צום אַלטן, האָט אויפגעהויבן די
פאָלע פון זײַן פעלץ, אַרויסגענומען פון זײַן קעשענע אַ
גרויסן זילבערנעם זייגער, זיך אײַנגעקוקט אויפן ציפערבלאַט
און געגעבן דרײַמאָל אַ ביל צוויי מאָל און נאָך דעם נאָך דרײַ
מאָל, אָבער שוין מיט אַ שוואַכער שטים. דער זייגער איז טאַקע
געווען דריי פערטל אויף דרײַ (צוויי מיט דרײַ פערטל).
— זייער גוט! — האָט סעניאָר וויטאַליס געזאָגט צום הינטל:
— אַ דאַנק אײַך. איצט וועט איר זיך אָפּשר באַמיִען אײַנלאַדן
די סעניאָרע דאָלצע צום טאַנץ, אויף אַ שטריקל.
קאַפּי האָט אַרויסגענומען פון באַלעבאָס׳ קעשענע אַ שטריקל,
געמאַכט אַ צייכן צו זערבינאָן. ביידע הינט האָבן געכאַפּט
דאָס שטריקל פאַר ביידע ברעגעס און עס גענומען דרייען, און
דאָלצע האָט גענומען שפּרינגען איבער דער שטריק, ניט אָפּ-
רײַסנדיק אירע גוטע אויגן פונעם סעניאָר וויטאַליס.
— איר זעט — האָט געזאָגט וויטאַליס — ווי קלוג מײַן טרופּע
איז. איך לאָד אײַן דעם יינגל אין מײַן טרופּע. מע זאָל נאָך
בעסער פאַרשטיין, ווי קלוג די הינט זײַנען. מיר וועלן טאַקע
באַלד זען. אויב ער איז אַ קלוגער, וועט ער וועלן גיין מיטן
סעניאָר וויטאַליס. דאָס וועט זײַן אַ פרײַ לעבן. מיט מיר וועט
ער דורכגיין גאַנץ פראַנקרייך און זען אַנדערע לענדער. דאָס
איז שענער און בעסער ווי נאָכצוגיין אַלע טאָג די אָקסן אויף
דער גרינער לאָנקע, אָדער צו זײַן אין קינדערהיים, וווּ מע

דאַרף אַזוי שווער אַרבעטן. אויב ער איז אַ קלוגער, וועט ער מיטגיין; אויב ניט, וועט ער נעמען שרײַען. דאַן וועל איך אים ניט נעמען.

איך האָב גוט פֿאַרשטאַנען זײַנע ווערטער. אמת טאַקע, אַז זײַנע הינט זײַנען קלוג און ס'איז אַ פֿאַרגעניגן אַרומצוגיין. אָבער ווי צעשיידט מען זיך מיט דער מוטער באַרבערען!

אמת, ווען איך וועל ניט מיטגיין מיטן אַלטן, וועל איך זיך אויך מוזן צעשיידן מיט דער מוטער באַרבערען, ווײַל מע וועט מיך אָפּגעבן אין קינדערהיים.

איך בין געשטאַנען אַ צעטראָגענער מיט טרערן אין די אויגן.

סעניאָר וויטאַליס האָט ווײַך אָנגערירט מײַן באַק מיט זײַנע פֿינגער און געזאָגט:

— דאָס קינד פֿאַרשטייט. עס וויינט ניט. מאָרגן וועלן מיר זען...

— אָ, סעניאָרו—האָב איך אויסגעשריִען — לאָזט מיך בײַ דער מאַמען באַרבערען, איך בעט אײַך!

איך האָב נאָך ניט באַוויזן דאָס אויסצורעדן, ווי קאַפּי האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו בילן און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן טיש, ווו די מאַלפּע „שיינהאַרץ" איז געזעסן.

„שיינהאַרץ" האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס וויטאַליס איז פֿאַרנומען, און דערווײַלע זיך אָנגעגאָסן אין אַ גלאָז דעם ווײַן פֿון פֿלאַש און שוין געוואָלט אויסטרינקען, אָבער קאַפּי דער געטרײַער האָט ניט געוואָלט לאָזן טרינקען דעם אַלטנס ווײַן.

— שיינהאַרץ — האָט דער אַלטער געזאָגט — איר זײַט אַ נאַשער, שטעלט זיך אין ווינקל! זערבינאַ, גיט אַכטונג אויף איר. און איר, קאַפּי, זײַט אַ בראַווער הונט, ציט מיר אויס אַ לאַפּע, איך וועל זי אַ דריק טאָן.

די מאַלפּע האָט געפֿאָלגט, און וויטאַליס האָט געדריקט קאַפּיס אויסגעצויגענע האַנט. די לאַפּע, מיין איך.

באַרבערען און וויטאַליס האָבן זיך נאָך לאַנג געדונגען וועגן מיר—30 אָדער 40 פֿראַנק. דערנאָך האָט מען מיך געהייסן

ארויסגײן אויפן הויף, זיך שפּילן. אָבער שפּילן זיך האָב איך ניט געקענט. מײַן האַרץ האָט געציטערט און געוויטאָקט.

אין אַ שעה אַרום איז באַרבערען אַלײן ארויסגעגאַנגען פון קאַפּע און האָט מיך אַ רוף געטאָן:

— קום!

ניט שוין זשע גײען מיר טאַקע צוריק אַהײם און איך בלײַב בײַ דער מוטער באַרבערען?

איך האָב ניט געוואַגט צו פרעגן: אַזוי בײז האָט ער אויסגעזען, באַרבערען.

פאַרן אַרײַנגײן אין שטוב האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט צו מיר, האַלטנדיק מיך פאַרן אויער:

— געדענק, אויב דו וועסט דערצײלן כאָטש אײן וואָרט וועגן דעם, וואָס ס'איז געווען אין קאַפּע, וועסטו טײַער באַצאָלן. געדענק זשע!

דאָס הויז פון מײַן מוטער.

נו, וואָס האָט געזאָגט דער מער? — האָט מוטער באַרבערען געפרעגט, ווען מיר זײַנען אַרײַן אין שטוב.

— מיר האָבן אים ניט געפונען, מיר וועלן גײן מאָרגן — האָט באַרבערען געענטפערט.

איך בין געווען זײער פאַרצווייפלט. וואָס קען דאָס זײַן? באַרבערען גיט מיך אָפּ אָדער ניט?

איך, וואָלט דאָס אַלץ דערצײלט דער מוטער באַרבערען, אָבער דער פאָטער איז אויף אַ ווײַלע ניט אַרויס פון שטוב, אַזוי ווי ער וואָלט מיר היטן, איך זאָל מיט איר ניט רײדן.

איך האָב זיך געלײגט שלאָפן מיט דער האָפענונג, אַז איך וועל רײדן מיט איר אין דער פרי. אָבער ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז זי אין שטוב ניט געווען.

באַרבערען האָט באַמערקט, אַז איך זוך די מוטער, האָט ער מיר געזאָגט:

— זי איז אוועק אין דאָרף און וועט פאַר מיטאָג ניט קומען.

איך בין געווען אומרויק. איך האָב געפילט, אַז מיר שטייט פאַר אַ געפאַר. און באַרבערען האָט געקוקט אויף מיר אַזוי, אַז מײַן שרעק איז נאָך שטאַרקער געוואָרן.

איך בין אַרויס אין גאָרטן. דאָס איז ניט געווען קיין גרויסער גאָרטן, אָבער פון אים האָבן מיר געהאַט אַלץ: קאַרטאָפל, קרויט, מערן; און דאָך האָט מיר מוטער באַרבערען דאָ אָפּגעגעבן אַן אייגן ווינקעלע, וווּ איך האָב פאַרפלאַנצט אַלערליי גראָזן און בלומען, וואָס איך האָב געפונען אויפן העג אָדער לעבן וואַלד פיטערנדיק די קי.

איך האָב זייער ליב געהאַט מײַן ווינקעלע און מיט אומגעדולד געוואַרט, וואָס עס וועט אויסוואַקסן פון דער זאַט, וואָס איך האָב פאַרזייט. אַלע טאָג פלעג איך גיין זען, וואָס אין מײַן גערטעלע טוט זיך.

דאָ האָב איך זיך אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אָן דער געפאַר, וואָס מיר שטייט פאַר. מיט אַ מאָל האָט מיך באַרבערען אַרײַנגערופן אין שטוב. און ווי גרויס איז געווען מײַן פאַרוווּנדערונג, ווען איך האָב דערזען אין הויז סעניאָר וויטאַליכן מיט זײַן טרופע.

איך האָב גלײַך פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטײַט: באַרבערען האָט בכיוון אַרויסגעשיקט די מוטער אין דאָרף, זי זאָל זיך ניט קענען אָננעמען פאַר מיר. און וויטאַליס איז דאָס געקומען מיך צונעמען.

איך האָב געפילט, אַז באַרבערען וועט אויף מיר קיין רחמנות ניט האָבן. דערפאַר בין איך צוגעלאָפן צום אַלטן:

— אָ, סעניאָר! — האָב איך אויסגעשריִען — פירט מיך ניט אוועק!

און איך האָב זיך ביטער צעוויינט.

— קום, מײַן קינד — האָט ער געזאָגט צו מיר מיט אַ ווייכער שטים — דיר וועט זײַן גוט מיט מיר. איך שלאָג ניט קיין קינדער, און זיי, מײַנע באַגלייטער, וועלן דיך אַזוי אַמוזירן. וואָס האָסטו דאָ צו זשאַלעווען!

— די מוטער באַרבערען!

— סײַ ווי וועסטו דאָ ניט בלײַבן—האָט געזאָגט באַרבערען, אָנכאַפּנדיק מיך פֿאַרן אויער:

— מיטן סעניאָר אָדער אין קינדערהײם! קלײַב אויס!

— נײן! די מוטער באַרבערען!

— אָ, דו דערעסט מיר!—האָט געשריִען באַרבערען—איך מוז דיך אַרויסטרײַבן פֿון מײַן שטוב מיט אַ שטעקן!

— דאָס קינד וויל זיך ניט שײדן מיט זײַן מוטער – האָט וויטאַליס געזאָגט—דערפֿאַר טאָר מען אים ניט שלאָגן. עס האָט אַ האַרץ. ס'איז אַ גוטער סימן.

— אויב איר וועט אַרויסווײַזן רחמנות צו אים, וועט ער נאָך מער שרײַען.

— נו, גענוג. לאָמיר אַריבערגײן צו דער זאַך.

און רײדנדיק אַזוי האָט וויטאַליס אויסגעשאָטן אויפֿן טיש פֿערציק פֿראַנק.

באַרבערען האָט זײ גלײַך אַראָפּגעלאָזן אין זײַן קעשענע.

וויטאַליס האָט געבעטן מײַנע זאַכן. באַרבערען האָט אים דערלאַנגט אַ פּעקל אין אַ פֿאַטשײלקע. דאָרטן זײַנען געלעגן מײַנע צוויי העמדער און אַ פּאָר לײַוונטענע הײזלעך.

— קום, מײַן קלײנער—האָט וויטאַליס געזאָגט צו מיר:— מיר מוזן גײן. איך האָב קײן צײַט ניט. ווי הײסטו?

— רעמי!

— קום, רעמי!

איך האָב אויסגעצויגן מײַנע הענט צו אים און דערנאָך צו באַרבערען. אָבער בײדע האָבן אָפּגעקערט דעם קאָפּ. איך האָב נאָר דערפֿילט, אַז דער אַלטער נעמט מיך אָן.

אָ, מײַן אָרעם הויז! דאָ בלײַבט איבער אַ גרויס שטיק פֿון מיר אַלײן. איך קוק זיך אַרום. מײַנע אויגן, פֿולע מיט טרערן, זעען ניט קײנעם, ווער עס זאָל קומען מיך ראַטעווען. קײן מענטש זעט זיך ניט אויפֿן וועג.

איך הײב אָן צו שרײַען:—מאַמע! מוטער באַרבערען!

אָבער קײנער רופֿט זיך ניט אָפּ.

מע מוז גײן. באַרבערען גײט אַרײַן אין שטוב.

— אַ גליקלעכן וועג!—שרײַט ער צו אונדז.

איך גײ מיטן אַלטן. ער פּאַסט צו זײַנע טריט צו מײַנע.

מיר הייבן זיך אויף אויף א באַרג. דער וועג דרייט זיך. בײַ איטלעכן קער זע איך ווידער אונדזער הויז. עס ווערט אַלץ קלענער. איך ווייס, אַז פון אויבן וועל איך עס נאָך א מאָל דערזען. דאָס וועט שוין זײַן צום לעצטן מאָל. פאַר מיר — אַן אומבאַוווּסטע וועלט; הינטער מיר — דאָס הויז, וווּ איך האָב געלעבט ביזן הײַנטיקן טאָג אַזוי גליקלעך. און מער וועל איך עס שוין קיין מאָל ניט זען...

— איך וויל זיך אָפּרוען א ווײַלע-זאָג איך צום אַלטן.

— ביטע, מײַן קינד.

ער לאָזט אָפּ מײַן האַנט, אָבער ער גיט א ווונק צו קאַפּין, און דער הונט שטעלט זיך הינטער מיר ווי א גוטער וועכטער.

איך פאַרשטיי, וואָס דאָס מיינט: אויב איך וועל פרוּוון אַנטלויפן, וועט קאַפּי מיך נאָכיאָגן.

איך זעץ זיך אויפן גראָז און זוך מיט די פאַרוויינטע אויגן אונדזער הויז אין דער ווײַט.

קאַפּי טרעט ניט אָפּ פון מיר.

אָט איז מײַן מוטערס הויז. איך דערקען עס באַלד פון דער ווײַטן. פון קוימען הייבט זיך א רויך אין דער שטילער לופט. דער רויך וועט זיך באַלד דערטראָגן ביז אַהער, און מיר דאַכט זיך, אַז איך שפּיר דעם ריח פון די פאַרטריקנטע בלעטער אויף די צווײַגלעך, וואָס מיר פלעגן הייצן מיט זיי אונדזער אויוון. מיר דאַכט זיך, אַז איך זיץ לעבן אויוון אויף מײַן קליין בענקעלע און וואַרעם די פאַרפראָרענע פיס אין דעם וואַרעמען אַש. איך זע אַפילו אונדזער איינציקע הון. פון ווײַטן דוכט זיך, אַז זי איז ניט גרעסער פון א טויב. און אָט איז דער באַרנבוים מיט דעם אײַנגעבויגענעם שטאַם; דאָס טײַכעלע, וואָס שלענגלט זיך אויפן גראָז ווי א ווײַסע סטענגע. אַלץ זעט זיך. אַלץ איז אויף אַן אָרט. מײַן ליבער גאָרטן אויך. ווער וועט זען, ווי עס וועלן פאַרטיק ווערן מײַנע גרינסן! באַרבערען, דער בייזער באַרבערען, וועט זיי עסן... נאָך א פּאָר טריט אויף אונדזער וועג, און אַלץ וועט אויף אייביק פאַרשווינדן פון מײַנע אויגן.

מיט א מאָל האָב איך דערזען אויפן וועג, וואָס גייט פון דאָרף צו אונדזער הויז, א פרוי מיט א ווײַסן הײַבל אויפן קאָפּ. אָט פאַרלירט זי זיך צווישן די ביימער, אָט באַווײַזט זי זיך

װײַדער. ס'איז צו װײַט, כ'זאָל קענען זען דאָס פּנים, אָבער מײַן האַרץ זעט װײַטער װי מײַנע אויגן: איך דערקען מוטער באַר־בערען. דאָס איז זי. איך בין זיכער. איך פֿיל, אַז דאָס איז זי.

— נו—האָט װיטאַליס געפֿרעגט—מיר גײען װײַטער?

— אָ, לאָזט מיך זיצן נאָך אַ װײַלע, איך בעט אײַך!

— דאָס איז ניט גוט. מע װעט זאָגן, אַז דו האָסט קײן פּיס ניט. װי װעלן מיר מאַכן אונדזערע װײַטע רײַזעס, אויב דו װעסט אַזוי גיך מיד װערן?

איך האָב קײן זאַך ניט געענטפֿערט. איך האָב אַלץ געקוקט. דאָס איז מוטער באַרבערען. דאָס איז איר היטל, איר בלויע קלײד. זי עפֿנט דעם טויער פֿון הויף, זי גײט מיט גיכע טריט צום הויז.

איך שטעל זיך. קאַפּי שפּרינגט אויף.

מוטער באַרבערען גײט באַלד אַרויס פֿון שטוב. זי לויפֿט אַרום איבערן הויף מיט אויסגעשטרעקטע הענט. דאָס זוכט זי מיך.

איך גיב זיך אַ בײג פֿאָרויס און הײב אָן צו שרײַען, װיפֿל כּוח איך האָב:

— מאַמע! מאַמע!

זי קען מײַן שטים נישט הערן. מײַנע קולות פֿאַרלירן זיך אין דער לופֿטן.

— װאָס איז מיט דיר?—פֿרעגט װיטאַליס—דו ביסט משוגע געװאָרן?

איך ענטפֿער ניט. מײַנע אויגן רײַסן זיך ניט אָפּ פֿון דער מוטער באַרבערען. זי װײס ניט, אַז איך בין אַזוי נאָענט פֿון איר. זי הײבט ניט אויף דעם קאָפּ אין מײַן זײַט. זי גײט װידער אַרויס אויפֿן װעג. זי קוקט זיך אַרום אין אַלע זײַטן.

איך שרײַ נאָך העכער, אָבער אַלץ אומזיסט.

װיטאַליס טרעפֿט מײַנע געדאַנקען. ער קוקט זיך אײַן אויף אונטן, דערזעט די װײַסע הויב און זאָגט שטיל:

— אָרעם קינד מײַנס!

זײַנע װערטער גיבן מיר צו מוט. איך בעט זיך בײַ אים:

— אָ, לאָזט מיר זיך אומקערן!

ער נעמט מיך פֿאַר דער האַנט און פֿירט מיך.

— קאַפּי, זערבינאָ!

בײדע הינט רינגלען מיך אַרום—אײנער פון פאָרנט, דער אַנדערער פון הינטן. מיר גײען אָפּ עטלעכע טריט און איך קער װידער אָפּ דעם קאָפּ אויף צוריק.

מיר זײַנען אַריבער דעם באַרג. עס זעט זיך שוין ניט דער טאָל. אונדזער הויז אויך ניט. מער נישט די בלױלעכע בערג הײבן זיך, דוכט זיך, ביזן סאַמע הימל. מײַנע אײגן פאַרלירן זיך אין דער װײַטעניש, װאָס איז אָן אַ ברעג.

אין װעג.

װיטאַליס האָט מיך געקויפט פאַר פערציק פראַנק. אָבער ער איז ניט געװען קײן מענטשנפרעסער און אַפילו ניט קײן שלעכטער מענטש. איך האָב זיך גאָר גיך איבערצײַגט אין דעם. װען מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן פון באַרג און זיך פאַרקירעװעט אויף דָרום, האָט ער אָפּגעלאָזן מײַן האַנט.

— איצט גײ פרײַ לעבן מיר — האָט ער געזאָגט — אָבער געדענק: אויב דו װעסט פרובירן אַנטלויפן, װעלן קאַפּי און זערבינאָ דיך באַלד דעריאָגן, און זײ האָבן שאַרפע צײנער.

איך האָב געפילט, אַז ראַטעװען זיך קאָן איך שוין ניט, אַז ס'איז איבעריק צו פרובירן. איך האָב אַ זיפץ געטאָן.

— איך זע דײַן שװער האַרץ — האָט װיטאַליס גערעדט צו מיר — װײן, אויב דיר װערט לײַכטער פון די טרערן. איך װעל אויף דיר קײן פאַראיבל ניט האָבן. אָבער מײן נישט, אַז דאָס איז שלעכט פאַר דיר, װאָס איך האָב דיך אַװעקגעפירט. װאָס װאָלט געװאָרן כון דיר? דו װאָלסט געװיס אַרײַנגעפאַלן אין אַ קינדערהײם. די מענטשן, װאָס האָבן דיך דערצויגן, זײַנען דאָך ניט דײַנע עלטערן. דײַן מוטער איז געװען זײער צערטלעך צו דיר. דו האָסט זי שטאַרק ליב. אָבער קעגן דעם מאַנס װילן װאָלט זי דיך דאָך ניט געקענט װײַטער האַלטן. און איר מאַז איז אויך ניט אַזאַ שלעכטער, װי דו מײנסט. ער האָט ניט

פון וואַנען צו לעבן. ער איז אַ קאַליקע און קען ניט פאַרדינען. ער האָט מורא צו שטאַרבן פון הונגער מיט זײַן פרוי. פאַרשטיי, מײַן קינד, אַז ניט אַלע מאָל קען מען טאָן אַזוי ווי עס ווילט זיך.

דאָס זײַנען געווען ריכטיקע ווערטער. אָבער איינס האָב איך ניט געקענט פאַרגעסן — די צעשיידונג. איך וועל שוין קיין מאָל ניט זען די, וואָס האָט מיך אויסגעהאָדעוועט, וואָס איז געווען אַזוי צערטלעך צו מיר, די, וועמען איך האָב אַזוי ליב...

דאָס האָט מיך געדריקט, פאַרכאַפּט דעם אָטעם. איך האָב זיך געשטיקט מיט מײַן צער.

גייענדיק לעבן וויטאַליסן האָב איך אַלץ געטראַכט וועגן זײַנע ווערטער: באַרבערען איז דאָך ניט מײַן פֿאָטער. גענוג, וואָס ער האָט מיך אויסגעהאָדעוועט. ער דאַרף דאָך ניט שטאַרבן פון הונגער צוליב מיר.

וויטאַליס פלעגט אַלץ איבערחזרן:

— באַקלער, וואָס איך האָב דיר געזאָגט. דו וועסט ניט זײַן אומגליקלעך מיט מיר.

אונדזער וועג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון די בערג אויף אַ וויסטן זאַמדיקן פליין, אָן הײַזער, אָן ביימער. דער ווינט האָט דאָ מער נישט געטראָגן דעם גרויען שטויב.

— דו זעסט, דאָ קען מען ניט אַנטלויפן, ניטאָ וווּ זיך צו באַהאַלטן. קאַפּי און זערבינאָ וועלן דיך גלײַך געפינען.

אַנטלויפן! איך האָב אפילו ניט געטראַכט שוין וועגן דעם. צו וועמען זאָל איך לויפן!

און דער אַלטער מיטן ווײַסן באָרד איז גאָר ניט אַזאַ שלעכטער, ווי איך האָב געמיינט. און אויב ער וועט זײַן מײַן באַלעבאָס, וועט ער אָפשר זײַן גאָרניט קיין בייזער באַלעבאָס.

אַ צײַט זײַנען מיר געגאַנגען איבער די וויסטע זאַמדיקע פעלדער. איך האָב זיך גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט אַ רײַזע: איך האָב געמיינט, אַז דאָס וועלן זײַן נײַע ערטער, שענערע ווי מײַן היימיש דאָרף. דעם ערשטן מאָל אין מײַן לעבן בין איך געגאַנגען צו פוס אַזוי לאַנג און אַזוי ווײַט.

דער אַלטער איז געגאַנגען מיט גלײַכע טריט, טראָגנדיק אויף זיך די מאַלפּע „שיינהאַרץ"; די הינט — נאָך אים. פון צײַט צו צײַט פלעגט ער זאָגן צו זײַן טרופּע עטלעכע פרײַנדלעכע

װערטער. אַ מאָל אין פראַנצױזיש און אַ מאָל אין אַן אַנדער שפּראַך, װאָס איך האָב ניט פאַרשטאַנען.

ניט ער און ניט די הינט זײַנען ניט געװאָרן מיד. אָבער איך האָב זיך קוים געשלעפּט. דער שװערער װעג און מײַן אומעט האָבן אױסגעשעפּט מײַנע קרעפטן. איך האָב אָבער ניט געװאַגט צו בעטן, מע זאָל זיך אָפּשטעלן.

— דו ביסט מיד צוליב דײַנע שװערע קלומפּעס—האָט װי־טאַליס געזאָגט צו מיר—אין אוסעל װעל איך דיר קױפן שיך.

די װערטער האָבן מיר צוגעגעבן מוט. װעגן שיך האָב איך שױן לאַנג געחלומט. דער זון פון אונדזער מער און דעם שענקערס זון האָבן געטראָגן שיך. די שיך פלעגן אזױ פײַן סקריפּען. און די קלומפּעס, װאָס מיר, פּױערשע קינדער, טראָגן, פלעגן אַזױ קלאַפּן...

— ס׳איז װײַט ביז אוסעל?

— יאָ, דאָס איז אַ געשרײ פון האַרצן — האָט װיטאַליס גע־לאַכט — דיר װילט זיך שיך. גוט. איך װעל דיר קױפן און דערצו נאָך סאַמעטענע הױזן, אַ װעסט און אַ הוט. דאָס װעט אױסטריקענען דײַנע טרערן, און דײַנע פּיס װעלן מונטער גײן די זעקס מײַל, װאָס זײַנען אונדז נאָך איבערגעבליבן צו גײן.

און די שיך װעלן זײַן אונטערגעהאַקט מיט טשװעקעס.

— שיך מיט טשװעקעס! אָ, צוליב אַזױנס קען מען פאַרגעסן דעם גרעסטן צער!

שיך, שיך מיט טשװעקעס, הױזן פון סאַמעט, אַ װעסט, אַ הוט! אָ, װען מוטער באַרבערען קען דאָס זען! אָ, װאָלט זי זיך געפרײט! װי שטאָלץ זי װאָלט געװען מיט מיר!

און דאָך האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך װעל ניט אױס־האַלטן די זעקס מײַל, װאָס מע דאַרף נאָך דורכגײן.

דער הימל, װאָס איז פון אָנהײב געװען בלױ, האָט זיך ביסלעכװײַז באַדעקט מיט גרױע װאָלקנס, און ס׳האָט אָנגעהױבן צו גיסן אַ קלײן רעגנדל, װאָס האָט זיך געדאַכט, אַז עס װעט קײן מאָל ניט אױפהערן.

װיטאַליס איז געװען גוט געשיצט פון רעגן אונטער זײַן שעפּסענעם פעל, און די מאַלפּע אױך. אָבער איך און די הינט זײַנען דורכגענעצט געװאָרן ביזן בײן. די הינט האָבן זיך געקענט

אָפּטרײסלען, און איך האָב דאָס אויך ניט געקענט. די נאַסע קלײדער האָבן מיך געדריקט מיט זײער שווערער מַשׂאָ, און ס'איז מיר געווען קאַלט.

— דו פאַרקילסט זיך לײַכט! — האָט מיך וויטאַליס געפרעגט.

— איך ווייס ניט. איך געדענק ניט, איך זאָל זיך האָבן פאַרקילט אַ מאָל.

— דאָס איז גוט, אָבער איך וויל ניט ריזיקירן מיט דײַן געזונט. גענוג אויף הײַנט צו גיין. אָט איז אַ דאָרף. מיר וועלן דאָ נעכטיקן.

אין דאָרף איז ניט געווען קיין אַכסניה, און קײנער האָט ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן אַ מענטשן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ בעטלער, מיט זײַנע הינט און מיט אַ קלײנעם יינגל.

— בײַ אונדז נעכטיקט מען ניט — האָט מען אונדז אומעטום געזאָגט — און פאַרהאַקט די טיר פאַר אונדזער נאָז.

מיר זײַנען געגאַנגען פון הויז צו הויז, און אומעטום דאָס זעלביקע.

ניט שוין וײַט מוזן מיר גיין נאָך פיר מײַל אין רעגן און אין קעלט הונגעריקע! מײַנע פיס זײַנען געוואָרן ווי צוויי שטיקער האָלץ.

אָ, דאָס הויז פון דער מוטער באַרבערען!

צום סוף האָט זיך געפונען אַ פויער, וואָס איז געווען בעסער פון די איבעריקע: ער האָט אונדז געוואָלט אַרײַנלאָזן אין אַ שײַער, אָבער מיר האָבן געמוזט צוזאָגן, אַז מיר וועלן ניט אָנצינדן קיין פײַער.

— גיט מיר אײַערע שוועבעלעך. מאָרגן באַקומט איר זײ צוריק — האָט דער פויער געזאָגט צו וויטאַליסן.

גוט, וואָס מיר זײַנען אונטער אַ דאַך. וויטאַליס האָט אַראָפּגענומען זײַן זאַק פון רוקן. ער האָט אַרויסגעצויגן פון אים אַ לאַבן ברויט און אים צעטײלט אויף עטלעכע שטיקער. דאָ האָב איך געזען, ווי ער האַלט אָרדענונג און דיסציפּלין אין זײַן טרופּע.

ווען מיר זײַנען געגאַנגען פון הויז צו הויז, האָט זיך זערבינאָ אַרײַנגעכאַפּט אין אַ שטוב און איז אַרויסגעלאָפן מיט אַ פולן מויל.

וויטאַליס האָט געזאָגט צו אים נאָר די ווערטער:

— „ביז אין אָוונט, זערבינאָ"

איך האָב די ווערטער פארגעסן, אָבער ווען וויטאַליס האָט געשניטן דאָס ברויט, האָב איך באַמערקט, אַז זערבינאָ מאַכט עפּעס אַ שולדיקע מינע.

איך בין געזעסן לעבן וויטאַליסן; „שיינהאַרץ"—צווישן אונדז ביידן; און די דריי הינט אַנטקעגן אונדז, ניט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פונעם אַלטן. מער נישט זערבינאָ איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— זאָל דער גנב אַרויס פון דער ריי—האָט וויטאַליס אַ קאָמאַנדעווע געטאָן—זאָל ער גיין אין ווינקל און זיך לייגן שלאָפן אָן וועטשערע.

זערבינאָ האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און זיך פארקליבן אין אַ ווינקל, ווי דער באַלעבאָס האָט אים געהייסן. מער האָבן מיר אים ניט געזען. עס האָט זיך נאָר געהערט, ווי ער כראָפּעט.

נאָך דעם האָט ער מיר דערלאַנגט אַ שטיק ברויט, האָט אַליין אויך געגעסן; זיין חלק און צעטיילט דאָס איבעריקע ברויט צווישן „שיינהאַרץ", קאַפּי און ראַלצע, אַ ביסן נאָך אַ ביסן.

אמת, ביי דער מוטער באַרבערען האָב איך אויך קיין וווילטאָג ניט געזען, אָבער ווי ביטער ס'איז געווען דאָ אין פארגלייך מיט איר היים; זאָ, ווי קאַלט ס'איז מיר געוועזן אין מיינע נאַסע קליידער! די פיס האָבן ווי געטאָן פון די קלומפּעס. איך האָב געציטערט פון קעלט אויפן שטרוי. שלאָפן האָב איך ניט געקענט.

— דו ציטערסט פון קעלט ? — האָט מיך וויטאַליס געפרעגט

— יאָ, אַ ביסל — האָב איך געענטפערט.

איך האָב געהערט, ווי ער בינדט וויידער אויף דעם זאַק.

— נאַ דיר אַ טרוקענע העמד. טו אויס דיינע נאַסע קליידער, וויקל זיך איין אין די טרוקענע זאַכן און קריך אַרונטער אונטערן שטרוי, וועסטו זיך דערוואַרעמען.

איך האָב זיך געדרייט און געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער, אָבער איך האָב זיך ניט געקענט דערוואַרעמען און איינשלאָפן. איך בין געווען צו טרייעריק, צו אומגליקלעך. איך זאָל קענען איינדרעמלען.

אזוי װעט דאָס שוין זײַן אַלע מאָל! איך װעל זיך ארומשלעפן גאַנצע טעג אין רעגן און קעלט. װעל עסן טרוקן ברויט און שלאָפן אויף שטרוי! קײנער װעט ניט האָבן קײן רחמנות אויף מיר. קײנער װעט מיך ניט ליב האָבן! ניטאָ שוין מוטער באַרבערען!..

װען איך בין אזוי געלעגן מיט מײַנע טרויעריקע געדאַנקען, מיט טרערן אין די אויגן, האָב איך דערפילט אַ װאַרעמען און פײַכטן אָטעם אויפן פּנים. איך האָב אויסגעצויגן די הענט און אָנגערירט קאַפּיס װײכע האָריקע פעל.

קאַפּי האָט זיך שטיל צוגערוקט צו מיר. ער האָט מיך באַשמעקט. ער האָט זיך געזעצט לעבן מיר אויף דעם שטרוי און גענומען לעקן מײַן האַנט.

גערירט פון זײַן צערטלעכקײט, האָב איך זיך געזעצט און אים אַ קוש געטאָן אין זײַן פײַכטער נאָז.

ער האָט ארויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן ביל, אַרײַנגעלײגט זײַן לאַפּע אין מײַן האַנט און זיך מער ניט גערירט.

איך האָב פאַרגעסן מײַן מידקײט און מײַן טרויער. ס׳האָט מיר אויפגעהערט צו שטיקן אין האַלדז. איך האָב פרײַ אויפגעאָטעמט. איך בין שוין ניט אַלײן. איך האָב אַ פרײַנד.

מײַן דעביוט.

אויף מאָרגן האָבן מיר זיך געלאָזן אין װעג אַרײַן גאָר פרי. עס האָט שוין ניט גערעגנט. דער הימל איז געװען בלוי. דער װינט האָט אויסגעטריקנט די װעגן. די פײגל האָבן פרײלעך געזונגען. די הינט זײַנען אונדז נאָכגעלאָפן. קאַפּי האָט זיך עטלעכע מאָל געשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס און מיר פרײַנדלעך אַרײַנגעקוקט אין די אויגן אַרײַן װי ער װאָלט זאָגן צו מיר:

— מוט! מוט!

דאָס איז געווען אַ קלוגער הונט. אַלץ האָט ער פאַרשטאַנען און אַלץ האָט ער געקענט געבן צו פאַרשטיין. אַנדערע פלעגן זאָגן, אים פעלט נאָר דאָס וואָרט. אָבער מיר האָט עס ניט געפעלט. אין זײַן עק איז געווען מער שׂכל, ווי אין די רייד פון אַנדערע מענטשן.

פון ערשטן טאָג אָן האָבן מיר זיך גוט פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערן.

איך בין קיין מאָל ניט אַרויס פון אונדזער דאָרף, דערפאַר בין איך געווען נײַגעריק צו זען אַ שטאָט. איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז די שטאָט אוסעל האָט אויף מיר קיין גרויסן אײַנדרוק ניט געמאַכט. מיך האָבן ניט אינטערעסירט אירע אַלטע הײַזער מיט די טורעמלעך. מײַנע אויגן האָבן געזוכט נאָר איין זאַך — אַ שוסטער, אָדער אַ שוכגעשעפט, וווּ איך זאָל באַקומען די צוגעזאָגטע שיך. וועגן זיי האָב איך דאָך אַזוי לאַנג געחלומט!

מיר זײַנען אַרײַן אין אַ פינצטערער און פאַררויכערטער קראָם מיט אַלערליי אַלטוואַרג: ביקסן, לאָמפּן, פאַרראָסטע שלעסער און שליסעלעך, אַלטמאָדישע קליידער.

דאָ האָט מיר וויטאַליס געקויפט שיך. באַשלאָגענע מיט טשוועקעס. זיי זײַנען געווען נאָך שווערער פאַר מײַנע הילצערנע קלומפּעס, אָבער איך בין געווען זייער צופרידן.

ער האָט מיר אויך געקויפט אַ וועסט פון בלויען סאַמעט, וואָלענע הויזן, אַ פילצענע הוט—אַלץ, וואָס ער האָט מיר צוגעזאָגט. סאַמעט, וואָלנס, פילץ פאַר מיר, וואָס איך האָב מער ווי לײַוונט קיין מאָל ניט געטראָגן! דאָס איז וווּנדערבאַר!.. אמת, דער סאַמעט איז אַלט, די הויזן אַ ביסל צעגעסן פון מאָל, דער הוט אָפּגעבלאַקירט פון דער זון, נאָר דאָס מאַכט אַלץ ניט אויס. וויטאַליס, וואָס האָט אײַנגעקויפט פאַר מיר אַזוינע אַנטיקן, איז דער בעסטער, דער איידלסטער און דער רײַכסטער מענטש אויף דער וועלט.

אין אַכסאַניע האָט וויטאַליס גענומען אַ גרויסע שער און האָט אונטערגעשניטן מײַנע וואָלענע הויזן ביז די קני.

— איצט זײַנען מיר אין פראַנקרײַך. קלייד איך דיך, ווי מע קליידט זיך אין איטאַליע; און ווען מיר וועלן זײַן אין

איטאַליע, וועסטו זײַן אַנגעטאָן ווי אַ פראַנצויז—האָט מיר דער־קלערט וויטאַליס.

— מיר זײַנען דאָך ארטיסטן, קאָמעדיאַנטן, מוזן מיר זיך אָנטאָן אַנדערש ווי די איבעריקע מענטשן, מע זאָל קוקן אויף אונדז—האָט ער צוגעגעבן.

דערנאָך האָט ער ארומגעשנירט מײַנע פיס מיט רויטע שנירלעך, מײַן הוט האָט ער אויסגעפוצט מיט בענדער און מיט קינסטלעכע בלומען. איך האָב זיך געפֿילט גרויסארטיק. ווײַזט אויס, אַז קאַפּי איז אויך געפעלן געוואָרן מײַן אויסזען, ווײַל ער האָט מיר דערלאַנגט די לאַפּע מיט אַ צופרידענער מינע. מיר איז דאָס געווען אַנגענעם, ווײַל „שיינהאַרץ" האָט זיך פאַר־האַלטן גאָר אַנדערש — זי האָט מיך נאָכגעקרימט, געריצט זיך מיט מיר און אויסגעלאַכט מיך, האַלטנדיק די הענט אין די באָקעס.

— איצט וועלן מיר זיך נעמען צו דער אַרבעט—האָט וויטאַ־ליס געזאָגט—מאָרגן איז אַ מאַרקטאָג. מיר וועלן געבן אַ גרויסע פאָרשטעלונג, אין וועלכער דו וועסט אויך אָנטיילנעמען. דאָס וועט זײַן דײַן דעביוט.

— וואָס איז דאָס דעביוט?—האָב איך געפרעגט.

— דאָס הייסט, אַז דו וועסט מאָרגן צום ערשטן מאָל זיך ווײַזן אויף דער סצענע אין אַ פאָרשטעלונג—האָט מיר וויטאַליס געגעבן צו פאַרשטיין—איצט מוזסטו אויסלערנען דײַן ראָל אין דער קאָמעדיע. דו דאַרפסט אַרבעטן מיט אונדז.

— איך ווייס אָבער ניט, ווי מע שפּילט אין אַ קאָמעדיע — האָב איך זיך אָפּגערופן אַ צעשראָקענער.

— איך וועל דיך לערנען—האָט געענטפערט וויטאַליס — אַז קאַפּי גייט אויף די הינטערשטע לאַפּעס און דאַלצע שפרינגט איבער אַ שטריק, האָבן זיי דאָס אַלע מאָל געקענט? ניין, זיי האָבן זיך לאַנג און געדולדיק געלערנט און געאַרבעט; דו מוזסט אויך אַרבעטן, וועסטו קענען שפּילן. לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט.

— די פּיעסע, וואָס מיר דאַרפן פאָרשטעלן, הייסט „דער הויז־דינער פון הערן „שיינהאַרץ", אָדער „דער גרעסטער נאַר פון די צוויי איז ניט דער, וואָס איר מיינט". דער אינהאַלט איז אַזאַ:

דער הער „שײַנהאַרץ" האָט ביז הײַנט געהאַט אַ דינער, װאָס ער איז געװען זײער צופֿרידן מיט אים. דאָס איז קאַפּי. „שײַנהאַרץ" װיל שױן אַן אַנדער דינער. קאַפּי נעמט זיך אָן צו געפֿינען. דאָס װעט שױן אָבער ניט זײַן קײן הונט. נאָר אַ דאָרפֿישער ייִנגל רעמי.

— אַזױ װי איך?

— ניט װי דו, נאָר טאַקע דו אַלײן! דו קומסט פֿון דאָרף און דו נעמסט דינען בײַ „שײַנהאַרצן".

— מאַלפּעס האָבן דאָך ניט קײן דינער.

אין אַ קאָמעדיע קענען זײ האָבן. דו קומסט און „שײַנהאַרץ" געפֿינט, אַז דו זעסט אױס װי אַ גולם.

— דאָס איז ניט אינטערעסאַנט!

— װאָס אַרט דאָס דיר? מע שפּילט דאָך אַזױ צוליב שפּאַס. שטעל זיך פֿאָר, אַז דו קומסט טאַקע אָן דינען און מע הײסט דיר דעקן צום טיש. אָט דאָס איז אונדזער טיש. ס'זײַנען פֿאַראַן טעלער, אַ גלאָז, אַ מעסער, אַ גאָפּל און אַ װײַסער טישטעך. װאָס דאַרף מען טאָן דערמיט?

איך בין געבליבן שטײן מיט אױסגעצױגענע הענט און אָן אָפֿענעם מױל ניט װיסנדיק װאָס צו טאָן.

װיטאַליס האָט אָנגעהױבן פּאַטשן אין די הענט און לאַכן:

— בראַװאָ, אױסגעצײכנט! בעסער דאַרף מען ניט. דו זעסט טאַקע אױס װי אַ גולם.

— איך װײס ניט, װאָס איך דאַרף טאָן — האָב איך געענטפֿערט אין גרױס פֿאַרלעגנהײט.

— ס'איז גוט. בעסער דאַרף מען ניט. דו קומסט פֿון דאָרף, װײסט קײן זאַך ניט, קענסט קײן זאַך ניט. דו קומסט צו אַ מאַלפּע. ס'װײַזט זיך אַרױס, אַז דו ביסט נאַרישער פֿון איר. דערפֿאַר הײסט טאַקע די פּיעסע „דער גרעסטער נאַר פֿון די צװײ איז ניט דער, װאָס איר מײנט". דאָס הײסט, אַז דער ייִנגל איז נאַרישער פֿאַר דער מאַלפּע. הײַנט האָסטו ניט געװוּסט װאָס צו טאָן. אָבער אַז דו װעסט דאַרפֿן שפּילן די זעלביקע פּיעסע אַ צװײטן און אַ דריטן מאָל, װעסטו שױן װיסן. דו זאָלסט זיך אָבער דערמאָנען און נאָכמאַכן די מינע, װאָס דו האָסט איצט געמאַכט, װעסטו זײַן אַן אַרטיסט.

„דער דינער פון הערן „שײנהאַרץ" איז ניט געװען קײן גרױסע קאָמעדיע. די שפּיל האָט געדױערט ניט מער װי צװאַנציק מינוט. אָבער אונדזער רעפּעטיציע האָט געדױערט בײַ דרײַ שעה. װיטאַליס האָט אונדז געהײסן שפּילן די זעלביקע זאַך אײן מאָל, אַ צװײטן, אַ דריטן, אַ צענטן. די הינט פֿלעגן פֿאַרגעסן געװיסע טײלן פֿון זײער ראָל, און מע האָט געמוזט גוט אײַנלערנען מיט זײ.

איך האָב באַװוּנדערט די װײכקײט און געדולד פֿון אונדזער לערער. אַזױ לערנט מען ניט קײן חיות בײַ אונדז אין דאָרף. דאָרטן װײס מען נאָר אײן זאַך: מע זידלט און מע שלאָגט מיט שטעקן. און װיטאַליס האָט זיך ניט געבײזערט, האָט זיך ניט געזידלט.

נאָך דער רעפּעטיציע האָט װיטאַליס מיך געפֿרעגט:

— װי מײנסטו, דו װעסט זיך אײַנגעװױנען שפּילן אין קאָמעדיעס?

— איך װײס ניט.

— דיר געפֿעלט עס ניט?

— נײן, פֿאַרקערט, דאָס פֿאַרשאַפֿט מיר שפּאַס.

— נו, איז גוט. דו ביסט אַ קלוגער, און אױפֿמערקזאַם ביסטו אױך. מײַנע הינט זײַנען ניט אַזױ קלוג, אָבער זײ זײַנען געהאָרכזאַם. קען מען זײ אױסלערנען. אַנדערש אָבער איז „שײנהאַרץ". זי פֿאָלגט ניט. זי לערנט אױף גיך אױס און פֿאַרגעסט נאָך גיכער. איך װײס אָבער, אַז אַ מאַלפּע האָט אַן אַנדער נאַטור װי אַ הונט. דערפֿאַר בײזער איך זיך קײן מאָל ניט אױף איר.

איך האָב געזאָגט װיטאַליסן, אַז מער פֿון אַלץ האָט מיך פֿאַרװוּנדערט זײַן געדולד מיט די הינט און דער מאַלפּע.

— מע זעט גלײַך — האָט מיר אױף דעם געענטפֿערט װיטאַליס — אַז דו האָסט געזען, װי מע באַגײט זיך שלעכט אין דאָרף מיט בהמות. װען איך זאָל זיך בײזערן און שרײַען אױף מײַנע הינט, װאָלטן זײ זיך שרעקן פֿאַר מיר, און פֿון שרעק װאָלטן זײ קײן זאַך ניט קענען פֿאַרשטײן. מיט גוטן קען איך מער בײַ זײ פּועלן װי מיט בײזן. אַרבעטנדיק מיט זײ האָב איך זיך שױן אױסגעלערנט בלײַבן רויִק און ניט אַרױסגײן פֿון די כּלים.

די נאַכט פאַר דער פאָרשטעלונג האָב איך שלעכט גע־שלאָפן. צי וועל איך גוט שפּילן? צי וועט וויטאַליס זײַן צופרידן מיט מיר? ווען איך האָב אײַנגעדרעמלט, האָט זיך מיר געחלומט, אַז מענטשן האַלטן זיך פאַר די זײַטן און לאַכן פון מײַן שפּיל.

אויף מאָרגן איז מײַן אויפרעגונג געוואָרן נאָך גרעסער. פּאַרויס איז געגאַנגען וויטאַליס מיט אַ הויך און שטאָלץ אויפ־געהויבענעם קאָפּ. ער האָט געשפּילט אַ וואַלס אויף אַ מעטאַלע־נעם פײַפל. נאָך אים — קאַפּי, אויף קאַפּיס רוקן — „שיינהאַרץ", אָנגעטאָן ווי אַן ענגלישער גענעראַל אין רויטע הויזן מיט גאָלד, אַ הויכן צילינדער מיט פעדערן אויפן קאָפּ. נאָך זי — זערבינאַ און דאָלצע, און גאָר פון הינטן — איך. די פּראָצעסיע האָט צוגע־צויגן אַ פולע קוקער. מע איז נאָכגעלאָפן, ווען מע האָט דערהערט די קלאַנגען פון וויטאַליסעס פײַפל. פענצטער האָבן זיך געעפנט, מענטשן האָבן זיך אַרויסגעבויגן צו דער גאַס. אַ גרויסער עולם מענטשן, קינדער און דערוואַקסענע, האָבן אונדז באַגלייט.

מיר האָבן פאַרגעשטעלט לעבן פיר ביימער, צווישן וועלכע מע האָט אָנגעצויגן שטריק. די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן פון אַלערליי שטיק, וואָס די הינט האָבן באַוויזן.

איך בין געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז איך האָב אפילו ניט געקוקט אויף דער סצענע. איין זאַך געדענק איך: וויטאַליס האָט אַוועקגעלייגט זײַן פײַפל און גענומען שפּילן אויף אַ פידל. די מוזיק איז געווען אַ שטילע, אַ זיסע.

נאָכן ערשטן אַקט האָט קאַפּי גענומען אַ בלעכל אין די ציינער און איז אויף די הינטערשטע לאַפּעס אַרומגעגאַנגען אַרום און אַרום בעטנדיק געלט. און אויב מע פלעגט ניט געבן, פלעגט ער אַוועקלייגן דאָס בלעכל אין מיטן סצענע און אָנהייבן בילן און ווײַזן מיט די פאָדערשטע לאַפּעס אויף די קעשענעס פון די צוקוקער. דער עולם האָט געפּאַטשט בראַוואָ, געשריגן, געלאַכט. און וויטאַליס האָט אַלץ געשפּילט אויף זײַן פידל.

באַלד האָט זיך קאַפּי אומגעקערט צו אים טראָגנדיק שטאָלץ אַ פולן בלעכל.

איצט האָב איך געדאַרפט אַרויס אויף דער סצענע מיט „שיינהאַרצן".

פֿאָכנדיק מיטן סמיטשעק אין איין האַנט און מיטן פֿידל אין דער אַנדערער, האָט חיטאַליס געבעטן דאָס פּובליקום אָנ־שטעלן די אויערן, עפֿענען די אויגן און אָנגרייטן די הענט צום פּאַטשן, חײַל באַלד װעט זיך אָנהייבן די שיינע קאָמעדיע „דער הויזחירט פֿון הערן „שיינהאַרץ" אָדער „דער גרעסטער נאַר פֿון די בײדע איז ניט דער, װאָס איר מיינט". אין דער אמתן איז דאָס געװען אַ פּאַנטאָמימע, דאָס הייסט אַ פּיעסע, װאָס מע שפּילט אָן װערטער—מע מאַכט נאָר מינעס און זשעסטן (באַ־װעגונגען). און די אַרטיסטן האָבן טאַקע ניט געקענט ריידן, חײַל דאָס זײַנען געװען „שיינהאַרץ", קאַפּי און איך.

בײַ מיר האָט זיך די צונג אָפּגענומען פֿון אויפֿרעגונג.

דערפֿאַר האָט חיטאַליס געזאָגט עטלעכע װערטער, װאָס האָבן דערקלערט דאָס שפּיל.

„שיינהאַרץ" האָט ער פֿאָרגעשטעלט װי אַן ענגלישן גענעראַל, װאָס האָט זיך אויסגעדינט און אויסגעצייכנט אין די אינדישע מילחמות. זײַן אײנציקער דינער איז געװען קאַפּי, אָבער איצט חיל ער שוין פֿאַרבײַטן דעם הונט מיט אַ מענטשן. ער קען זיך דאָס דערלויבן. לאַנג זײַנען חיות געװען שקלאַפֿן בײַ מענטשן. שוין צײַט, דאָס זאָל זײַן אַנדערש.

װאַרטנדיק אויף דעם דינער, האָט זיך „שיינהאַרץ" עפּאַ־צירט אויף דער סצענע אַהין און צוריק. דערבײַ האָט ער גע־רויכערט אַ ציגאַר און געלאָזן דעם רויך צום פּובליקום.

דער גענעראַל פֿאַרלירט די געדולד: זײַנע גרויסע אויגן נעמען לויפֿן. ער בײַסט די ליפּן. ער קלאַפּט מיטן פֿוס די ערד. בײַם דריטן קלאַפּ פֿון זײַן פֿוס דאַרף איך אַרײַנגיין. מיך פֿירט אַרײַן קאַפּי. ער ציט אויס צו מיר די לאַפּע און פֿירט מיך צו צום גענעראַל.

דערזען מיך, מאַכט „שיינהאַרץ" אַ זויערע מינע און הייבט אויף די הענט, װי אײנער זאָגט: „אָ, דאָס איז שוין איין מאָל אַ דינער!" ער קוקט מיר אונטער דער נאָז, דרייט זיך אַרום מיר. דערבײַ מאַכט ער אַזוינע מינעס, אַז דאָס פּובליקום צעגייט זיך פֿון געלעכטער: מע פֿאַרשטייט, אַז „שיינהאַרץ" האַלט מיך פֿאַר אַ גולם און זיי, די צוקוקער, האַלטן מיך אויך פֿאַר אַזוינעם.

די פּיעסע איז געװען אַזױ געבױט, אַז איך האָב זיך גע-
דאַרפֿט פֿירן אין יעדער נײַער סצענע נאַרישער, און פֿאַרקערט.
„שײנהאַרץ" האָט געדאַרפֿט װאָס װײַטער אַרױסװײַזן אַלץ מער
שׂכל און געשיקטקײט.

דער גענעראַל האָט לאַנג מיך באַקוקט. דערנאָך קריגט ער
רחמנות אױף מיר און הײסט מיר זיך זעצן צום פֿרישטיק.

— דער גענעראַל מײנט, אַז װען דער ייִנגל װעט אָפּעסן,
װעט ער אפֿשר קליגער װערן — דערקלערט װיטאַליס.

איך זעץ זיך בײַ אַ טישל. מײַן טעלער איז צוגעדעקט מיט
אַ סערװעטקע. װאָס טוט מען מיט איר? „שײנהאַרץ" װײַזט מיר,
װאָס מע טוט דערמיט. איך פֿאַרשטײ אָבער ניט און װיש אָפּ
מיט דער סערװעטקע די נאָז. דער גענעראַל לאַכט. און קאַפּי
פֿאַלט צו צו דער ערד און קױליעט זיך איבער אױף אַלע פֿיר.

איך זע, אַז איך האָב ניט געטראָפֿן. נעם איך די סערװעטקע,
װיקל צוזאַמען און מאַך פֿון איר אַ שניפּס.

װידער לאַכט דער גענעראַל, װידער קױליעט זיך איבער
קאַפּי מיט די פֿיס אַרױף.

צום סוף פֿאַרלירט דער גענעראַל די געדולד. ער שטױפּט
מיך אַראָפּ פֿון שטול. זעצט זיך אױף מײַן אָרט און עסט אַלײן
אױף מײַן פֿרישטיק. און דער גענעראַל װײס שױן װאָס צו טאָן
מיט דער סערװעטקע. איר װאָלט געדאַרפֿט זען, סאַר אַ פֿײַנע
מאַנירן ער האָט בײַם עסן. איבערהױפּט איז דאָס פּובליקום גע-
װאָרן אַנטציקט, װען ער האָט געבעטן נאָכן עסן אַ צאָנשטעכער
און האָט מיט אים גענומען רײניקן די צײנער.

מע האָט רױשיק אַפּלאָדירט און די פֿאָרשטעלונג האָט
געהאַט גרױס דערפֿאָלג.

װי קלוג די מאַלפּע איז און װי טעמפּ דער דינער!

װען מיר האָבן זיך אומגעקערט אין אַכסאַניע, האָט װי-
טאַליס זײער געלױבט מײַן שפּיל און איך בין געװען שטאָלץ
מיט זײַנע לױבװערטער.

איך לערן זיך לייענען.

די ארטיסטן פון סעניאָר וויטאַליסעס טרופּע האָבן געהאַט טאַלאַנט. איך מיין, די הינט און די מאַלפּע. אָבער קיין פולע האָבן זיי ניט געקענט: דריי, פיר פאַרשטע-לונגען—און דאָס איז געווען אַלץ. צוליב דעם האָט מען ניט געקענט זיך אָפּשטעלן אויף לאַנג אין איין אָרט. אין דריי טעג ארום האָבן מיר שוין געמוזט אַוועקגיין פון אוסעל.

— וווהין וועלן מיר איצט גיין? — האָב איך געפרעגט מיין לערער.

— דו קענסט דאָס לאַנד? — האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ פראַגע.

— ניין!

— איז וואָס ווערט זיין, אַז איך וועל דיר זאָגן, אַז מיר גייען צו דער שטאָט באַרדאָ און דערנאָך צו די פירענעער בערג? דו ווערסט דאָך סיי ווי ניט וויסן, וווּ דאָס איז.

— איר זייט דאָרטן שוין אַ מאָל געווען?

— קיין מאָל ניט.

— טאָ ווי ווייסט איר, וווּ דאָס איז און ווי צו גיין אַהין?

— דו קענסט ניט לייענען. אָבער דו האָסט אַ מאָל געזען ביכער? — האָט מיך געפרעגט סעניאָר וויטאַליס.

— לייענען קען איך ניט. ביכער האָב איך געזען: אין קלויסטער האָבן אַנדערע געזאָגט זייערע תּפילות ניט אויף אויסווייניק, נאָר פון ביכער. און די ביכער זיינען געווען שיינע, מיט בילדער, געבונדן אין לעדער.

— זעסטו—האָט וויטאַליס געזאָגט צו מיר—אין ביכער קען מען לייענען ניט נאָר תּפילות און ברכות. נאָר אַנדערע זאַכן אויך. ווען מיר וועלן זיך רוען, וועל איך דיר ווייזן אַ בוך, וואָס אין אים איז דאָ אַלץ וועגן דעם לאַנד און די שטעט, וווהין מיר גייען. די מענטשן, וואָס זיינען דאָרטן געווען, דערציילן אין די ביכער, וואָס זיי האָבן געזען. און ווען איך לייען אַזאַ בוך, דערוויס איך זיך וועגן די לענדער. אַזוי ווי איך וואָלט זיי געזען מיט מיינע אויגן.

איך האָב זיך געהאָדעוועט אַזוי ווי אַ ווילדער. איך האָב קיין זאַך ניט געוווּסט. אַלץ, וואָס סעניאָר וויטאַליס האָט מיר געזאָגט, איז געווען אַ גרויסע נײַס פֿאַר מיר, אַזוי ווי די אויגן וואָלטן זיך מיט אַ מאָל בײַ מיר עפֿענען.

— ס׳איז שווער זיך אויסצולערנען לייענען? — האָב איך געפֿרעגט מײַן לערער גייענדיק לעבן אים.

— ס׳איז שווער פֿאַר די, וואָס האָבן אַ טעמפּן קאָפּ אָדער פֿאַר די, וואָס ווילן ניט. האָסטו דען אַ שווערן קאָפּ?

— איך ווייס ניט. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז ווען איר וואָלט מיר געוויזן, ווי מע לייענט, וואָלט איך זיך ניט געפֿוילט צו לערנען.

— גוט, מיר וועלן זען.

אויף מאָרגן האָט וויטאַליס דערזען אויפֿן וועג אַ ברעטל. ער האָט עס אויפֿגעהויבן און געזאָגט צו מיר:

— דאָס וועט זײַן אונדזער בוך, וואָס אין אים וועסטו זיך אויסלערנען לייענען.

— איר לאַכט פֿון מיר? — האָב איך געזאָגט.

— ניין, איך לאַכט ניט פֿון דיר. זעסט, דאָרטן וואַקסן ביימער? וועלן מיר זיך צוזעצן אין שאָטן אָפּרוען און איך וועל דיך נעמען לערנען.

מיר האָבן זיך געזעצט אויפֿן גראָז אונטער די ביימער. „שיינהאַרץ״ איז באַלד אַרויף אויף אַ בוים און האָט אָנגעהויבן שפּרינגען פֿון איין צווײַג אויף דעם אַנדערן. די הינט האָבן זיך געלייגט לעבן אונדז. וויטאַליס האָט אָפּגעשניטן מיט זײַן מעסער אַ דין שטיקל האָלץ פֿון זײַן ברעטל און עס צעשניטן אויף קליינע פֿירקאַנטיקע ברעטעלעך. איך האָב אויף אַ רגע ניט אַראָפּגעלאָזן די אויגן פֿון זײַנע הענט. ווי קען דערפֿון ווערן אַ בוך? איך ווייס דאָך, אַז אַ בוך איז פֿון פּאַפּיר. און אויף יעדן בויגן זײַנען פֿאַראַן שוואַרצינקע פּינטעלעך.

— אויף איטלעכן שטיקל האָלץ וועל איך אויסקריצן מיט מײַן מעסער אַן אות. ווען דו וועסט וויסן אַלע אותיות און דו וועסט קענען פֿון זיי צוזאַמענשטעלן ווערטער, וועסטו שוין קענען לייענען פֿון אַ בוך.

מײַן קעשענע איז געוואָרן פֿול מיט דעם הילצערנעם אַלף־בית. איך האָב שוין געוווּסט אַלע אותיות, אָבער צום קענען

איז נאָך געװען װײַט. שוין עטלעכע מאָל האָט מיך פֿאַרדראָסן, װאָס איך האָב גאָר אָנגעהױבן. מײנט ניט, אַז דאָס איז געװען צוליב פֿױלקײַט. נײן, איך האָב זיך ניט געפֿױלט. אָבער מײַן אײַגנליבע האָט שטאַרק געליטן, און אָט פֿאַר װאָס: װיטאַליס האָט מיט אַ מאָל באַשלאָסן, אַז קאַפּי קען זיך אױך אױסלערנען לײענען, און דער הונט איז געװאָרן מײַן מיטשילער. איך האָב געדאַרפֿט קענען אָנרופֿן די אותיות, און קאַפּי האָט זיך געדאַרפֿט אױסלערנען אַרױסנעמען יעדן אות און װײַזן. אַזױ װי קאַפּי האָט ניט געבענקט נאָך קײנעם, האָט ער זיך גיכער פֿאַר מיר אױסגעלערנט דערקענען די אותיות. און מײַן לערער האָט אַ פּאָר מאָל געזאָגט:

— עס מאַכט ניט אױס, װען מע איז נאַרישער פֿון אַ חיה אין אַ קאָמעדיע, אָבער אױב מע איז אין דער װירקלעכקײט טאַקע נאַרישער, איז דאָך אַ שאַנדע.

דאָס האָט מיך געשטאָכן ביז בײן און איך האָב אָנגעשטרענגט אַלע מײַנע כּוחות אַריבערצויאָגן קאַפּין. און באַלד האָט זיך טאַקע אַרױסגעװיזן, אַז קאַפּי קען מער ניט װי צוזאַמענשטעלן פֿון אותיות זײַן נאָמען. בײַ דעם איז ער געבליבן. איך האָב זיך אָבער אױסגעלערנט פֿרײַ לײענען אַ בוך.

— איצט, װען דו קענסט שױן לײענען אַ בוך, װילסטו אפֿשר זיך אױסלערנען לײענען מוזיק? — האָט מיך געפֿרעגט װיטאַליס.

— און אױב איך װעל קענען לײענען מוזיק, װעל איך אױך קענען זינגען װי איר?

— דו װילסט זינגען װי איך?

— אָ, ניט אַזױ װי איר. איך פֿאַרשטײ, אַז דאָס איז ניט מיגלעך, אָבער גלאַט אַזױ זינגען.

— דו האָסט ליב צו הערן, װי איך זינג?

— אָ, זײער. די נאַכטיגאַל זינגט שײן, אָבער איר זינגט נאָך פֿיל, פֿיל שענער. װען איר זינגט, דערמאָן איך זיך אָן מוטער באַרבערען. מיר דוכט זיך, אַז איך זע זי אין אונדזער הײז... און דאָך פֿאַרשטײ איך ניט די װערטער פֿון אײַערע לידער, װײַל זײ זײַנען איטאַליענישע.

איך האָב באַמערקט טרערן אין זײַנע אױגן, װען איך האָב גערעדט.

— איך דערמאָן זיך וועגן מײַן יוגנט, וועגן דער בעסטער צײַט פון מײַן לעבן—האָט ער געזאָגט—איך וועל דיך אויסלערנען זינגען, און דו וועסט אויך דערפרייען מענטשלעכע הערצער מיט דײַן געזאַנג.

אין גיכן האָבן זיך אָנגעהויבן מײַנע מוזיק־שטונדן. וויטאַליס האָט אויסגעשניטן נאָטן פון האָלץ, ווי ער האָט פריִער אויסגעשניטן אותיות. דאָס איז אָבער געווען אַ סך שווערער.

ס'איז מיר ניט גרינג אָנגעקומען צו פאַרשטיין די נאָטן, און מײַן לערער, וואָס איז געווען אַזוי געדולדיק מיט די הינט און מיט דער מאַלפּע, פלעגט גאָר אָפט ווערן אין כּעס אויף מיר, פלעגט אויפהייבן די הענט צום הימל און זיי אַראָפּלאָזן מיט אַ קלאַפּ אויף זײַן אייגענעם שויס.

„שיינהאַרץ" פלעגט אים נאָכמאַכן. און עטלעכע מאָל האָט מיר וויטאַליס געזאָגט:

— דו זעסט, אפילו „שיינהאַרץ" לאַכט פון דיר.

מיך האָט דאָס פאַרדראָסן, אָבער איך האָב געשוויגן און איך פלעג אַראָפּלאָזן נידעריק דעם קאָפּ, כּדי ניט צו זען, ווי די מאַלפּע קרימט אונדז בײדן איבער.

מער נישט ווי די ערשטע טריט זײַנען געווען שווער. גאָר גיך האָב איך שוין געקענט אויסזינגען אַ ליד לויט די נאָטן, וואָס וויטאַליס האָט אָנגעשריבן אויף אַ פּאַפּיר.

לאַנג, גאָר לאַנג בין איך אַרומגעגאַנגען מיט די הילצערנע נאָטן אין דער קעשענע. איך האָב זיך דאָך ניט געקענט לערנען ווי אַנדערע קינדער טאָג־אײַן, טאָג־אויס. נאָר אין דער פרײַער צײַט האָט וויטאַליס געקענט לערנען מיט מיר.

מיר פלעגן אַלע טאָג דאַרפן גיין גאַנץ ווײַט, ווײַל די דערפער זײַנען געווען ניט נאָענט איינס פון דעם אַנדערן. מיר פלעגן דאַרפן פאַרשטעלן אין יעדן אָרט, ווו ס'איז נאָר געווען אַ האָפענונג עפּעס צו פאַרדינען. מע האָט געדאַרפט שטענדיק רעפּעטירן די ראָלן מיט אונדזער טרופּע. זיך אַליין מאַכן עסן. לערנען פלעגן מיר אונטערוועגנס אין שאָטן פון אַ בוים, אויף אַ קופּע שטיינער, אויפן גראָז. דער וועג איז געווען דער טיש, אויף וועלכן מיר פלעגן אויסלייגן אונדזערע שטיקלעך האָלץ מיט די נאָטן.

איך האָב ניט געקענט לערנען ווי אַנדערע קינדער, וואָס פאַרמאַכן זיך אין אַ צימער, ווו קיינער שטערט זיי ניט. איך האָב ניט געהאַט ווו זיך צו פאַרמאַכן. גייענדיק איבער די גרויסע וועגן, האָב איך שטענדיק געמוזט קוקן אויף די שפּיצן פון מײַנע פינגער, איך זאָל זיך ניט אויסגליטשן און ניט פאַלן אויף דער נאָז.

איך האָב זיך אָבער דאָך אויסגעלערנט. און ניט נאָר דאָס אַליין האָב איך דערגרייכט גייענדיק מיט מײַן לערער. פריִער בין איך געווען אַ שוואַך קינד מיט הענט און פיס ווי שטרוי. ניט [illegible] זיסט פלעגט באַרבערען זאָגן: „דאָס איז אַ שטאָטיש קינד". [illegible] וואַלט ער מיך ניט דערקענט. פון דער פרישער לופט און [illegible] זײַנען מײַנע גלידער געוואָרן פעסט, שטאַרק. מײַן הויט איז פאַרברוינט געוואָרן. איך האָב זיך אויסגעלערנט לײַכט אַריבערטראָגן קעלט און אומוועטער, זון און רעגן, הונגער און דאָרשט. איך בין פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. און דאָס איז געווען אַ גליק פאַר מיר. צוליב דעם האָב איך געקענט אַריבערטראָגן די שווערע קלעפּ, וואָס זײַנען געפאַלן אויף מיר אין די טעג פון מײַן יוגנט.

איבער בערג און טאָלן.

מיר זײַנען דורכגעגאַנגען אַ טייל פון דרום פראַנקרײַך. מיר זײַנען געגאַנגען אַלץ פּאָרויס און פּאָרויס. ווען מיר פלעגן קומען אין אַ דאָרף, וואָס פלעגט אויסזען ניט צו אָרעם, פלעגן מיר מיט פאַראַד אַרײַנגיין. און אויב נאָך אונדז פלעגן נאָכגיין אַ פולע מענטשן, פלעגן מיר געבן אַ פאָרשטעלונג. אויף מיר איז געלעגן די אַרבעט אויסצופוצן די הינט און די מאַלפּע. די הינט פלעגן זיך לאָזן. ערגער איז געווען מיט דער מאַלפּע. זי פלעגט ניט וועלן אָנטאָן דעם בגד פון אַ גענעראַל. ווײַל זי פלעגט פאַרשטיין, אַז ווען מע פוצט זיך אויס, מוז מען אַרבעטן. און זי פלעגט מאַכן אַלערליי שטיק, כּדי זיך אַרויס-

צודרייען. איך פלעג מוזן רופן קאפין צו הילף. צוזאמען פלעגן מיר װי ס'איז אָנטאָן „שײנהארצן".

אין שטעט פלעגן מיר בלײַבן עטלעכע טעג. אין דער פרײַער צײַט פלעג איך ארומגײן איבער די אומבאקאנטע גאסן. מיט מיר פלעגט מיטלויפן קאפי. װיטאליס פלעגט זאָגן צו מיר:

— אנדערע קינדער אין דײַן עלטער לערנען זיך אין שול. דיר איז ניט באַשערט צו זײַן אין שול. טאָ לערן זיך אין לעבן — קוק זיך צו צו אלץ, װאָס דו זעסט. דו קענסט זיך אזוי פיל אויסלערנען. פרעג מיך, אויב דו װעסט עפעס נישט פארשטײן, װאָס דאָס איז. איך בין דאָך ניט אלע מאָל געװען קײן זינגער. װאָס װאנדערט ארום מיט הינט איבער דער װעלט. איך האָב זיך געלערנט אויך.

מיר האָט זיך זײער געװאָלט װיסן, װאָס מײַן לערער האָט געטאָן א מאָל און װי אזוי ער האָט אָנגעהויבן װאנדערן מיט זײַנע הינט, אָבער פרעגן אים האָב איך ניט געװאָגט.

א געװיסע צײַט זײַנען מיר געגאנגען איבער א בארגיקער געגנט. דערנאָך האָבן מיר זיך ארויסגעלאָזן אין א פלײצינקן אָרט מיט קלײנע בערגלעך, מיט גאָר װײניק פעלדער און װעלדער. אין אָט דער געגנט איז כמעט גאָר קײן װאסער ניט געװען. מיר האָבן דאָ װײניק פארגעשטעלט.

מײַן לערער האָט מיר פיל דערצײלט װעגן א פולע ערטער. ער האָט געװוּסט, װאָס ס'איזגעװען א מאָל. ביז אהער האָב איך קײן אנונג ניט געהאַט, װאס דאָס איז אזוינס געשיכטע.

װיטאליס האָט געװוּסט צו דערצײלן עפעס װעגן יעדער שטאָט, װעגן יעדן דאָרף.

מיר זײַנען אויך געקומען אין א רײַכער געגנט מיט א פולע דערפער און שטעטלעך. דאָ האָבן מיר זיך פארהאלטן לענגער. און קאפי פלעגט ברענגען נאָך יעדער פאָרשטעלונג א פולע בײַטל מיט קלײנגעלט.

דעם גרעסטן אײַנדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די שטאָט באָרדאָ. װיפל הײַזער! סאַר א גרויסע שטאָט! און דער ברײטער טײַך מיט הונדערטער שיפן! אויף זײ — הויכע מאסטבײמער מיט פארביקע פאָנעס, װאָס פלאטערן אין דער לופטן, און דער טומל פון די מענטשן און פון רעדער...

מײַנע פיס האָבן זיך אַליין אָפּגעשטעלט. איך האָב ניט געקענט גיין װײַטער פון גרויס פאַרװוּנדערונג, װען מיר זײַנען אַרויף אויף דער גרויסער בריק װאָס איבערן טײַך.

װיטאַליס האָט ניט געקענט באַהאַלטן צו ענטפערן אויף מײַנע פראַגעס. אַזוי פיל האָב איך געהאַט צו פרעגן בײַ אים.

אין באָרדאָ האָבן מיר זיך געקענט אָפּשטעלן לענגער: דאָ האָבן מיר געקענט אין איין טאָג געבן עטלעכע פאָרשטעלונגען, װײַל ס'פלעגן קומען אַלץ נײַע און נײַע מענטשן.

פון באָרדאָ האָבן מיר געדאַרפט גיין צו די פירענעער בערג. דער װעג איז געװען אַ שװערער. מיר האָבן געדאַרפט דורכגיין אַ געגנט װאָס הייסט „לאַנדן". דאָס איז אַן אמתער זאַמדיקער מידבר, אָן פעלדער, אָן ביימער.

— מיר מוזן גיין צװאַנציק אָדער פינף און צװאַנציק מײַל איבער דעם מידבר—האָט געזאָגט װיטאַליס—האַלט זיך מיט כּוח אויף דײַנע פיס.

מיר זײַנען געגאַנגען און געגאַנגען און ס'האָט זיך געדוכט, אַז מיר זײַנען אַלץ אויף דעם זעלביקן אָרט, װײַל קיין זאַך האָט זיך ניט געביטן אַרום אונדז — אַלץ די זעלביקע טרוקענע און שטעכיקע גרעזער.

ס'איז געװאָרן אָװנט, און ס'האָט זיך נאָך אַלץ ניט געזען קיין דאָרף, קיין מענטשלעך הויז. איך בין געװען אַזוי מיד און מיר האָט זיך געדוכט, אַז מיר װעלן קיין מאָל ניט קומען צום דעם דאָרף, װאָס װיטאַליס האָט מיר צוגעזאָגט, אַז מיר װעלן דאָרטן נעכטיקן.

— דער װעג איז אָן אַ סוף—האָב איך געטראַכט.

אַפילו מײַן לערער איז געװען מיד און ער האָט געװאָלט זיך אָפּשטעלן און אָפּרוען אַ װײַלע. איך האָב זיך ניט געזעצט לעבן אים. מיר האָט זיך געװאָלט אַרויפגיין אויפן בערגל, װאָס איז געװען ניט װײַט פון װעג, און זען, צי איך װעל ניט באַמערקן ערגעץ אַ פײַערל. איך האָב אַ רוף געטאָן קאַפּי. אָבער ער איז אויך געװען מיד און האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— דו האָסט מורא צו גיין אַליין? — האָט מיך געפרעגט װיטאַליס.

איך האָב ניט געוואָלט, מײַן לערער זאָל מיינען, אַז איך בין אַ פּחדן, און איך בין אַוועק אַליין.

ס'איז געוואָרן נאַכט. די לְבָנָה האָט ניט געשײַנט. מער ניט די שטערן האָבן געפינקלט. אין דער פינצטער האָבן אַלע זאַכן געביטן זייער געשטאַלט—די ביימער און די קוסטעס האָבן אויסגעזען ווי לעבעדיקע באַשעפענישן פון אַ מאָדנער פאַנטאַסטישער וועלט. איך האָב זיך אַלץ געהייבן העכער. איך האָב אויפמערקזאַם געקוקט אין אַלע זײַטן, און אין ערגעץ האָט זיך ניט געוויזן קיין שטן, קיין פֿייגל. איך האָב אָנגעשטרענגט די אויערן—אפֿשר וועל איך דערהערן, ווי ס'מוקעט אַ קו, אָדער ווי ס'בילט אַ הונט. אַרום איז געווען אַ טויטע שטילקייט און מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ גרויסע שרעק פון דעם טיפן שווײַגן, פון דער איינזאַמקייט, פון דער נאַכט. אין דער זעלביקער רֶגע האָב איך באַמערקט אַ גרויסן שאָטן, וואָס האָט זיך באַוועגט, און איך האָב דערהערט דעם שאָרך פון צווייגן.

איך האָב זיך אַליין געוואָלט באַרויִקן:

– דאָס מוז זײַן אַ קוסט אָדער אַ ביימל, וואָס איך האָב פריִער ניט באַמערקט.

ניין, דאָס איז אָבער ניט דער ווינט, וואָס רוישט אין די צווײַגן.

ווער איז דאָס?

דאָס איז אויך ניט קיין מענטש, דער גרויסער שוואַרצער קערפּער, וואָס דערנענטערט זיך צו מיר. דאָס מוז זײַן אַן אומבאַקאַנטע חַיָה אָדער אַ ריזיקער נאַכטפויגל. בײַ דעם געדאַנק האָב איך גענומען לויפן צוריק צו וויטאַליסן. אָבער אַראָפּגיין אַזוי גיך, ווי איך בין אַרויפגעגאַנגען, האָב איך ניט געקענט. אַלע ווײַלע האָב איך זיך אָן עפּעס אָנגעשטויסן, אַלע ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף צוריק. די חַיָה דערנענטערט זיך, זי גייט צו מיר. איך בין געלאָפן, ווי נאָר איך האָב געקענט. איך האָב אָבער געפילט, אַז די חַיָה הינטער מיר לויפט נאָך גיכער. אָן אָטעם בין איך צוגעפאַלן צו וויטאַליסן. די הינט זײַנען אויפגעשפּרונגען מיט אַ געביל. איך האָב געקענט אויסשרײַען נאָר איין וואָרט: „אַ חַיָה, אַ חַיָה"!

אין מיטן געביל פון די הינט האָב איך דערהערט אַ גע-
לעכטער, און װיטאַליס האָט אַרױפגעלײגט זײַן האַנט אױף מײַן
פלײצע.

— די חַיָה — דאָס ביסטו אַלײן — האָט ער געזאָגט לאַכנדיק:
קוק זיך נאָר גוט אײַן.

זײַן געלעכטער האָט מיך װידער געבראַכט צום שֵׂכל. איך
האָב געעפנט די אױגן און האָב זיך אײַנגעקוקט: דער שאָטן,
װאָס האָט מיך אַזױ איבערגעשראָקן, איז געשטאַנען אומבאַ-
װעגלעך אין מיטן װעג. איך האָב נאָך אַ מאָל דערפילט אַ גרױסע
מוֹרא, אָבער איך בין דאָך שױן ניט געװען אַלײן: לעבן מיר
זײַנען געװען די הינט און װיטאַליס.
איך האָב זיך גענומען אין די הענט און האָב זיך אױפ-
מערקזאַם אײַנגעקוקט.

װער איז דאָס פאַרט?
אַ קאָפּ און אַ גוף װי בײַ אַ מענטשן, אָבער עס איז אײַנ-
געװיקלט אין אַ פעל, און עס שטײט אױף מאָדנע הױכע אוּ
דינע פיס.

מײַן לערער האָט זיך געװענדעט צום שאָטן:
— איר קענט מיר אפשר זאָגן, צי דאָ איז דאָ ערגעץ אַ דאָרף?
— נײן, קײן דאָרף איז דאָ ניטאָ, אָבער אַ בײַדל פון פאַ-
סטעכער איז יאָ דאָ און איך קען אײַך צופירן אַהין.
איך האָב זיך ניט געקענט אָפּװונדערן. אױב דאָס איז
מענטש, פאַר װאָס איז ער אַזױ גרױס. ניט שױן זשע לעבן דאָ
ריזן? און פאַר װאָס זײַנען אַזױ דין זײַנע פיס? און מיר האָט זי
אַזױ געװאָלט צוגײן נעענטער און זיך אײַנקוקן אױף זײַ
מאָדנע פיס, אָבער ס'האָט מיר אױסגעפעלט מוט. איך האָב גע
נומען מײַן זאַק און בין נאָכגעגאַנגען מײַן לערער, ניט רײדנדי
קײן װאָרט.

— דו זעסט שױן, פאַר װעמען דו האָסט זיך אַזױ דע
שראָקן? — האָט מיך װיטאַליס געפרעגט.
— איך האָב דאָך ניט געװוּסט, אַז אין דעם לאַנד װױ
ריזן — האָב איך זיך פאַרענטפערט.
— יאָ, ריזן, — האָט געשמײכלט װיטאַליס — הײסן זײ גײ
אױף שטאָלצן.

וויטאַליס האָט מיר דערקלערט, אַז די אײַנוווינער פון די לאַנדן באַנוצן זיך מיט צוויי הויכע שטעקנס מיט רײַטרינגען. אין זיי שטעלט מען אַרײַן די פיס. און אַ דאַנק דעם קען מען גיין איבערן טיפן זאַמד אָדער זומפּ. און דעם קען מען ביז די קני פאַרזונקען ווערן אין זאַמד אָדער אין בלאָטע.

— אָט אַזוי ווערן זיי דאָס ריזן מיט שטיוול, וואָס איטלעכער טריט זייערער האַלט זיבן מײַל. אַזוי מיינען שרעקעדיקע קינדער.

אין טולוז.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דער שטאָט פּאָ. די שטאָט איז פאַרשטעלט פון ווינטן און אפילו ווינטער בלאָזן זיי דאָ ניט.

מיר איז דאָס געווען אַזוי אָנגענעם, ווײַל מיר האָבן גאַנצע טעג פאַרבראַכט אונטערן פרײַען הימל אויף די פּלעצער פון דער שטאָט.

מיר זײַנען דאָ געבליבן לענגער ווי אין אַנדערע ערטער, ווײַל אויף אונדזערע פאָרשטעלונגען זײַנען שטענדיק געווען זייער פיל מענטשן און מיר האָבן גוט פאַרדינט. איבערהויפּט פלעגן קומען קינדער. נאָך דער פאָרשטעלונג פלעגן זיי מכבד זײַן „שיינהאַרצן", די הינט און מיך מיט ביסקוויט און אַנדערע גוטע זאַכן. דאָס זײַנען געווען קינדער, וואָס זייערע עלטערן האָבן זיי אַהער געשיקט אַזוי ווי אויף זומערוווינונג. ווײַל ווינטער איז דאָ די לופט זייער וואַרעם און רויק. ווען ס'איז אָבער אָנגעקומען דער הייסער פרילינג, האָבן אונדזערע געסט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערפאָרן, און אויף אונדזערע פאָרשטעלונגען פלעגן קומען אַלץ ווייניקער מענטשן.

מיר האָבן זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַרײַן. איך ווייס אַליין ניט, וויפל טעג און וואָכן מיר האָבן אַזוי געוואַנדערט, ביז מיר זײַנען איין מאָל אַ פּאָר נאַכט אָנגעקומען אין אַ גרויסער שטאָט אויפן ברעג פון אַ טײַך. מײַן לערער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז טולוז און אַז מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף לאַנג.

אונדזער ערשטע אַרבעט אין דער נײַער-שטאָט איז געװען אויפֿזוכן אַ פּלאַץ, װוּ מיר זאָלן קאָנען פֿאָרשטעלן. און באַלד האָבן מיר טאַקע געפֿונען זײער אַ פּאַסיקן אָרט. אויף אונדזערע ערשטע פֿאָרשטעלונגען האָבן מיר געהאַט אַ גרויסן עולם. צו אונדזער אומגליק איז דעם פּאָליציאַנט ניט געפֿעלן געװאָרן, װאָס אַרום אונדז זאַמלען זיך אַזוי פֿיל מענטשן. און ער האָט געפֿאָדערט, מיר זאָלן פֿון דאַנען אַװעקגײן. עס קען זײַן, אַז דאָס בעסטע װאָלט געװען צו פֿאָלגן, אָבער סעניאָר װיטאַליס, כאָטש ער איז געװען אַלט און אָרעם, האָט זיך אַלע מאָל געהאַלטן זײער שטאָלץ.

ער טוט דאָך קײן זאַך ניט קעגן די געזעצן און ער האָט דאָך דאָס פֿולע רעכט צו געבן זײַנע פֿאָרשטעלונגען — האָט ער געזאָגט.

װען דער פּאָליציאַנט האָט אונדז געװאָלט שטערן אין מיטן שפּיל, האָט סעניאָר װיטאַליס אַראָפּגענומען זײַן הוט, זיך אײדל פֿאַרנײגט און געפֿרעגט:

— אפֿשר װעט איר זיך באַמיִען מיר זאָגן, װאָס איך האָב אַזױנס געטאָן קעגן די געזעצן פֿונעם לאַנד, אַז איך מוז איבער-רײַסן די פֿאָרשטעלונג?

דער פּאָליציאַנט האָט אים קײן זאַך ניט געענטפֿערט און האָט זיך אָפּגעקערט.

אויף מאָרגן איז ער אָבער װידער געקומען, האָט אָפּגעבונדן די שטריק, װאָס זײַנען געװען אַרום אונדזער סצענע, זיך אַרײַנ-געריסן אין מיטן דער שפּיל און געפֿאָדערט, מע זאָל אָנטאָן די הינט די שלעסער אויפֿן מויל, װי דאָס פֿאָדערט דאָס געזעץ.

דאָס פּובליקום איז געװאָרן אין כּעס, װאָס מע שטערט די פֿאָרשטעלונג, און אַלע האָבן גענומען שרײַען צום פּאָליציאַנט:

— רײַסט ניט איבער! לאָזט ענדיקן די פֿאָרשטעלונג!

סעניאָר װיטאַליס האָט געמאַכט אַ צײכן, און אַלע זײַנען אַנטשװיגן געװאָרן.

— דער געערטער הער פּאָליציאַנט פֿאָדערט, איך זאָל אָנטאָן שלעסער אויף די מײַלער פֿון מײַנע אַרטיסטן, אָבער װי אַזוי װעט קאַפּי, דער װעלט-באַרימטער דאָקטאָר, מיט אַ פֿאַרשלאָ-סענעם מויל קורירן דעם קראַנקן גענעראַל „שײנהאַרץ"? און

ווי אזוי וועט דאָן אונדזער ליבע קראַנקנשוועסטער דאָלצע טרייסטן און בארויִקן דעם געערטן קראַנקן?

דער עולם האָט געענטפערט מיט אַ הילכיקן געלעכטער. אַלע האָבן געלאַכט, די קינדער און די דערוואַקסענע. דער געלעכטער איז געוואָרן נאָך פרייִלעכער, נאָך הילכיקער, ווען די מאַלפּע האָט זיך געשטעלט הינטערן פּאָליציאַנט און אים גענומען איבערקרימען.

דער פּאָליציאַנט האָט זיך אַ צערייצטער אומגעקערט און אין דער רגע האָט ער דערזען די מאַלפּע, וואָס איז געשטאַנען די הענט אין די באָקעס און האָט אים געמאַכט אַלערליי מינעס.

דער פּאָליציאַנט איז אַרויס פון די כּלים און ער האָט אַ געשריי געטאָן אַוועקגייענדיק פון דער סצענע:

— אויב איר וועט מאָרגן ניט אָנטאָן קיין מוילשלעסער אַפּערע הינט, וועל איך אייַך באַשטראָפן גאָר שטרענג!

— ביז מאָרגן — האָט סעניאָר וויטאַליס אים געענטפערט, פאַרנייגנדיק זיך מיט דעם הוט אין דער האַנט.

די פאָרשטעלונג איז געגאַנגען ווייַטער.

אין אָוונט האָב איך פאָרזיכטיק געפרעגט מייַן לערער:

— אפשר דאַרף מען די הינט שוין אָנטאָן די מוילשלעסער. זיי זאָלן זיך אייַנגעוווינען!

סעניאָר וויטאַליס האָט מיך באַרויִקט. ער וועט זייַנע הינט קיין מאָל ניט אָנטאָן קיין מוילשלעסער. ער האָט ניט קיין מורא פאַר דער פּאָליציי. פאַרקערט, אויב דער פּאָליציאַנט וועט ווידער קומען, וועט ער ווידער מאַכן אַ שפּאַס. דאָס פּובליקום וועט לאַכן, און די פאָרשטעלונג וועט האָבן נאָך מער דערפאָלג.

אויף מאָרגן האָט מיר וויטאַליס געהייסן גיין אַליין מיט דער מאַלפּע, אָנציִען די שטריק, שפּילן עטלעכע מעלאָדיעס אויף מייַן האַרפּע און ווען ס'וועט זיך צוזאַמענקלייַבן אַן עולם, וועט ער קומען מיט די הינט. דער פּאָליציאַנט וועט זיך ווידער אַרייַנמישן, און דאָס וועט זייַן דער אָנהייב פון דער קאָמעדיע.

איך בין אַוועק אויפן פּלאַץ מיט „שיינהאַרץ". האָב אָנגעצויגן די שטריק און אָנגעהויבן שפּילן.

דאָס האָט מיך וויטאַליס אויסגעלערנט שפּילן אויף דער האַרפּע, ווען מיר זייַנען געווען אין דער שטאָט פּאָ. מייַן שפּילן

פלעגט שטארק געפעלן, און גאָר אָפט פלעג איך זיך פילן זייער שטאָלץ, וואָס דער עולם האַלט מיך פאַר אַן אַרטיסט. איך האָב זיך אויך אויסגעלערנט זינגען אַ נעאַפּאָליטאַנישע „קאַנצאָנעטאַ" (אַ ליד אויף איטאַליעניש). וואָס פלעגט באַזונדערס געפעלן דעם פּובליקום.

ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן שפּילן, האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ גרויסער עולם. מע האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף ווײַטאַליסן: אַלע ווײַזן געוועזן נײַגעריק צו וויסן, וואָס עס וועט פאָרקומען צווישן אי֯ם און דער פּאָליצײַ. דער עולם האָט געהאַלטן מיט ווײַטאַליסן און האָט זיך געוואָלט פריילעך מאַכן איבער דעם פּאָליציאַנט. ווי נאָר ער האָט מיך דערזען, איז ער אַרויף אויף דער סצענע. די מאַלפּע האָט זיך גלײַך אויפגעהויבן פון אָרט און אָנגעהויבן אַרומצוגיין הין און צוריק לעבן מיר נאָכמאַכנדיק דעם פּאָליציאַנט.

דער עולם האָט געקײַכט פאַר געלעכטער. דער פּאָליציאַנט האָט זיך אָנגעצונדן.

איך האָב מורא געהאַט, אַז דאָס קען זיך שלעכט ענדיקן, און האָב געוואָלט ווײַניקסטנס אײַנהאַלטן די מאַלפּע, זי זאָל מיט איר נאָכקרימען ניט רײַצן מער דעם פּאָליציאַנט. „שײַנהאַרץ" האָט מיך אָבער ניט געפאָלגט און האָט ניט אויפגעהערט צו מאַכן אירע שטיק.

פאַרן געריכט.

די שטיק פון דער מאַלפּע האָבן אַלץ מער געריצט דעם פּאָליציאַנט און ער האָט געמיינט, אַז איך בין אין דעם שולדיק, אַז איך הייס דאָס „שײַנהאַרץ" אים איבערקרימען. אַ צעקאָכטער איז ער אַריבערגעשפּרונגען איבער דער שטריק, איז צוגעלאָפן צו מיר און האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאַטש. איך בין שיר ניט אַנידערגעפאַלן.

ווען איך בין געקומען צו זיך, איז שוין צווישן מיר און

דעם פּאָליציאַנט נעשטאַנען וויטאַליס. ער האָט אָנגעכאַפּט דעם פּאָליציאַנט פאַר דער האַנט.

— איך פאַרווער איַך צו שלאָגן דאָס קינד! — האָט ער גע-זאָגט — דאָס איז אַ נידערטרעכטיקייט פון איַך!

דער פּאָליציאַנט האָט געוואָלט אַרויסרײַסן די האַנט, אָבער וויטאַליס האָט אים געהאַלטן פעסט.

דער פּאָליציאַנט איז געווען משוגע פון כּעס. מײַן לערער האָט אויסגעזען אין דעם מאָמענט זייער איידל און גרויס: ער האָט הויך געהאַלטן זײַן שיינעם קאָפּ, און זײַן פּנים האָט אויס-געדריקט אַזוי פיל פאַראַכטונג.

דער פּאָליציאַנט האָט מיט אַ שטאַרקן ריס אַרויסגעכאַפּט זײַן האַנט, האָט אָנגענומען וויטאַליסן פאַרן קאָלנער און אים גראָב אַ שטופּ געטאָן. וויטאַליס איז פון דעם שטופּ שיר ניט געפאַלן. ער האָט זיך אָבער באַלד אויסגעגלײַכט, האָט אויפגע-הויבן זײַן רעכטע האַנט און אַ קלאַפּ געטאָן דעם פּאָליציאַנט איבער זײַן קולאַק.

מײַן לערער איז געווען אַ שטאַרקער, אָבער ער איז דאָך געווען אַן אַלטער מאַן, און דער פּאָליציאַנט איז געווען יונג און קרעפטיק. דער געראַנגל צווישן זיי האָט ניט געקענט לאַנג דויערן.

— וואָס ווילט איר? — האָט וויטאַליס געפרעגט.

— איך אַרעסטיר איַך. איר מוזט גיין מיט מיר אין דער פּאָליציי.

— פאַר וואָס האָט איר געשלאָגן דאָס קינד?

— אָן ווערטער! גייט!

וויטאַליס האָט קיין זאַך ניט געענטפערט.

— קער זיך אום אין אַכסאַניע-האָט ער געזאָגט צו מיר — בלײַב דאָרטן מיט די הינט: איך וועל שוין דיר געבן צו וויסן, וואָס ס'וועט זײַן.

אַזוי טרויעריק האָט זיך געענדיקט די פאָרשטעלונג, וואָס מײַן לערער האָט געהאָפט, אַז זי וועט זײַן אַזאַ פרײַלעכע.

די הינט האָבן געוואָלט נאָכלויפן נאָך זייער באַלעבאָס, אָבער איך האָב זיי שטרענג אַ רוף געטאָן צוריק און, אײַנגע-וווינטע צו פאָלגן, זײַנען זיי געבליבן מיט מיר.

ערשט איצט האָב איך באַמערקט, אַז זײ טראָגן מויל־שלעסער. דאָס זײַנען אָבער ניט געװען קײן אַמזערנע שלעסער, נאָר זײַדענע. דאָס זײַנען געװען בענדער מיט פּרענדזעלעך. שלעסער נאָר פאַר דער סצענע, פאַרן טעאַטער.

דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. עטלעכע מענטשן זײַנען נאָך געשטאַנען און האָבן געשמועסט װעגן דער געשעניש.

— דער אַלטער איז געררעכט.

— נײן, ער איז אומגערעכט.

— פאַר װאָס האָט דער פּאָליציאַנט געשלאָגן דעם ייִנגל? דאָס קינד האָט דאָך אים קײן װאָרט ניט געזאָגט און קײן זאַך ניט געטאָן.

— אַ שלעכטע מַעֲשֶׂה. דער אַלטער װעט זיך ניט אַרויס־דרייען פון טורמע, אויב דער פּאָליציאַנט װעט אים אָנקלאָגן פאַר װידערשטאַנד.

איך האָב זיך אומגעקערט אין אַכסאַניע.

איך בין געװען זײער צעטראָגן און אומרויִק.

די צײַט, װען איך האָב זיך געשראָקן פאַר װיטאַליסן, איז שוין לאַנג פאַרבײַ. דאָס האָט געדויערט אין גאַנצן עטלעכע שָׁעה. גאָר אין גיכן האָב איך זיך שטאַרק צוגעבונדן צו אים. און מײַן ליבע איז געװאַקסן מיט יעדן טאָג. מיר האָבן דאָך געלעבט מיט אײן לעבן. אַלע מאָל זײַנען מיר געװען צוזאַמען פון פרימאָרגן ביז אָװנט, און פון אָװנט ביז פרימאָרגן. מיר פלעגן דאָך שלאָפן אויף אײן בינטל שטרוי. אַ פאָטער האָט ניט געקענט מער זאָרגן פאַר זײַן קינד װי װיטאַליס פלעגט זאָרגן פאַר מיר. ער האָט מיך אויסגעלערנט לײענען, זינגען, שרײַבן, רעכענען. בעֵת אונדזערע לענגערע װאַנדערונגען פלעגט ער אויסנוצן יעדע געלעגנהײַט מיר עפּעס צו װײַזן, צו דערקלערן, אויסצולערנען. אין די קאַלטע טעג פלעגט ער מיך צודעקן מיט זײַן דעקע, אין אַ היץ פלעגט ער מיר העלפן טראָגן מײַנע זאַכן. בײַם עסן פלעגט ער זיך אַלע מאָל טײלן מיט מיר מיט יעדן ביסן. אָמֶת, אַ מאָל פלעגט ער מיר אויך געבן אַ ציִ פאַר די אויערן אָדער אַ קלאַפּ איבער די הענט. אָבער איך פלעג צוליב דעם קײן מאָל ניט פאַרגעסן זײַנע זאָרג און זײַן צערטלעכקײט צו מיר. װאָס

ער האָט מיר אַרויסגעוויזן די גאַנצע צײַט. ער האָט מיך געליבט און איך האָב אים ליב געהאַט. די צעשיידונג איז געווען פאַר מיר אַ גרויס ווייטאָק. ווען זעען מיר זיך ווידער? מע רעדט וועגן טורמע. ווי לאַנג קען דאָס געדויערן? וואָס זאָל איך טאָן אין דער צײַט? ווי אַזוי לעבן? פון וואָס?

מײַן לערער פלעגט דאָך טראָגן זײַן געלט בײַ זיך. און בעת דער פּאָליציאַנט האָט אים אַרעסטירט, האָט ער מיר ניט באַוויזן צו געבן קיין געלט.

איך האָב מער נישט ווי אַ ביסל קליינגעלט אין קעשענע. צי קען דאָס קלעקן אויף עסן פאַר אונדז אַלעמען — פאַר דער מאַלפּע, די הינט און פאַר מיר?

איך האָב אַזוי פאַרבראַכט צוויי טעג אין גרויס אומעט, ניט וואַגנדיק אַרויסצוגיין פון דער אַכסאַניע. איך בין געווען פאַרנומען מיט „שיינהאַרץ" און מיט די הינט. זיי זײַנען געווען אַזוי אומרויִק, אַזוי טרויעריק.

אויפן דריטן טאָג האָט מען מיר געבראַכט אַ בריוו פון וויטאַליסן. ער האָט מיר געשריבן, אַז מע האָט אים פאַרהאַלטן אין טורמע און אַז ער ווערט באַשטראָפט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט אַ פּאָליציאַנט און האָט אים נאָך געוואָלט שלאָגן.

— איך האָב געטאָן אַ גרויס פעלער, וואָס איך וועל כּאַר אים טײַער באַצאָלן — האָט ער מיר געשריבן — מע טאָר זיך ניט לאָזן פירן פון כּעס. קום זיך זען מיט מיר. — ער נעמט מיך אַרום און גריסט די אַרטיסטן זײַנע, יעדערן באַזונדער.

ווען איך האָב געלייענט דעם בריוו, איז קאַפּי ניט אָפּגע־טראָטן פון מיר. ער האָט אַלץ געשמעקט דעם בריוו און האָט דעם ערשטן מאָל אין די טרויעריקע טעג אַרויסגעוויזן סימָנים פון פרייד: ער האָט, ווײַזט אויס, נאָכן ריח דערשפּירט, אַז דאָס פּאַפּיר איז פון זײַן באַלעבאָס.

דעם באַשטימטן טאָג בין איך אַוועק אין פּאָליציי. איך בין אַרײַן דער ערשטער. באַלד האָט זיך דער זאַל אָנגעפילט מיט מענטשן. איך האָב צווישן זיי דערקענט אַ פולע פון די, וואָס זײַנען געווען בײַ דעם צוזאַמענשטויס צווישן וויטאַליסן און דעם פּאָליציאַנט.

דעם ערשטן מאָל בין איך געווען אין געריכט. כ'האָב זיך געפילט, אזוי ווי מיך האַלט מען פאַרמישפּט. איך האָב זיך פאַררוקט אין א ווינקל לעבן גרויסן אויוון. וויטאַליסן האָט מען ניט געמישפּט דעם ערשטן. פריִער האָט מען געמישפּט מענטשן פאַר גנבות, פאַר געשלעגן. אַלע האָבן געטענהט, אז זיי זײַנען ניט שולדיק און אַלעמען האָט מען פאַרמישפּט.

דערנאָך האָט מען ארויסגערופן וויטאַליסן. ער האָט זיך געזעצט אויף דער זעלביקער באַנק, ווו די גנבים זײַנען פריִער געזעסן. צוויי זשאַנדאַרמען האָבן זיך געשטעלט לעבן אים פון ביידע זײַטן.

איך בין געווען אזוי אויפגערעגט, אז איך האָב פון אָנהייב ניט געהערט, וואָס מע האָט גערעדט, וואָס מע האָט געפרעגט בײַ אים און וואָס ער האָט געענטפערט.

— אַלזאָ — האָט אים געפרעגט דער ריכטער — אָנערקענט איר, אז איר האָט געשלאָגן דעם פּאָליציאַנט, וואָס האָט אײַך אַרעסטירט?

— איך האָב אים געגעבן א קלאַפּ, ווען איך האָב דערזען, אז ער שלאָגט דאָס קינד, וואָס באַגלייט מיך.

— דאָס איז ניט אײַערס א קינד?

— ניין. אָבער איך האָב אים ליב ווי אַן אייגענעם זון. ווען איך האָב דערזען, אז מע שלאָגט אים, האָב איך ניט געקענט אײַנהאַלטן דעם כּעס און האָב א כאַפּ געטאָן דעם פּאָליציאַנטס האַנט, ער זאָל ניט שלאָגן דאָס קינד.

— און איר אַליין האָט געשלאָגן דעם פּאָליציאַנט?

— ווען ער האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער, האָב איך פאַרגעסן, אז דאָס איז א פּאָליציאַנט, און איך האָב אים א קלאַפּ געגעבן איבער דער האַנט.

— אין אײַער עלטער פאַרגעסט מען זיך ניט — האָט דער ריכטער געענטפערט.

— איך ווייס, אז איך האָב דאָס ניט געטאָרט טאָן, אָבער ניט אַלע מאָל טוט א מענטש, ווי ער דאַרף טאָן.

מע האָט ארויסגערופן דעם פּאָליציאַנט.

ער האָט זיך גענומען באַקלאָגן, אז מע האָט אים אויסגע-

לאכט, איבערגעקרימט, אז מע האט אים נאך געגעבן א קלאפ דערצו.

ווען דער פאליציאנט האט גערעדט, האט זיך וויטאליס גענומען ארומקוקן אין אלע זייטן. איך האב פארשטאנען, אז ער זוכט מיך מיט די אויגן.

איך בין ארויס פון מיין ווינקל. זיין פנים האט גענומען לייכטן, ווען ער האט מיך דערזען, און מיינע אויגן האבן זיך אנגעגאסן מיט טרערן.

— דאס איז אלץ, וואס איר קענט זאגן זיך צו פארענטפערן?— האט דער ריכטער געפרעגט.

— מער האב איך ניט וואס צו זאגן. אבער צוליב דעם יינגל, וואס איך האב אזוי צערטלעך ליב, בעט איך, דער געריכט זאל זיין מילד צו מיר און זאל פארקלענערן מיין שטראף. דאס קינד זאל ניט בלייבן אליין. אין זיין נאמען בעט איך! — האט וויטאליס געזאגט.

איך האב געהאפט, אז מע וועט מיין לערער באפרייען.

נאך א ריכטער האט גערעדט. דערנאך—דער פרעזידענט פון געריכט: א קליינקייט. וויטאליס האט זיך קעגנגעשטעלט דער פאליציי; ער מוז דערפאר באשטראפט ווערן מיט צוויי מאנאטן טורמע און מיט הונדערט פראנק שטראף.

צוויי מאנאטן טורמע.

דורך מיינע טרערן האב איך געזען, ווי די טיר האט זיך געעפנט און וויטאליס איז ארויס, נאך אים — א זשאנדארם.

דערנאך האט זיך די טיר פארמאכט.

צעשיידט אויף צוויי מאנאטן.

וווהין זאל איך גיין?

אַליין אויפֿן וועג.

װען איך האָב זיך אומגעקערט אין דער אַכסאַניע מיט אַ שווערן האַרצן און רויטע אויגן, האָב איך אָנגעטראָפֿן לעבן מיר דעם באַלעבאָס. ער האָט לאַנג אויף מיר געקוקט.

איך האָב געוואָלט צוזאַמענרופֿן די הינט. דאַן האָט ער מיך צוגערופֿן און געפֿרעגט:

— נו, און וואָס איז מיט דײַן לערער?

— מע האָט אים פֿאַרמישפּט.

— אויף וויפֿל?

— אויף צוויי מאָנאַטן טורמע.

— און וויפֿל שטראָף?

— הונדערט פֿראַנק.

— און וואָס וועסטו טאָן דערווײַלע?

— איך ווייס ניט.

— דו ווייסט ניט? דו האָסט געלט פֿאַר זיך און פֿאַר דײַנע חיות?

— ניין!

— איז וואָס? דו מיינסט, אַז איך וועל דיך האַלטן?

— ניין, איך מיין דאָס ניט.

— יאָ, מײַן קינד, דײַן באַלעבאָס קומט מיר אַזוי אויך. איך קען דיך ניט האַלטן קיין צוויי מאָנאַטן, ניט וויסנדיק, אַז מע וועט מיר שפּעטער באַצאָלן. דו מוזסט אַוועקגיין פֿון דאַנען.

— אַוועקגיין, אָבער וווּהין?

— דאָס איז ניט מײַן זאַך. איך בין דאָך ניט דײַן פֿאָטער און אפֿילו ניט דײַן באַלעבאָס. פֿאַר וואָס זאָל איך דיך האַלטן?

— איז גיכער, מײַן יינגל, נעם די הינט און די מאַלפּע און גיי זיך דיר. דעם באַלעבאָס' זאַק לאָז איבער בײַ מיר. ווען ער וועט אַרויס פֿון טורמע, וועלן מיר זיך אויסרעכענען.

— לאָזט מיך זײַן בײַ אײַך. מײַן באַלעבאָס וועט באַצאָלן פֿאַר מיר דערנאָך.

— יאָ, מײַן קינד, דײַן באַלעבאָס וועט קענען באַצאָלן פֿאַר עטלעכע טעג, אָבער צוויי מאָנאַטן—דאָס איז גאָר אַן אַנדער זאַך.

— אָבער ווי וועט מיך מײַן באַלעבאָס געפינען?

— קום אַהער דעם טאָג, ווען ער וועט פרײַ ווערן. דער־וויַילע גיי ארום אין די דערבײַיקע ערטער און פאַרדין געלט.

— און ווי, אז מײַן באַלעבאָס וועט מיר שיקן אַ בריוו?

— וועל איך אים באַהאַלטן פאַר דיר.

— איך וועל דאָך אים ניט קענען ענטפערן.

— געַנוג ריידן, גיי זיך דיר. איך גיב דיר פינף מינוט, און מער זאָל דײַן פוס דאָ ניט זײַן.

איך האָב ארויסגעפירט די הינט, די מאַלפּע. איך האָב גענומען מײַן זאַק אויפן רוקן און מײַן האַרפּע. איך האָב זיך געאײַלט צו פאַרלאָזן די שטאָט, ווײַל די הינט זײַנען דאָ געווען אָן מוילשלעסער. וואָס טו איך, אז פּאָליצײַ שטעלט מיך אָפּ?

אויב מע זאָל מיך אַרעסטירן, וואָס וועט ווערן מיט „שיינ־האַרץ" און מיט די הינט? איך בין איצט דער דירעקטאָר פון דער טרופּע. איך פיל די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

די הינט זײַנען געווען הונגעריק, „שיינהאַרץ" אויך. איך אַליין האָב אויך גאָרנישט געגעסן. אָבער מע מוז וואַרטן. איך האָב צו ווייניק געלט. עס זאָל קלעקן אויף פרישטיק און מיטאָג. מע מוז וואַרטן אויף מיטאָג.

איך האָב זיך געאײַלט צו פאַרלאָזן וואָס גיכער די שטאָט. ווען נאָכטלעגער האָב איך ניט געזאָרגט. ס'איז געווען זומער. מע קען שלאָפן אונטער די שטערן. אָבער מיט עסן איז ערגער. די הינט קוקן אויף מיר און בעטן מיט די אויגן, און שיינהאַרץ, וואָס זיצט בײַ מיר אויפן רוקן, רײַסט מיך פאַר די אויערן און רײַבט זיך דעם בויך. איך פאַרשטיי, וואָס זי וויל.

אָפּגעגאַנגען אַ שטיק פון שטאָט, בין איך אַרײַן אין אַ בעקערײַ און געבעטן אָנדערהאַלבן פונט ברויט. דאָס איז געווען ווייניקלעך, אָבער איך מוז דאָך זײַן פאָרזיכטיק מיט מײַן ביסעלע געלט. מיר האָבן זיך געזעצט אונטער דעם ערשטן בוים אויפן וועג און איך האָב צעטיילט דאָס ברויט אויף גלײַכע שטיקער.

נאָכן עסן האָב איך דערקלערט מײַן טרופּע וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט פּאַסירט מיט וויטאַליסן. איך ווייס ניט, צי זיי האָבן פאַרשטאַנען אַלע מײַנע ווערטער, אָבער איך בין זיכער, אז זיי האָבן געשפּירט, אז עפּעס וויכטיקעס איז פאָרגעקומען.

זײ האָבן זיך געהאַלטן ערנסט. מער נישט „שײנהאַרץ" האָט ניט געװאָלט װיסן פֿון קײן זאַך. אָפּגעגעסן, איז זי אַרויף אויפֿן בוים און זיך גענומען װיגן אויף די צװײַגן.

זיך אָפּגערוט אַ ביסל, זײַנען מיר געגאַנגען װײַטער און אין אַ שעה אַרום זײַנען מיר געקומען אין אַ דאָרף. דאָ האָב איך באַשלאָסן צו געבן אַ פֿאָרשטעלונג. אָ, װי אונדז האָט געפֿעלט װיטאַליס! װאָלטן מיר כאָטש געהאַט זײַן פֿײַפֿל.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּלאַץ לעבן אַ פֿאָנטאַן אונטער בײמער און האָב אָנגעהויבן שפּילן אַ װאַלס אויף מײַן האַרפֿע. זערבינאָ און דאָלצע האָבן אָנגעהויבן טאַנצן. אָבער קײנער איז ניט געקומען. איך האָב ניט פֿאַרלאָרן דעם מוט און האָב גענומען שפּילן נאָך שטאַרקער, העכער.

אַ קלײן קינד איז אַרויס פֿון אַ הײַזל און געװאָלט צוגײן צו אונדז. דאָס איז געװען אַ גאָר קלײן קינד, װאָס האָט זיך נאָר װאָס אויסגעלערנט גײן. װיגנדיק זיך אויף די קלײנע פֿיסעלעך, איז עס צוגעגאַנגען צו אונדז. די מוטער האָט זיך אַרומגעזען, אַז דאָס קינד איז ניטאָ, האָט זי גענומען זיך אַרומקוקן. דערזען דאָס קינד לעבן אונדז, האָט זי עס אָנגעהויבן רופֿן צוריק צו זיך. דאָס קינד האָט געפֿאָלגט און זיך אומגעקערט צו דער מאַמען. מיר זײַנען געבליבן אַלײן.

איך האָב אויפֿגעהערט שפּילן און אָנגעהויבן זינגען מײַן איטאַליענישע ליד. אפֿשר װעט דאָס צוציִען אַן עולם.

אָבער באַלד איז געקומען אַ מאַן אין אַ װעסט און אַ פֿעלצן היטל. ער האָט זיך אָנגערופֿן פֿעלדװעכטער און האָט מיך געהײסן װאָס גיכער זיך אָפּטראָגן. איך האָב שוין געװוּסט, אַז קעגן פּאָליציאַנטן און װעכטער טאָר מען זיך ניט קעגנשטעלן, און איך בין װאָס גיכער אַרויס פֿון דאָרף מיט מײַן טרופּע.

װען מיר זײַנען שוין געװען װײַט פֿון דאָרף, האָבן קאַפּי און זערבינאָ מיר געגעבן צו פֿאַרשטײן, אַז ס'איז צײַט צו עסן אָװנטברויט.

איך האָב געװיזן מײַנע דרײַ מיטבײַעס. קאַפּי און דאָלצע, װי גוטע און דערצויגענע הינט, האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און זײַנען געגאַנגען װײַטער. זערבינאָ האָט אָבער ניט געװאָלט װיסן פֿון קײן זאַך און גענומען בורטשען.

— קאַפּי — האָב איך געזאָגט — גיב אים צו פאַרשטיין, אַז הײַנט קענען מיר ניט האָבן קיין נאַכטעסן.

קאַפּי האָט אים געגעבן אַ קלאַפּ מיט זײַן לאַפּע, און אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט אויפהערן, האָט ער אים געהייסן ציִען. דאַן איז זערבינאַ שטיל געוואָרן.

גענעכטיקט האָבן מיר אין וואַלד, ווו עס זײַנען געלעגן גרויסע שטיינער: איך האָב דאָ געפונען אַזוי ווי אַ מין היל. די ערד איז געווען אויסגעבעט מיט נאָדלען פון טאַסנעס. די הינט וועלן זיך ניט פאַרקילן. אָבער וואָס וועט ווערן פון אונדז, אויב שײנהאַרץ אָדער איך אַליין וועל קראַנק ווערן?

די נאַכט איז געווען אַ שטילע. די שטערן האָבן געלויכטן אין הימל. איך האָב ניט געקענט אײַנשלאָפן.

— „מוטער בארבערען! לערער וויטאַליס!" — האָב איך שטיל גערופן אין דער נאַכט, און טרערן האָבן זיך גענומען גיסן פון מײַנע אויגן.

איך האָב זיך געלייגט אויפן בויך. האָב אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ אין דער ווייכער ערד און האָב ביטער געוויינט.

באַלד האָב איך דערפילט, אַז אַ פײַכטע צונג לעקט מיך. דאָס איז געווען קאַפּי. דאָס איז ער מיר געקומען טרייסטן אין מײַן עלנטקייט.

איך האָב אַרומגענומען זײַן האַלדז מיט מײַנע הענט און מיר זײַנען אַזוי אײַנגעשלאָפן ביידע.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. די זון האָט געוואַרעמט דעם גוף און די נשמה.

אַ גלאָק האָט געקלונגען אויף אַ טורעם.

אויף דער „שיף.

א גלאָק קלינגט. מוז דאָ זײַן אַ דאָרף. מיר גײען אַהין, פֿון װאַנען עס טראָגן זיך די קלאַנגען.

מיר זײַנען הונגעריק און דערשפּירן גלײַך דעם ריח פֿון פֿריש געבאַקענעם ברויט. אין דער בעקערײַ גיב איך אויס מײַן לעצט ביסל געלט אויף ברויט. איך לויף איבערן דאָרף און זוך אַ פּלאַץ פֿאַר אַ פֿאָרשטעלונג. איך קוק זיך צו צו די מענטשן, צי װעלן זײ אונדז באַגעגענען װי פֿרײַנד אָדער װי פֿײַנד.

אָבער אַלע מײַנע פּלענער האָט צעשטערט זערבינאָ. ער איז אַרײַן אין אַ הויז און האָט אַרויסגעגנבעט אַ שטיק פֿלײש. אַן אַלטע פֿרוי האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך אים.

װאָס טוט מען? מיט װאָס באַצאָלט מען איר פֿאַר דעם פֿלײש? דאָס בעסטע איז אַנטלויפֿן. איך הײב אָן לויפֿן, מײַנע הינט—נאָך מיר. און „שײנהאַרץ" האַלט זיך פֿעסט אָן מײַן האַלדז, זי זאָל ניט אַראָפּפֿאַלן פֿון מײַן רוקן. אַזוי זײַנען מיר אָפּגעלאָפֿן בײַ צװײ קילאָמעטער און האָבן זיך אָפּגעשטעלט. װען הינטער אונדז איז שוין קײנער ניט געװען. מע מוז באַשטראָפֿן זערבינאָן פֿאַר זײַן גנבֿה. אָבער װוּ איז ער? ער איז אַנטלאָפֿן. איך שיק קאַפּין אים אויפֿזוכן. ס'גײט אַװעק אַ גאַנצע שעה און קאַפּי קערט זיך אום אַלײן. זערבינאָ האָט אויפֿגעהערט צו פֿאָלגן, װײַל ער איז הונגעריק. אָבער איך קען אים. איצט האָט ער מורא פֿאַר מײַן שטראָף. שפּעטער װעט ער זיך אומקערן.

די געגנט איז געװען אַ שײנע. דאָס גראָז—הויך און זאַפֿטיק. אַ טײַכל האָט גערוישט גאָר נאָענט.

איך האָב זיך אויסגעצויגן אונטער אַ בוים. קאַפּי און דאָלצע האָבן זיך געלײגט לעבן מײַנע פֿיס. איך האָב אײַנגעשלאָפֿן.

װען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, איז שוין געװען שפּעט מיר זײַנען אַלע געװען אַזױ הונגעריק, און זערבינאָ איז נאָך ניטאָ. װאָס טוט מען? װי גײט מען אָן זערבינאָן? ער קען זיך גאָך פֿאַרלירן. װאָס װעל איך זאָגן װיטאַליסן? - און אַלײן האָב

איך אים אויך ליב, דעם גַנָב. אָבער בלײַבן װאַרטן הײסט דאָך — ניט געבן קײן פאָרשטעלונג, און איך האָב שוין ניט פאַר װאָס צו קויפן ברויט. שײנהאַרץ רײַבט זיך דעם בויך און יאָמערט; קאַפּי און דאָלצע קוקן אויף מיר מיט אַזױנע טרויעריקע אויגן.

איך באַשליס צו װאַרטן אויף װערבינאַן ביז אָװנט.

אָ, װען מיר קענען פאַרגעסן, אַז מיר זײַנען הונגעריק!

דאָס טײַכל פאַלט אַרײַן אין אַ קאַנאַל. מיר גײען צו צום ברעג. אָפּשר אָנהײבן שפּילן? װעט אונדז אַלעמען פרײלעכער װערן. איך נעם זיך פאַר מײַן האַרפע און נעם שפּילן, אָבער מײַן טרופּע װיל ניט טאַנצן. איך שפּיל װײַטער.

„בראַװאָ!" — דערהערט זיך פּלוצלונג הינטער מיר.

איך קוק זיך אַרום: אַ שיף שװימט אויפן װאַסער. אויפן דעק פון שיף זע איך אַ דאַמע מיט אַ קינד. װײַזט אויס, האָט דאָס קינד געשריִען „בראַװאָ".

— איר שפּילט פאַר זיך אַלײן? — פרעגט מיך די דאַמע, און נאָך איר שפּראַך דערקען איך, אַז דאָס איז אַן אויסלענדערין.

— דאָס װיל איך צוגעבן מוט מײַנע אַרטיסטן און זיך אַלײן אויך — ענטפער איך.

— װילט איר נאָך שפּילן? — פרעגט מיך די דאַמע.

— װאָס װילט איר — אַ טאַנץ אָדער אַ קאָמעדיע?

— אַ קאָמעדיע! — רופט זיך אָפּ דאָס קינד.

— בעסער אַ טאַנץ, ס'איז קירצער — רײַסט איבער די דאַמע.

— נאָכן טאַנץ װעלן מיר קענען װײַזן, אויב דאָס געערטע פּובליקום װעט װעלן, אַלערלײ שטיק, װי אין די צירקן פון פּאַריז — האָב איך געזאָגט, דערמאָנענדיק זיך, װי װיטאַליס פלעגט זיך װענדן צום פּובליקום.

איך האָב געשפּילט אַ װאַלס. קאַפּי האָט גענומען דאָלצען פאַר דער טאַליע און זײ האָבן אָנגעהויבן טאַנצן. שײנהאַרץ האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס קען געבן אַ מיטאָג, און זי האָט אויך גענומען טאַנצן. אין מיטן האָט זיך מיט אַ מאָל באַװיזן װערבינאַ און ער האָט אָנגעהויבן שפּילן זײַן ראָל, אַזױ װי קײן זאַך װאָלט ניט פּאַסירט.

שפּילנדיק האָב איך ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פונעם ייִנגל אויף דער שיף — די האָר בלאָנדע, דאָס פּנים — בלאַס, די הויט —

דורכזיכטיק. ער איז די גאנצע צײַט געלעגן, נאָר די הענט האָבן זיך גערירט, ווען ער האָט אונדז געפּאַטשט בראַוואָ.

— ניט שוין זשע איז דאָס קינד פּאַראַליזירט! — האָב איך געטראַכט—זײַן אויסזען איז אַזאַ קרענקלעכס.

— ווי טײַער קאָסט אַ בילעט אין אײַער טעאַטער? — האָט מיך געפרעגט די דאַמע.

— וויפל אײַנער ווילו—האָב איך געענטפערט.

— אויב אַזוי, מאַמע—האָט דאָס קינד געזאָגט — דאַרף מען באַצאָלן זייער טײַער.

דערנאָך האָט ער געזאָגט עפּעס אין אַ פרעמדער שפּראַך.

— אַרטור וויל זען—נעענטער די אַרטיסטן — האָט די דאַמע געזאָגט.

איך האָב געמאַכט אַ צייכן צו קאַפּין און ער איז אַרויס געשפּרונגען אויף דער שיף. זערבינאַ און דאָלצע—נאָך אים.

— און די מאַלפּע?—האָט דער ייִנגל געבעטן.

שיינהאַרץ וואָלט אויך געקענט געבן אַ שפּרונג, אָבער איך האָב מורא געהאַט, אַז זי וועט נעמען מאַכן מיאוסע שטיק אויף דער שיף, וואָס וועט ניט געפעלן דער דאַמע.

— זי בײַסט זיך?—האָט די דאַמע געפרעגט.

— ניין, אָבער זי פירט זיך ניט אַלע מאָל אויף ווי אַ גוט דערצויגענע מאַלפּע.

— קומט אַרויף מיט איר אויף דער שיף!

דער מאַן, וואָס איז געשטאַנען בײַם רודער פון דער שיף, האָט אַוועקגעלייגט אַ ברעט, און מיר זײַנען אַרויף אויף דער שיף.

דאָס קינד האָט זיך זייער געפרייט און האָט אָנגעהויבן צערטלען די מאַלפּע.

דערווײַלע האָב איך געקוקט אויף אים.

דער ייִנגל איז טאַקע געווען צוגעבונדן צו אַ ברעט.

— איר האָט אַ פאָטער, מײַן קינד? — האָט מיך די דאַמע געפרעגט.

— ניין, איצט בין איך אַליין.

— אויף לאַנג?

— אויף צוויי מאָנאַטן.

— אויף צוויי מאָנאַטן!! ווי אַזוי וועט איר עס אויסקומען אַליין אין אײַער עלטער?

— אײַער באַלעבאָס שיקט אײַך קלײַבן געלט?

— ניין, ער שיקט מיך ניט, אָבער מיר דאַרפן לעבן, איך און מײַן טרופּע.

די דאַמע האָט גערעדט צו מיר מיט אַזוי פיל גוטסקייט און מיטלייד אין די אויגן, אַז איך האָב איר אַלץ דערציילט.

דער יינגל האָט זיך געשפּילט מיט די הינט, אָבער ווען ער האָט דערהערט, אַז נאָך טולוז האָבן מיר נאָך גאָרנישט פאַרדינט, האָט ער אויסגעשריִען:

— איר מוזט דאָך זײַן אַלע אַזוי הונגעריק!

די הינט האָבן אָנגעהויבן בילן, און שיינהאַרץ האָט זיך גענומען רײַבן דעם בויך.

— מאַמע!—האָט דער יינגל אויסגעשריִען.

באַלד האָט זיך באַוויזן אַ פרוי, וואָס האָט געדעקט פאַר מיר אַ טישעלע.

שיינהאַרץ האָט געכאַפּט אַ סקאָרינקע ברויט און איז מיט איר פאַרקראָכן אונטערן טיש. די הינט האָבן אײַנגעשלונגען די שטיקלעך ברויט, וואָס איך האָב זיי געגעבן, און איך אַליין האָב אויך געגעסן מיט דעם זעלביקן אַפּעטיט ווי די מאַלפּע.

דער יינגל האָט ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון אונדז. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגער געשפּרעך אויף אַ פרעמדער שפּראַך צווישן אים און זײַן מוטער. קענטיק, אַז ער האָט עפּעס געבעטן אַזוינס, וואָס איר איז געווען שווער נאָכ־צוגעבן.

מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מיר און גע־פרעגט:

— צי ווילט איר בלײַבן מיט אונדז?

פון פאַרוווּנדערונג האָב איך ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן:

— אויף דער שיף?—האָב איך איבערגעפרעגט.

— יאָ, אויף דער שיף—האָט די מוטער געזאָגט:—מײַן זון איז קראַנק. דער דאָקטער האָט פאַראָרדנט, מע זאָל אים צובינדן

צו אַ בּרעט און ער זאָל ליגן אָן באַוועגונג. איך פיר אים אַרום אויף דער שיף, אים זאָל ניט זײַן אומעטיק. בּלײַבּט מיט אונדז. די הינט און די מאַלפּע װעלן פאָרשטעלן פאַר אַרטורן, און איר װעט שפּילן אויף דער האַרפע. אונדז װעט זײַן פריילעכער און פאַר אײַך איז דאָס אויך בעסער װי אַרומצוװאַנדערן און זוכן אַ פּובּליקום.

— אויף אַ שיף! סאַר אַ גליק דאָס איז!

פון גרויס דאַנקבּאַרקייט האָב איך גענומען דער דאַמעס האַנט און איך האָב עס צוגעטראָגן צו מײַנע ליפּן. זי האָט מיך עטלעכע מאָל צערטלעך אַ גלעט געטאָן איבּערן קאָפּ.

— מײַן עלנט קינדו — האָט זי געזאָגט.

איך האָב זיך געזעצט אויפן פאָדערשטן שפּיץ פון דער שיף און האָב אָנגעהויבּן צו שפּילן.

די דאַמע האָט אַרויסגענומען אַ זילבּערנע פּײַפל און אַ פּײַף געטאָן.

איך האָב זיך דערשראָקן. איך האָב געמיינט, אַז איר גע-פעלט ניט מײַן שפּילן און אַז זי הייסט מיר אויפהערן.

אָבער דער יינגל האָט מיך באַרויקט.

— דו זעסט—האָט ער געזאָגט—אויפן ברעג די צװיי פערד? זיי ציִען דאָס אונדזער שיף. די מאַמע האָט אַ פּײַף געטאָן, זיי זאָלן גיין, און די שיף זאָל שווימען װײַטער.

די שיף איז שטיל געשװוּמען צװישן די שאָטנדיקע ברעגעס און איך האָב אַלץ געשפּילט.

מײַן ערשטער פֿרײַנד.

ארטורס מוטער איז אַן ענגלענדערין. זי הײסט פֿרױ מיליגאַן. זי איז אַן אַלמָנה, און ארטור איז איר אײנציק קינד. זי האָט געהאַט נאָך אַן עלטערן זון, אָבער ער איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, ווען ער איז אַלט געווען זעקס מאָנאַטן. זי האָט אים דאַן ניט געקענט זוכן, ווײַל דער מאַן האָט געהאַלטן בײַם שטאַרבן. זי אַלײן איז אויך געווען געפֿערלעך קראַנק און זי האָט ניט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אַרום איר. ווען זי איז געזונט געוואָרן, איז דער מאַן שוין געווען טויט. און וועגן קינד האָט זי זיך גאָרניט געקענט דערוויסן: אַזוי ווי אין וואַסער אַרײַן.

ארטור איז געבאָרן געוואָרן זײער אַ קראַנקער, און די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ער וועט ניט לאַנג לעבן. די מוטער האָט אַזוי געזאָרגט וועגן קינד, אַז ער איז ניט געשטאָרבן. אָבער ער איז געבליבן זײער אַ קרענקלעכער. בײַ אים זײַנען געווען שוואַך די פֿיס, און די דאָקטוירים האָבן געראָטן אַ נײַעם מיטל—ער מוז ליגן אויסגעצויגן אויף אַ ברעט און ניט באַוועגן מיט די פֿיס. כּדי דאָס קינד זאָל ניט דאַרפֿן פֿאַרברענגען זײַנע טעג אָן לופֿט אין אַ צימער, ווי אין אַ טורמע, האָט זי באַשטעלט פֿאַר אים די שיף. דאָ האָט ער פֿרישע לופֿט, דאָ זעט ער אויך פֿרישע בילדער. זײ וועלן פֿאָרן איבערן קאַנאַל, דערנאָך איבער טײַכן, ביז וואַנען זײ וועלן קומען אין צָפֿון פֿון פֿראַנקרײַך. פֿון דאָרטן וועלן זײ שוין אויף אַ גרויסער שיף זיך אומקערן אַהײם קײן ענגלאַנד. קײן פֿראַנקרײַך זײַנען זײ געקומען צוליב דער וואַרעמער לופֿט און די שוועבלבעדער.

אַלץ, וואָס איך דערצײל דאָ, האָב איך זיך דערוווּסט בײַסלעכווײַז, נאָך דעם ערשטן טאָג פֿון מײַן זײַן אויף דער שיף, וואָס האָט געהײסן „דער שוואַן“.

דעם ערשטן טאָג האָב איך זיך נאָר באַקענט מיט דעם קלײנעם צימערל, וווּ איך האָב געדאַרפֿט וווינען. דאָס צימערל איז געווען אַ קלײנע קאַיוטע. אין איר איז געשטאַנען מער נישט

חי א קאסטן. ווען איך האָב אויפגעהויבן דעם דעק פון קאסטן, איז דאָרטן געלעגן א בעט מיט א טישקעסטל, חו מע האָט געקענט האַלטן וועש און קליידער. לעבן בעט זײַנען געווען צוויי ברעטלעך. מע האָט זיי געקענט אויפהייבן: איינס איז געווען א טישל און דאָס אנדערע — א בענקעלע. איך האָב זיך אויסגעצויגן אויף מײַן בעט. דעם ערשטן מאָל אין מײַן לעבן האָב איך געשלאָפן אויף אזא ווייכן געלעגער און די וועש איז געווען אזוי חײַס. אזוי ווייך. ווי שטיל און ווי רויִק ס׳איז געווען ארום!

איך האָב זיך אויפגעהויבן זייער פרי. איך האָב געוואָלט חיסן, חי מײַנע ארטיסטן האַלטן זיך. איך האָב זיי אַלעמען געפונען אויף דעם זעלביקן אָרט, חו איך האָב זיי איבערגעלאָזן. זיי האָבן מיך באַגעגנט מיט פרייד. מער נישט שיינהארץ האָט זיך געמאַכט שלאָפנדיק. זי איז געווען בייז, וואָס איך האָב יז ניט גענומען שלאָפן אין מײַן צימער.

דער מאַטראָס פון דער שיף האָט אונדז ארויפגעלאָזן איבער א ברעט אויפן ברעג, און מײַנע באַגלייטער האָבן צעיסגעגלײַכט די ביינער, לויפנדיק און שפרינגענדיק איבערן גראָז.

חען מיר האָבן זיך אומגעקערט אויף דער שיף, זײַנען די פערד געווען שוין אײַנגעשפאַנט און זיי האָבן נאָר געוואַרט אויף א באַפעל זיך צו רירן אין חעג ארײַן.

סאַר א פארגעניגן ס׳איז געווען צו זײַן אויף דער שיף, וואָס האָט זיך שטיל געגליטשט אויפן חאַסער! איך האָב ניט געקענט אָפרײַסן די אויגן פון די הויכע ביימער אויף די ברעגעס.

באַלד האָט מען ארויסגעטראָגן ארטורן אויפן דעק. ער האָט מיך ליבלעך געפרעגט, ווי איך האָב געשלאָפן און חי עס פילן זיך מײַנע ארטיסטן.

די הינט און די מאַלפע זײַנען צוגעלאָפן צו אים חי צו א גוטן באַקאַנטן און האָבן געמאַכט פרײַנדלעכע מינעס.

— פירט דערחײַלע אוועק די הינט — האָט געזאָגט ארטורס מוטער — איצט דאַרפן מיר ארבעטן.

איך האָב אוועקגעפירט מײַן טרופע אויפן פאָדערשטן שפיץ און איך בין געחען זייער נײַגעריק צו חיסן, חאָס דאָס קראַנקע קינד חעט טאָן.

פרוי מיליגאַן האָט גענומען אַ בוך און פאַרהערט אַרטורן. זי האָט אים געמאַכט אַ שטרענגע באַמערקונג, פאַר װאָס ער האָט ניט אויסגעלערנט גוט זײַנע אויפגאַבעס. ער האָט אָנגע־הויבן װײנען און זיך קלאָגן אויף זײַן קראַנקייט.

זי האָט אָבער פון קיין זאַך ניט געװאָלט װיסן.

— דער קאָפּ איז בײַ דיר ניט קראַנק, מײַן קינד, און איך װעל ניט דערלאָזן, דו זאָלסט אויסװאַקסן אַ ניט קיין װיסנדיקער מענטש. איך האָב געװאָלט, דו זאָלסט זיך הײַנט אין דער פרײ שפּילן מיט רעמין און מיט די הינט. אָבער איך װעל דיר ניט דערלויבן זיך צו שפּילן מיט זײ, ביז װאַנען דו װעסט ניט אויס־לערנען דײַנע אויפגאַבעס.

רײדנדיק אַזוי האָט זי דערלאַנגט דעם ייִנגל דאָס בוך און געװאָלט אַװעקגײן. ער האָט ביטער געװײנט.

איך האָב זיך געװוּנדערט, װאָס פרוי מיליגאַן קען זײַן אַזוי שטרענג מיט איר קראַנקן קינד.

באַלד האָט זי זיך אומגעקערט און אים אָנגעבאָטן אויס־צולערנען מיט איר צוזאַמען. זי האָט איבערגעלײענט מיט אים דרײַ מאָל אַ פאַבל, װאָס האָט געהײסן „דער װאָלף און דאָס שעפעלע“. האָט אים געהײסן װײַטער אויסלערנען אַלײן און זי איז אַװעק אין אַ קאַיוטע פון דער שיף.

געבליבן אַלײן, האָט אַרטור פריִער געלערנט, דערנאָך האָט ער אַװעקגעלײגט זײַן בוך און אָנגעהויבן צו קוקן אויף די ברעגעס.

אונדזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. איך האָב אים געמאַכט אַ צײכן מיט דער האַנט, ער זאָל זיך װידער נעמען פאַר זײַן בוך. ער האָט מיר געענטפערט מיט אַ שמײכל און װידער גענומען לײענען דאָס בוך. אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. און איטלעך מאָל, װען איך פלעג אים מאַכן אַ צײכן, פלעגט ער אין פאַרלעגנהײט זיך נעמען פאַרן בוך. דערנאָך האָט עס אים דערעסן און ער האָט דאָס בוך אַװעקגעװאָרפן.

איך בין צוגעגאַנגען צו אים און האָב אים גענומען אײַנ־רײדן, ער זאָל לערנען; איך האָב אים אפילו איבערגעזאָגט אויף אויסװײניק די פאַבל. ער האָט זיך פאַרװוּנדערט. װי אַזוי איך האָב דאָס געקענט אַזוי גיך אויסלערנען. איך האָב אים דער־

קלערט, אַז איך האָב דאָך געהערט, חי. זײַן מוטער האָט אים עטלעכע מאָל פאַרגעלײענט. און איך האָב אָנגעהויבן מיט אים צו לערנען די פאַבל. באַלד האָט ער זי טאַקע אויסגעלערנט אויף אויסחײניק.

חען פרוי מיליגאַן האָט זיך אומגעקערט און אונדז דערזען צוזאַמען, איז זי געוואָרן אין כּעס, אָבער אַרטור האָט איר געזאָגט מיט אַ פרײלעכער שטים:

— מאַמע, איך קען שוין די פאַבל. רעמי האָט עס אויסגעלערנט מיט מיר.

און ער האָט איר טאַקע געזאָגט אויף אויסהײניק די גאַנצע פאַבל אָן אײן פעלער.

איר פּנים האָט גענומען לײַכטן פון פרײד. זי האָט זיך אײַנגעבויגן איבער איר קראַנקן זון און אים צערטלעך געקושט. חען זי האָט זיך אויפגעהויבן, זײַנען אירע אויגן געחען פול מיט טרערן.

— איר זײַט אַ גוטער ייִנגל—האָט זי געזאָגט צו מיר.

מײַן לאַגע האָט זיך געביטן. איך בין געוואָרן אַ חבֿר פון איר זון.

פרוי מיליגאַן איז געחען אויסער זיך, חאָס איר זון נעמט זיך ניט צום לערנען. זי האָט געחוסט, אַז זײַן קראַנקײַט חעט געדויערן לאַנג, און זי האָט מורא געהאַט, אַז ער חעט פאַרלירן די טײַערע צײַט פון לערנען. דערפאַר איז געחען אַזוי גרויס די פרײד, חען זי האָט דערזען, חי גיך ער האָט אויסגעלערנט צוזאַמען מיט מיר די פאַבל.

די צײַט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אויף דער שיף, איז געחען די גליקלעכסטע צײַט פון מײַן קינדהײט. אַרטור האָט זיך צוגעבונדן צו מיר מיט זײַן גאַנצער נשמה. מיר האָבן געלעבט חי אמתע ברידער. קײן מאָל האָבן מיר זיך ניט איבערגערעדט מיט קײן חאָרט, און פרוי מיליגאַן האָט זיך געהאַלטן מיט מיר, חי איך וואָלט געווען אירס אַ קינד. קײן מאָל האָט זי מיר ניט געגעבן צו פילן, אַז איך בין דאָ אַ פרעמדער, אַז מע האַלט מיך פון רחמנות.

ווײַטער איז די רײַזע אויף דער שיף געווען אַזוי אינטערעסאַנט. וויפל דערפער און שטעט מיר זײַנען דורכגעפאָרן!

קײן אײן אומעטיקער טאָג. אַפּילו קײן אײן אומעטיקע שעה.

אין אָװנט, װען עס פֿלעגט זיך ניט װעלן שלאָפֿן, פֿלעגן מיר ארונטערגײן אין סאַלאָן פֿון אונדזער שיף. מע פֿלעגט אָנצינדן אַ ליכטיקן לאָמפּ און פֿרוי מיליגאָן פֿלעגט אונדז װײַזן ביכער מיט קאַרטעס און בילדער װעגן די ערטער, דורך װעלכע מיר פֿלעגן פֿאָרן. אַנדערע אָװנטן פֿלעגט זי אונדז פֿאָרלײענען אָדער דערצײלן לעגענדעס און די געשיכטע פֿון דער געגנט. דערבײַ פֿלעגט זי זיך מיִען צו רײדן זײער לײַכט, פֿאַרשטענדלעך.

גאָר אָפֿט, װען די שיף פֿלעגט שטײן, פֿלעג איך אין שטילע אָװנטן אַראָפּגײן אויפֿן ברעג, זיך באַהאַלטן הינטער אַ בוים און שפּילן אויף מײַן האַרפֿע.

אַרטור פֿלעגט ליב האָבן צו הערן מוזיק, ניט װיסנדיק פֿון װאַנען זי דערטראָגט זיך.

װי גוט און זאָרגלאָז עס האָט זיך געלעבט, און װיפֿל פֿרײַנדשאַפֿט און ליבע איך האָב דאָ געזען! אָפֿט מאָל פֿלעג איך טראַכטן, װי גליקלעך אַרטור איז, ניט געקוקט אויף זײַן קראַנקײט — ער האָט אַזאַ שײנע, אַזאַ קלוגע, אַזאַ צערטלעכע מאַמען. און איך װעל שוין קײן מאָל ניט זען מוטער באַרבערען...

אַלײן, אַלע מאָל אַלײן!

און דאָך בין איך געװען גליקלעך, זײער גליקלעך, צוליב מײַנע נײַע פֿרײַנד...

אָבער די צײַט איז געלאָפֿן, און גאָר באַלד האָב איך זיך שוין געדאַרפֿט אומקערן צו מײַן פֿריִערדיקן לעבן.

אַן אונטערגעוואָרפן קינד.

די צײַט איז געגאַנגען גיך, און ס'האָט זיך שוין דערנענטערט דער מאָמענט, ווען סעניאָר וויטאַליס האָט געדאַרפט אַרויסגיין אויף דער פרײַ.

ס'איז געווען וווּנדערלעך אַזוי צו פאָרן אויף דער שיף אָן מי און אָן זאָרג. אָבער מע האָט זיך דאָך געדאַרפט אומקערן צופוס אויף דעם לאַנגן וועג, וואָס מע איז דורכגעשווומען אויפן וואַסער.

וואָס ווײַטער מיר זײַנען אָפּגעפאָרן פון טולוז, אַלץ מער האָט מיך געמאַטערט דער געדאַנק וועגן צוריקגיין.

אויס מיט דער ווייכער בעט, מיט די געשמאַקע קוכנס און די אָוונטן אַרום טישו.. און דאָס ערגסטע–איך מוז זיך צעשיידן מיט אַרטורן און מיט זײַן מוטער, מיט זייער ליבע און גוטסקייט, אָנווערן זיי, ווי איך האָב שוין אָנגעוואָרן מוטער באַרבערען... זיך צובינדן, ליב האָבן און ווידער פאַרלירן די טײַערע פרײַנד– אָט די געדאַנקען זײַנען געווען דער איינציקער וואָלקן אין מײַנע גליקלעכע טעג אויף דער שיף.

איין מאָל האָב איך געפרעגט פרוי מיליגאַן, ווי ווײַט מיר זײַנען פון טולוז און וויפל צײַט איך וועל דאַרפן האָבן זיך אומצוקערן צוריק קיין טולוז, ווײַל איך וויל אָפּוואַרטן מײַן לערער און זײַן בײַ דער טורמע ריכטיק אין דעם מאָמענט, ווען ער וועט אַרויסגיין.

– איך וויל זיך ניט צעשיידן מיט רעמין – האָט געזאָגט אַרטור–ער מוז בלײַבן מיט מיר.

איך האָב דערקלערט, אַז דאָס איז אוממיגלעך. איך מוז זיך אומקערן צום סעניאָר וויטאַליס. ער האָט מיך געדונגען בײַ מײַנע עלטערן. איך האָב אָבער ניט אויסגעזאָגט, אַז איך האָב ניט קיין אמתע עלטערן, און אַז איך בין אַן אונטערגעוואָרפן קינד.

איך האָב זיך דערמאָנט, ווי מע האָט געהאַסט אין דאָרף די אונטערגעוואָרפענע קינדער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז

װען איך זאָג אױס, װער איך בין, װעלן אַרטור און זײַן מוטער מיך אָפּשטױסן פֿון זיך.

— רעמי מוז בלײַבן בײַ אונדזו—האָט געטענהט אַרטור.

— מײַן קינד — האָט אױף דעם געענטפֿערט זײַן מוטער: —אָבער פֿריִער פֿון אַלץ מוז רעמי אַלײן װעלן בלײַבן מיט אונדז, און זײַן באַלעבאָס סעניאָר װיטאַליס מוז אײַנשטימען זיך אָפּצו. זאָגן פֿון אים. און אויב רעמי װעט בלײַבן מיט אונדז, דאַרף ער אױך װיסן, אַז דאָס װעט גאָרניט זײַן קײן גרינג לעבן: ער װעט מוזן פֿיל אַרבעטן, זיך לערנען און שטענדיק אַכטונג געבן אױף דיר, דו זאָלסט אױך לערנען. ער װעט זיך מוזן אָפּזאָגן פֿון זײַן פֿרײַ לעבן אױף די גרױסע װעגן.

געװיס איז סעניאָר װיטאַליס געװען זײער גוט צו מיר, און איך האָב אים ליב געהאַט, אָבער װי קען איך פֿאַרגלײַכן מײַן איצטיק לעבן מיטן לעבן בײַ אים! אַרטורן און זײַן מוטער האָב איך אַזױ צערטלעך ליב געקראָגן!

לערנען האָט זיך מיר זײער געװאָלט און בלײַבן מיט זײ— צי האָט נאָך געקענט זײַן אַ גרעסער גליק?

אַרטורס מוטער האָט געזאָגט, אַז איך דאַרף זיך ניט אומ· קערן קײן טולוז. זי װעט אָנשרײַבן אַ בריװ צום סעניאָר װיטאַליס און זי װעט אים שיקן געלט, ער זאָל קומען קײן סעט, װוּ מיר װעלן װאַרטן אױף אים. דאָ װעט זי אים פֿרעגן, צי ער שטימט אײַן, איך זאָל בלײַבן בײַ איר. װען ער װעט אײַנשטימען, װעט זי נאָך אָנפֿרעגן מײַנע עלטערן.

װי נאָר איך האָב דערהערט דאָס װאָרט עלטערן, בין איך געװאָרן אַ טױטער: פֿרױ מיליגאַן װעט אָנפֿרעגן מײַנע עלטערן, װעט זי זיך דערװיסן, אַז איך בין אַן אונטערגעװאָרפֿן קינד. דאַן װעט זי ניט װעלן מיך—נעמען, און אַרטור װעט ניט װעלן שױן זײַן מער מײַן חבר.

פֿרױ מיליגאַן האָט געזען, אַז איך בין זײער צעטראָגן און זי האָט מיך אָנגעהױבן פֿרעגן, װאָס ס׳איז מיט מיר. איך האָב אָבער ניט געקענט רײדן פֿון אױפֿרעגונג. האָט זי מיך געלאָזן צו רו. גוט, װאָס ס׳איז געװאָרן נאַכט, און איך האָב געקענט בלײַבן אַלײן מיט מײַנע שרעק און טרױעריקע געדאַנקען אין מײַן קלײנעם צימערל.

אַ, איז דאָס געװען אַ שרעקלעכע נאַכט! װאָס טוט מען? װאָס זאָגט מען? בעסער בלײַבן מיט װיטאַליסן, אײדער אויסזאָגן דעם אמת. איך װעל זיך מוזן צעשײדן מיט אַרטורן און מיט זײַן מוטער, אָבער דערפֿאַר װעלן זײ זיך צעשײדן מיט מיר װי מיט אַ גוטן פֿרײַנד, און אויב זײ װעלן זיך דערװיסן, אַז איך בין אַן אונטערגעװאָרפֿענער, װעלן זײ אַפֿילו ניט װעלן קוקן אויף מיר.

דערװײַלע האָט פֿרוי מיליגאַן אָנגעשריבן אַ בריװ צום סעניאָר װיטאַליס, און ער האָט געענטפֿערט, אַז ער װעט קומען שבת מיט דעם צוג, װאָס שטעלט זיך אָפּ אין סעט צװײ אַ זײגער בײַ טאָג.

איך האָב געבעטן פֿרוי מיליגאַן, זי זאָל מיך דערלויבן גײן אויפֿן װאָקזאַל מיט „שײנהאַרץ“ און מיט די הינט באַגעגענען דעם סעניאָר װיטאַליס.

די הינט זײַנען געװען אומרויִק, אַזוי װי זײ װאָלטן עפּעס געשפּירט. מער נישט „שײנהאַרץ“ האָט זיך רויִק באַהאַלטן בײַ מיר אין בוזעם.

אין אַ װינקעלע פֿון װאָקזאַל האָב איך געװאַרט אויפֿן צוג. איך בין געװען אַזוי פֿאַרטראַכט, אַזוי צעטראָגן! איך בין געקומען צו זיך, װען איך האָב דערהערט, װי די הינט בילן. זײ האָבן פֿריִער פֿון מיר דערזען װיטאַליסן און האָבן זיך אַ ריס געטאָן אים אַנטקעגן. קאַפּי איז אַרויפֿגעשפּרונגען צו אים אויפֿן ברוסט, דאָלצע און זערבינאָ זײַנען צוגעפֿאַלן צו זײַנע פֿיס.

מײַן לערער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם הונט און האָט מיר שטאַרק אַרומגענומען:

— גוט מאָרגן, מײַן אָרעם קינד! — האָט ער געזאָגט צו מיר אויף איטאַליעניש.

מײַן באַלעבאָס איז אַלע מאָל געװען גוט צו מיר, אָבער קײן צערטלעכקײט האָט ער מיר פֿריִער קײן מאָל ניט אַרויסגעװיזן. פֿון זײַנע קושן און צערטלעכע װערטער האָט מיר פֿאַרדריקט דאָס האַרץ, און טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן. ער האָט זיך אַזוי איבערגעביטן אין טורמע: ער האָט זיך אײַנגעבויגן, זײַן פּנים איז אויסגעבלײכט געװאָרן. ער האָט מיך

געפרעגט, װער די דאַמע איז, װאָס האָט אים געשריבן, און װי אַזױ איך קום צו איר.

איך האָב אים דערצײלט, װי אַזױ מע האָט מיך מיט אונ־זערע אַרטיסטן אַרױפגענומען אױפן „שװאַן". װעגן דעם, אַז מע װיל מיך צונעמען פון אים, האָב איך ניט באַװיזן צו דערצײלן, װײַל מיר זײַנען צוגעגאַנגען צום האָטעל, װוּ פרוי מיליגאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט.

װיטאַליס האָט געפרעגט דעם נומער פון איר צימער, האָט מיר געהײסן װאַרטן מיט די הינט און איז אַלײן אַװעק צו איר.

אין אַ װײַלע אַרום איז ער אַרױס צו מיר און האָט מיר געזאָגט:

— געזעגן זיך מיט דער דאַמע. אין צען מינוטן אַרום פאָרן מיר אַװעק פון דאַנען.

איך בין געבליבן שטײן אױסער זיך.

— גײ ! גיכער! — האָט ער מיר געזאָגט: — איך האָב דער־קלערט דער דאַמע, אַז איך קען דיך ניט לאָזן בײַ איר, אַז איך דאַרף דיך האָבן און זאָג זיך ניט אָפּ פון מײַנע רעכט אױף דיר.

װען איך בין אַרײַן אין צימער, האָט אַרטור ביטער געװײנט. זײַן מוטער האָט אים געטרײסט.

— דײַן לערער איז אַ בײזער מענטש! — האָט אַרטור געשריגן.

— נײן, ער איז ניט קײן בײזער — האָט זײַן מוטער דער־קלערט — נאָר ער האָט זײער ליב רעמין און װיל זיך מיט אים ניט צעשײדן. ער װעט האַלטן רעמין װי אַן אײגענעם זון און װעט אים אױך לערנען.

— אָבער רעמי װיל דאָך בעסער בלײַבן מיט אונדז — האָט אַרטור געענטפערט.

— איך װעל אָנשרײַבן צו זײַנע עלטערן — האָט פרוי מיליגאַן געזאָגט — און זײ װעלן אפשר אײַנשטימען. ער זאָל אַװעקגײן פון זײַן באַלעבאָס.

— אָ, שרײַבט נאָר ניט מײַנע עלטערן! — האָב איך זיך גענומען בעטן.

איך האָב הײס אַרומגענומען אַרטורן און זײַן מוטער און בין אַרױסגעלאָפן פון צימער.

ווען ניט מײַן נאַרישקייט און די מורא, זיי זאָלן זיך דער־וויסן, אַז איך בין אַן אונטערגעוואָרפֿן קינד, וואָלט איך טאַקע געבליבן מיט זיי און מײַן לעבן וואָלט אַוועק גאָר אַנדערש.

דורך ווינט און שניי".

ווידער גיי איך נאָך סיניאָר וויטאַליסן מיט אַ האַרפֿע איבער שטויביקע וועגן, ווידער שפּילן מיר קאָמעדיעס פֿאַר אַ גרויסן עולם אויף די פּלעצער פֿון שטעט און דערפֿער.

ווידער נעכטיקן מיר אין שמוציקע דאָרפֿישע אַכסאַניעס. ווי טרויעריק און שווער מיר איז דאָס איצט איבערצוטראָגן! איך קען זיך ניט פֿאַרגעסן אָן די גליקלעכע טעג, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אויפֿן „שוואַן". איך וועל זיך שוין קיין מאָל מער ניט שפּילן מיט אַרטורן און קיין מאָל מער ניט הערן די ווייכע און צערטלעכע שטימע פֿון דער פֿרוי מיליגאַן.

איין טרייסט האָב איך: וויטאַליס איז צו מיר אַזוי גוט, אַזוי ליבלעך, ווי ער איז נאָך קיין מאָל פֿריִער ניט געווען. אָפֿט מאָל דוכט זיך מיר אַפֿילו, אַז אים פֿאַרדריסט, וואָס ער האָט מיך ניט איבערגעלאָזן בײַ דער פֿרוי מיליגאַן. אין דער שטיל חלום איך, אַז מיר וועלן נאָך ווידער טרעפֿן דעם „שוואַן" און מײַן באַלעבאָס וועט זיך אָפּזאָגן פֿון זײַנע רעכט אויף מיר. אין יעדער שטאָט, וווּ מיר שטעלן זיך אָפּ, לויף איך פֿריִער פֿון אַלץ צום טײַך: טאָמער וועל איך דאָרטן טרעפֿן דעם „שוואַן"...

ווען מיר זײַנען געווען אין דער שטאָט ליאָן, פֿלעג איך אַלע טאָג לויפֿן צום טײַך און איך האָב געוווּסט וועגן אַלע שיפֿן, וואָס זײַנען דורכגעגאַנגען, אָבער דער „שוואַן" איז אַלץ ניט געווען.

ווען מיר זײַנען אַוועקגעפֿאָרן פֿון ליאָן, האָב איך פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג זיך ווידער צו טרעפֿן מיט אַרטורן און זײַן מוטער.

אונדזער וואַנדערונג איז געוואָרן אַלץ שווערער. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער האַרבסט. די וועגן זײַנען געוואָרן בלאָטיק און גאָר אָפֿט פֿלעגט אונדז דער רעגן דורכנעצן ביזן בײַן.

וויטאַליס האָט זיך געאײַלט אָנצוקומען קײן פּאַריז. דאָרט האָלטן מיר געקענט געבן עטלעכע פאָרשטעלונגען אפילו אין מיטן ווינטער, אָבער דאָס איז געווען אַ ווײַטער וועג. און וועגן דער אײַזנבאַן האָט מײַן באַלעבאָס אפילו ניט געטראַכט.

עס האָט אויפגעהערט רעגענען. דערפאַר האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן צבּונדיקע ווינטן. ס'איז געווען אַזוי שווער און אַזוי קאַלט צו גײן, ווען דער ווינט האָט געבלאָזן אַנטקעגן. איבערקאַלט האָט געליטן „שײַנהאַרץ". בײַ נאַכט פלעגן מיר זי אײַנהויפּט הויקלען אין אונדזערע דעקעס. אָבער זי פלעגט אַלץ ציטערן און זיפצן.

אײן מאָל, ווען מיר זײַנען אויפגעשטאַנען גאַר פרי און האָבן זיך געהאַלט לאָזן אין וועג אַרײַן, האָט אונדז דער באַלעבאָס פון דער אַכסאַניע צוגערעדט צו בלײַבן, ווײַל ס'וועט גײן שנײען. וויטאַליס האָט זיך אָבער זײער געאײַלט. ער האָט געהאָפט צו קומען צו אַ צווײטער שטאָט, אײדער ס'וועט אָנהײבן צו שנײען.

וויטאַליס האָט פאַר מיר געקויפט אַ שעפסן פעלצל, און איך בין מוטיק געגאַנגען איבערן וויסטן וועג.

שײַנהאַרץ האָט דער באַלעבאָס געטראָגן אויף זיך.

דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט און ס'איז געווען פּינצטערלעך. ס'האָט זיך געדוכט, אַז ס'וועט גאָר ניט ליכטיק ווערן. איבערן הימל האָבן זיך געטראָגן טשאַטעס פײגל, וואָס זײַנען געפלויגן פון צפון אויף דרום. מיט אַ מאָל האָט גענומען שנײען. פון מינוט איז דער שנײ געוואָרן אַלץ געדיכטער. ער האָט פאַרקלעפּט די אויגן. ס'איז געווען שווער צו גײן. עס איז גרינג געווען צו פאַרלירן דעם וועג.

— מיר מוזן זיך אָפּשטעלן אינעם ערשטן הויז, וואָס מיר וועלן אָנטרעפן אויפן וועג.

אָבער ווו געפינט מען אַ הויז? די געגנט איז געווען אַ וויסטע. פון בײדע זײַטן—בערגלעך, און פאַר אונדז—אַ וואַלד.

דער ווינט האָט ניט אויפגעהערט צו ווײען און דער שנײ צו שיטן. אַלץ אַרום איז געווען ווײַס. מיר האָבן שוין ניט געקענט אונטערשײדן קײן קוסט פון קײן קופּע שטײנער.

מײַן פעלצל האָט מיך ווײניק געשיצט פון שנײ. איך האָב געפילט, ווי די קאַלטע טראָפּנס רינען אַראָפּ אויף מײַן רוקן.

וויטאַליס פּלעגט אַלע ווײַלע מוזן עפֿענען זײַן פּעלץ, כּדי שײַנהאַרץ זאָל האָבן מיט וואָס צו אָטעמען. די הינט האָבן זיך געבעטן, מיר זאָלן זיי פֿאַרשטעלן פֿון קאַלטן שניי. אָבער וואָס האָבן מיר געקענט טאָן פֿאַר זיי? מיר זײַנען לאַנגזאַם געגאַנגען פֿאָרויס, נאַסע, פֿאַרפֿראָרענע, פֿאַרבלענדטע פֿון שניי.

וויטאַליס האָט זיך אַלץ אַרומגעקוקט אויף לינקס, און מײַנע אויגן האָבן געזוכט פֿאָרויס. אָבער לאַנג האָט זיך קיין זאַך ניט געזען.

גרויס איז געווען אונדזער פֿרייד, ווען מיר זײַנען געקומען צו אַ הײַזל, וואָס האָלצהעקער מאַכן אין די וועלדער. דאָס הײַזל איז געווען צוזאַמענגעלייגט פֿון אָנגעהאַקטן האָלץ און צוגעדעקט מיט קלעצער, וואָס זײַנען געלעגן אַזוי איינער אויפֿן אַנדערן, אַז דער שניי האָט ניט געקענט אַרײַנדרינגען דורך די שפּאַלטן.

קיין טיר און קיין פֿענצטער זײַנען ניט געווען.

די הינט האָבן פֿון גרויס פֿרייד זיך גענומען קײַקלען איבערן דיל. מיר האָבן דאָרטן געפֿונען אַ באַנק פֿון ערד און עטלעכע גרויסע שטיינער, וואָס מע האָט זיך געקענט זעצן אויף זיי. אין ווינקל האָבן מיר געפֿונען עטלעכע ציגל, אויסגעלייגט אַזוי, אַז מע האָט געקענט אויף זיי מאַכן אַ פֿײַער.

באַלד האָבן די טרוקענע צווײַגעלעך, וואָס מיר האָבן אַרויסגעצויגן פֿון די ווענט אין אונדזער באַהעלטעניש, פֿריילעך גענומען פֿלאַקערן. דער רויך האָט געגעסן די אויגן, אָבער מיר זײַנען געווען צופֿרידן.

עס איז געווען שיין צו זען, ווי שײַנהאַרץ האָט געוואַרעמט אירע לאַפּקעס פֿאַרן פֿײַער.

די הינט זײַנען אויך ניט אָפּגעטראָטן פֿון פֿלאַם.

וויטאַליס האָט אַרויסגענומען פֿון זײַן זאַק אַ לאַבן ברויט. אָבער מער ווי אַ האַלבן האָט ער ניט געלאָזט אויפֿעסן: דער וועג איז אַן אומבאַקאַנטער, און מע קען ניט וויסן, ווי לאַנג ס'וועט אויסקומען צו פֿאַרברענגען אין דער באַהעלטעניש. מוז מען לאָזן ברויט אויף מאָרגן.

די שטיקלעך ברויט מיט ברעקלעך קעז האָבן ניט אין גאַנצן געשטילט אונדזער הונגער. אָבער דערפֿאַר האָט דאָס פֿײַער דערוואַרעמט אונדזערע פֿאַרגליווערטע גלידער.

איך האָב אויסגעקוקט אין דרויסן — דער שניי האָט ניט אויפגעהערט צו שיטן. הימל האָט זיך צעמישט מיט ערד.
איך האָב זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד לעבן די הינט און בין אײַנגעשלאָפֿן.

װעלף.

איך װײס ניט, װי לאַנג איך בין געשלאָפֿן. װען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט שוין מער ניט געשנײט. װיפל האָט איצט געקענט זײַן דער זײגער? װיטאַליס האָט געמוזט פֿאַרקויפֿן זײַן גרויסן זילבערנעם זײגער כּדי צו קויפֿן פֿאַר מיר דאָס שעפּסענע פּעלצל. דאָס איז געװען דער זעלביקער זײגער, װאָס קאַפּי פֿלעגט אויף אים טרעפֿן די צײַט.
אין דרויסן איז געװען אַ געדיכטער נעפּל. דער שניי איז געװען זײער טיף, אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום און אַרום.
— דו האָסט חֵשֶק צו גײן װײַטער? — האָט מיך געפֿרעגט װיטאַליס.
— איך װעל טאָן, װי איר װעט זאָגן — האָב איך געענטפֿערט.
— מיר װעלן דאָ בעסער בלײַבן איבער נאַכט — האָט געזאָגט װיטאַליס — ס'קען װידער אָנהײבן צו שנײען. און איך װײס ניט, װי לאַנג מע דאַרף נאָך גײן ביז אַ דאָרף. אָמת, מיר האָבן װײניק שפּײַז, אָבער בעסער צו לײַדן הונגער, אײדער װידער צו גײן דורכן טיפֿן שניי.
מיר האָבן אָפּגעגעסן אונדזער אָרעמען מיטאָג. עס האָט װידער אָנגעהויבן צו שנײען. איך האָב זיך אײַנגעװיקלט אין מײַן פּעלץ און זיך אויסגעצויגן לעבן פֿײַער.
— שלאָף זיך אויס! — האָט געזאָגט װיטאַליס — אײנער פֿון אונדז מוז װאַכן: מע דאַרף אונטערהאַלטן דאָס פֿײַער. איצט װעל איך װאַכן; דערנאָך װעל איך דיך אויפֿװעקן, און איך װעל זיך צולײגן.

אז וויטאַליס האָט מיך אויפגעוועקט, איז שוין געווען נאַכט.

—דו דאַרפסט נאָר אונטערוואַרפן טרוקענע צווײַגן אין פײַער, ער זאָל ניט אויסגיין. אָט האָב איך דיר אָנגעגרייט אַ גאַנצע קופּע.

איך האָב זיך געזעצט. וויטאַליס האָט זיך צוגעלייגט בײַם פײַער און איז באַלד אײַנגעשלאָפן.

איך האָב זיך אויפגעהויבן און בין צוגעגאַנגען אויף די ציפּקעס צום אַרײַנגאַנג. איך האָב געוואָלט זען, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. אַלץ איז געווען אַזוי ווי מיט אַ ווײַסן טוך באַדעקט. דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט. ס׳איז געווען זייער קאַלט.

זערבינאָ איז אויך צוגעלאָפן צום טיר. אים האָט זיך געוואָלט אַרויסלויפן. איך האָב אים שטרענג געהייסן זיך אומקערן צום פײַער. ער האָט געפאָלגט. אָבער אַלע ווײַלע פלעגט ער זיך אַ דריי טאָן צום אַרויסגאַנג.

איך האָב אַרײַנגעלייגט אין פײַער דרײַ גרויסע קלעצער און האָב זיך צוגעזעצט אויף איינעם פון די גרויסע שטיינער. ניט פילנדיק ווי אַזוי, האָב איך אײַנגעדרעמלט.

אַ שרעקלעך געבייל האָט מיך מיט אַ מאָל אויפגעוועקט. ס׳איז געווען נאַכט. ווײַזט אויס, איך בין לאַנג געשלאָפן, ווײַל דאָס פײַער האָט שוין ניט געפלאַמט. עס איז כּמעט אויסגעגאַנגען.

— וואָס איז געשען? —האָט געפרעגט וויטאַליס.

— איך ווייס ניט.

— דו ביסט אײַנגעשלאָפן, און דאָס פײַער איז אויסגעגאַנגען.

קאַפּי איז אויפגעשפּרונגען, האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַם אַרײַנגאַנג און ‑ ‑ אָנגעהויבן שטאַרק צו בילן. אויף זײַן בילן האָט זיך אָפּגערופן אַ יאָמערדיק געביל פון הינטער אונדזער באַהעלטעניש. איך האָב דערקענט דאָלצעס קול.

איך האָב געוואָלט אַרויסגיין. סעניאָר וויטאַליס האָט אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף מײַן פּלייצע און מיר געהייסן פריער פון אַלץ צולייגן האָלץ אין פײַער. דערנאָך האָט ער געכאַפּט פון פײַער אַ ברענענדיקע שטיק האָלץ און אַ קאָמאַנדע געגעבן:

—לאָמיר גיין זען! דו גיי נאָך מיר, און קאַפּי פאָרויס!

אין דער רגע, ווען מיר זײַנען ארויס, האָט זיך דערהערט אַ מורדיק רעווען, און קאַפּי האָט זיך אין שרעק אַ וואָרף געטאָן צוריק אין הײל.

— וועלפן! ווו זײַנען זערבינאַ און דאָלצע? — האָט אַ געשריי געטאָן סעניאָר וויטאַליס.

איך האָב ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ווײַזט אויס, האָט זערבינאַ זיך ארויסגעגנבעט, ווען איך בין אײַנגעשלאָפן, און דאָלצע איז אים נאָכגעלאָפן.

— צי האָבן וועלף זיי ניט אָוועקגעשלעפּט? — האָב איך מיט שרעק אַ קלער געטאָן.

— נעם אויך אַ שטיק ברענענדיקע האָלץ און קום זיי ראַ־טעווען! — האָט מיר געהייסן וויטאַליס.

ווען מיר זײַנען ארויס, האָבן מיר די הינט ניט געזען. מער ניט שפּורן אויפן שניי האָבן באַוויזן, אַז זיי זײַנען געלאָפן. באַלד זײַנען מיר געקומען צו אַן אָרט, ווו ס'איז קענטיק געווען, אַז מע האָט זיך געקײַקלט אויפן שניי.

וויטאַליס האָט גערופן די הינט. האָט גע~~פּײַפט~~. זיי האָבן זיך ניט אָפּגערופן. ער האָט געטריבן קאַפּין פאָרויס אויסצופאָרשן די שפּורן, אָבער קאַפּי האָט זיך אַ דערשראָקענער געפלאָנטערט צווישן אונדזערע פיס. באַלד האָבן זיך די שפּורן פאַרלאָרן, און ס'איז געווען צו פינצטער, מיר זאָלן קענען ווײַטער געפינען שפּורן.

וויטאַליס האָט ווידער גערופן און געפּײַפט. קיין זאַך האָט ניט געשטערט די שטילקייט פון דער נאַכט.

בײַ מיר איז אײַנגעפאַלן דאָס האַרץ.

— מײַן אָרעמער זערבינאַ! מײַן אָרעמער דאָלצע...

— וועלף האָבן זיי פאַרשלעפּט — האָט געזאָגט וויטאַליס — פאַר וואָס האָסטו זיי ארויסגעלאָזן?

— לאָמיר זיי זוכן — האָב איך געענטפערט.

— ווו וועסטו זיי זוכן?

— אומעטום — האָב איך געענטפערט.

— ווי גייט מען אין אַזאַ פינצטערניש און אין אַזאַ טיפן שניי? ווי באַלד זיי האָבן זיך ניט אָפּגערופן אויף אונדזער רוף, זײַנען זיי שוין מײַלן פון דאַנען. מיר טאָרן ניט גיין ווײַטער. די

װעלף װעלן אונדז באַפֿאַלן, און מיר האָבן נישט מיט װאָס זיך צו פֿאַרטײדיקן פֿון זײ.

— װי לאָזט מען איבער אַזױנע צװײ הינט, אַזױנע צװײ חבֿרים און גוטע פֿרײַנדן און איך האָב זיך געפֿילט אַזױ שולדיק: װען איך װאָלט נישט אײַנגעשלאָפֿן, װאָלטן זײ נישט אַרױסגעלאָפֿן...

װיטאַליס האָט פֿאַרקירעװעט צוריק צום הײַזל. איך בין געגאַנגען הינטער אים, זיך אָפּשטעלנדיק אַלע װײַלע און זיך צוהערנדיק. איך האָב אָבער געזען מער נישט װי דעם שנײ און געהערט דעם סקריפּ פֿון אונדזערע טריט.

אין הײַזל האָט אונדז דערװאַרט אַ נײַע איבעראַשונג: מיר האָבן נישט געפֿונען שײנהאַרץ.

מיר האָבן זי גערופֿן, געזוכט. אַלץ איז געװען אומזיסט.

—די װעלף האָבן נישט געקענט אַרײַן אין שטיבל און אַװעק-שלעפּן די מאַלפּע. גיכער פֿון אַלץ האָט זי זיך דערשראָקן און איז ערגעץ פֿאַרקראָכן. דאָס ערגסטע איז אָבער, װאָס זי װעט זיך פֿאַרקילן און די קעלט איז פֿאַר איר אַ שטערבלעכע געפֿאַר — האָט װיטאַליס געזאָגט.

— מע מוז אָפּװאַרטן, ביז װאַנען עס װעט װערן טאָג-האָט װיטאַליס צוגעגעבן.

ער האָט זיך געזעצט בײַם פֿײַער, אַרומכאַפּנדיק דעם קאָפּ מיט בײדע הענט.

די נאַכט האָט זיך געצױגן אָן אַ סוף. ס'האָט אָנגעהױבן טאָגן. ס'איז אָבער געװאָרן אַ ביטערע קעלט. צי איז שײנהאַרץ נישט פֿאַרפֿראָרן געװאָרן?

מיר זײַנען אַרױס אין דרױסן. דער הימל איז געװען רײן.

װיטאַליס האָט גענומען אַ גרױסן שטעקן אין האַנט. איך אױך.

קאַפּי איז שױן נישט געװען אַזױ שרעקעדיק װי בײַ נאַכט. ער האָט נאָר געװאַרט אױף אַ באַפֿעל פֿון זײַן באַלעבאָס.

אין די שפּורן אױפֿן שנײ האָבן מיר שײנהאַרצס טריט נישט געפֿונען. מיט אַ מאָל האָט קאַפּי אױפֿגעהױבן דעם קאָפּ און אָנגעהױבן צו בילן. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז מיר דאַרפֿן זוכן די מאַלפּע נישט אױף דער ערד, נאָר אין דער הײך. און מיר האָבן זי טאַקע באַלד דערזען אױף אַ בױם איבערן דאַך פֿון אונדזער

הײַזל. אויף וויטאַליסעס רופֿן האָט זי זיך ניט גערירט פֿון אָרט, אַזוי ווי זי וואָלט פֿאַרפֿראָרן געוואָרן.

— איך וועל אַרויפֿקריכן זי אַראָפּנעמען—האָב איך זיך אָנגעבאָטן.

— דו וועסט זיך צוהרגענען קריכנדיקו-האָט מיר געענטפֿערט וויטאַליס.

איך האָב אָבער געקענט גוט קלעטערן אויף בײמער און איך בין פֿלינק אַרויפֿגעקראָכן. איך האָב זי שוין געוואָלט אָנכאַפּן. זי איז אָבער אַרויפֿגעשפּרונגען אויף אַ צווייטן צווײַג. איך—נאָך איר. זי—ווידער אַ שפּרונג. איך וואָלט געוויס נישט געקענט נאָכשפּרינגען נאָך איר. אָבער איר אַלײן האָבן דערעסן די פֿאַרשנייטע צווײַגן און זי איז אַלײן אַראָפּגעשפּרונגען פֿון בוים צו וויטאַליסן אויפֿן פּלײצע און איז אַרײַנגעקראָכן צו אים אין בוזעם.

שײנהאַרץ איז ווידער מיט אונדז. אָבער מיר מוזן זוכן די הינט. און ווידער גײען מיר איבער די ערטער, וווּ מיר זײַנען געווען בײַ נאַכט. פֿריִער האָבן מיר געזען די שפּורן פֿון אונדזערע הינט, דערנאָך האָבן זײ זיך פֿאַרלאָרן, און מיר האָבן דײַטלעך דערזען שפּורן פֿון וועלף. נאָך ווײַטער אַ שטיקל האָבן מיר דערזען טראָפּנס בלוט אויפֿן שניי... איצט האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז מיר האָבן ניט מער וואָס צו זוכן. מע מוז זיך אומקערן אין הײַזל און דערוואַרעמען שײנהאַרץ.

וויטאַליס האָט זי געהאַלטן לעבן פֿײַער, און איך האָב געוואַרעמט די דעקעס. מיר האָבן זי אײַנגעוויקלט. אָבער קײן וואַרעמען טרונק פֿאַר איר האָבן מיר ניט געהאַט.

מיר זײַנען בײדע געזעסן בײַם פֿײַער, ניט אויסרײדנדיק קײן וואָרט. מיר וואָלט געווען אַ סך גרינגער, ווען סעניאָר וויטאַליס וואָלט געשריִען אויף מיר, מיך געזידלט, ווײַל איך בין דאָך געווען שולדיק אין אונדזער גרויסן אומגליק. ער האָט אָבער געשוויגן. ער האָט אַפֿילו ניט געקוקט אין מײַן זײַט. האַלטנדיק דעם קאָפּ צווישן די הענט, האָט ער, ווײַזט אויס, געטראַכט: וואָס וועט איצט ווערן פֿון אונדז אָן די הינט?

שײנהאַרץ.

די זון האָט זיך אױפֿגעהױבן אױף אַ קלאָרן הימל און אירע בלײכע שטראַלן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט פֿון װײַסן שניי. דער װאַלד, װאָס האָט נעכטן אױסגעזען צזױ׳ טרױעריק און װיסט, האָט איצט געגלאַנצט און געבלענדט מיט זײַנע װײַסע פֿאַרשנײטע צװײַגן.

װיטאַליס האָט אַלץ געטאַפּט שײנהאַרצן. װאָס איז געלעגן אונטער דער דעקע. זי האָט נאָך אַלץ געציטערט.

— מיר מוזן גײן זוכן אַ דאָרף. אױב ניט, װעלן מיר ניט קענען דערװאַרעמען די מאַלפּע. און זי װעט שטאַרבן אױף אונדזערע הענט.

װיטאַליס האָט זי גוט אײַנגעװיקלט און גענומען אין בוזעם אַרײַן, פֿעסט צודריקנדיק צו זײַן ברוסט.

װען מיר זײַנען אַרױס פֿון אונדזער הײַזל, האָט מײַן באַלעבאָס געזאָגט:

— מיר האָבן טײַער באַצאָלט פֿאַר דעם נאַכטלעגער אין דעם הײַזל.

ער איז געגאַנגען פֿאָרױס. איך — נאָך אים. דער שניי איז מיר געװען איבער די קני. מיר האָבן באַלד אָנגעטראָפֿן אַ פֿור. דער פֿורמאַן האָט אונדז געזאָגט, אַז נאָך אַ שָעה גײן װעלן מיר געפֿינען אַ דאָרף. דאָס האָט אונדז צוגעגעבן מוט. אונטערװעגנס האָב איך עטלעכע מאָל געפֿרעגט, װאָס סע מאַכט שײנהאַרץ. װיטאַליס האָט מיר געענטפֿערט, אַז זי ציטערט נאָך אַלץ פֿון קעלט.

סוף כּל סוף האָבן מיר דערזען די פֿאַרשנײטע דעכער פֿון אַ דאָרף. אַלע מאָל פֿלעגן מיר זיך אָפּשטעלן אין די אָרעמסטע אַכסאַניעס, װײַל מיר פֿלעגן װיסן, אַז דאָ װעט מען אונדז אױפֿנעמען און ניט טײַער רעכענען.

דאָס מאָל האָט װיטאַליס פֿאַרבײַגעלאָזן די אָרעמע אַכסאַניעס און זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַן אַכסאַניע מיט אַ גאָלדערנעם שילד אין מיטן דאָרף. דורך דער אָפֿענער טיר האָט זיך געװעז

אַ גרויסער טיש, װוּ עס זײַנען געשטאַנען טעלער מיט פֿלייש און אַנדערע מַאכָלים. אויף דער פּליטע האָט זיך אין גרויסע בלאַנקע קעסלען געקאָכט אַ שטאַרקער זופּ, און דער ריח האָט אַזוי אָנגענעם געקיצלט אונדזערע הונגעריקע מאָגנס.

װיטאַליס האָט זיך געמאַכט זײער װיכטיק און געבעטן אַ גוטן צימער מיט אַן אויװן. דער באַלעבאָס האָט דעם ערשטן מאָמענט געװאָלט אָפּזאָגן. אָבער װיטאַ[illegible] האָט זיך געהאַלטן מיט אַזאַ גרויסקייט, אַז ער האָט געהייסן זײַן דינער אונדז אַרײַנפֿירן אין אַ צימער. דער דינער האָט אײַנגעהייצט. װיטאַליס האָט מיך געהייסן זיך אַרײַנלייגן אין בעט. ער האָט מיך אײַנגעדעקט אין פֿערענעס און געהייסן זיך אײַנװאַרעמען.

איך האָב זיך געװוּנדערט, װײַל מיר איז גאָרניט קאַלט געװען. װען איך האָב זיך גוט אײַנגעװאַרעמט, האָט װיטאַליס אַרײַנגעלייגט צו מיר אין בעט שײַנהאַרץ און מיך געהייסן זי צודריקן צו זיך.

זי האָט-זיך געטוליעט צו מיר און איז געלעגן גאָר רויִק.

װיטאַליס האָט אַרײַנגעטראָגן אַ בעכער הייסן און זיסן װײַן. שײַנהאַרץ האָט אָבער ניט געקענט עפֿענען דאָס מויל. זי האָט געקוקט אויף אונדז מיט טרויעריקע אויגן און זיך געבעטן, מיר זאָלן זי לאָזן צו רו. דערבײַ האָט זי אונדז עטלעכע מאָל אַרויסגעשטעקט איר הענטל פֿון אונטער דער דעקע.

װיטאַליס האָט מיר דערקלערט, פֿאַר װאָס זי טוט דאָס. אַ מאָל איז זי געװען קראַנק אויף אַ לונגען-אָנצינדונג, האָט מען איר אַרויסגעלאָזן בלוט. איצט בעט זי זיך, מע זאָל זי װידער אַזוי הײלן און ראַטעװען.

װיטאַליס איז אַװעק נאָכן דאָרפֿישן דאָקטאָר. באַלד איז ער געקומען מיט גרויסע ברילן אויף די אויגן. דערזען, אַז איך ליג אין בעט, האָט ער מיך גענומען טאַפּן דעם שטערן.

— אַ שטאַרקע פֿאַרקילונג! — האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

װען איך האָב אים אָבער געזאָגט, אַז איך בין געזונט און האָב אים געװיזן דעם אמתן קראַנקן, איז ער אין כּעס געװאָרן און האָט געװאָלט אַװעקגיין. סעניאָר װיטאַליס האָט אָבער פֿאַרשטאַנען װי צו ריידן מיט מענטשן. אמת, דאָס איז טאַקע מער ניט װי אַ מאַלפּע, אָבער דערפֿאַר אַ געניאַלע מאַלפּע. װי קען

מען זיך אָנטרויען אַ דאָרפֿישן װעטערינאַר? זײ זײַנען דאָך אַזױנע פּראָסטע מענטשן, די װעטערינאַרן. זײ האָבן שטענדיק צו טאָן מיט בהמות. נאָר אַנדערש, אַ דאָקטאָר—אַ מענטש פֿון װיסנשאַפֿט. ער װעט אַפֿילו מיט אַ מאַלפּע זיך אויך באַגײן גוט. אים װעט דאָך זײַן אינטערעסאַנט צו פֿאַרגלײַכן, װי אַזױ די קראַנקײט פֿאַרלױפֿט בײַ אַ מענטשן און בײַ אַ מאַלפּע.

װען דער דאָקטאָר האָט אױסגעהערט די װערטער, איז ער װײַבער געװאָרן. ער האָט אַראָפּגענומען דעם מאַנטל און איז װידער צוגעגאַנגען צום בעט. שײנהאַרץ האָט דערפֿילט, אַז דאָס מוז זײַן אַ דאָקטאָר, און זי האָט אים אױסגעשטרעקט איר הענטל.

— זעט, װי אינטעליגענט זי איז — האָט װיטאַליס געזאָגט:

— זי דערלאַנגט אײַך די האַנט. איר זאָלט זען דעם פּולס.

דער דאָקטאָר איז געװאָרן גאָר פֿרײַנדלעך. שײנהאַרץ איז, נעבעך, געװען זײער ערנסט קראַנק. װידער אַ לונגען־אָנצינדונג.

איך בין געװאָרן אַ קראַנקן־שװעסטער. שײנהאַרץ, װאָס איז געװען געזונטערהײט אַזאַ קאַפּריזנע, איז איצט געװען אַזױ גוט. אַזױ געהאָרכזאַם. זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזױנע מילדע, אמת מענטשלעכע אױגן, מיט אַזאַ ליבן שמײכל. זי האָט נאָר פֿאַרלאַנגט, אַז מיר אַלע—װיטאַליס, איך און קאַפּי זאָלן שטענדיק זיצן לעבן איר. װען מיר פֿלעגן אַרױסגײן, פֿלעגט זי זיך בײזערן.

דערװײַלע איז בײַ װיטאַליסן אױסגעגאַנגען גאָר זײַן געלט. ער האָט באַצאָלט דעם באַלעבאָס פֿון האָטעל, דעם דאָקטאָר און ס'איז בײַ אים גאָרניט געבליבן. מע האָט געמוזט געבן אַ פֿאָר־שטעלונג, פֿאַרדינען װײניקסטנס פּערציק פֿראַנק. דאַן װעט מען װידער קענען נעמען אויף באָרג. אָבער װי שטעלט מען פֿאָר אָן דאָלצען און זערבינאָן און אָן שײנהאַרץ, און דערצו נאָך װינטער אין אַ דאָרף?

װיטאַליס איז אַװעק זוכן אַ זאַל, און איך בין געבליבן זיצן בײַ שײנהאַרצס בעט. איך האָב געזען דורכן פֿענצטער, װי װיטאַליס איז אַרומגעלאָפֿן הין און צוריק איבערן שניי. ער האָט אויך צוזאַמענגעשטעלט אָן אָפּיש און צוגעזאָגט אַ גרױסאַרטיקן פּראָגראַם. אין װעלכן עס װעט נעמען אָנטײל אַן אַרטיסט. װאָס איז באַרימט אויף דער גאַנצער װעלט—דאָס איז קאַפּי—און אַ יונגער זינגער. װאָס איז אויך אַ װוּנדער. דאָס בין איך געװען.

קײן פּרײַז האָט מען ניט באַשטימט. די אַרטיסטן בעטן, דאָס פּובליקום זאָל אַלײן אָפּשאַצן דעם פּראָגראַם און זאָל אַלײן צאָלן.

װען קאַפּי האָט דערהערט דאָס פּײַקל, װאָס רופט צו דער פאָרשטעלונג, האָט ער אָנגעהױבן פּרײלעך צו בילן. און שײנ־האַרץ, ניט קוקנדיק אױף איר קראַנקײט, האָט זיך אױך אַ הײב געטאָן פון בעט און אָנגעהױבן זיך בעטן בײַ מיר, איך זאָל זי לאָזן אָנטאָן די קלײדער פון ענגלישן גענעראַל — די רױטע הױזן מיט גאַלונען און דעם צילינדער מיט די פּעדערן. איך האָב זיך ניט געאײַלט זי אָנצוטאָן. האָט זי גענומען שרײַען.

װען װיטאַליס איז אַרײַן און האָט מיך געהײסן זיך צוגרײטן צו דער פאָרשטעלונג, האָט זיך שײנהאַרץ װידער גענומען בעטן, מע זאָל זי נעמען שפּילן. זי האָט דאָס אַזױ שײן באַװיזן מיט באַװעגונגען און מינעס: זי איז שױן ניט קראַנק. זי װיל און קען פאָרשטעלן.

מיר האָבן אָבער גוט געװוּסט, אַז מע טאָר דאָס ניט טאָן — דאָס װאָלט געװען אַ צו גרױסע געפאַר פאַר איר געזונט.

איך האָב אײַנגעהײצט דעם אױװן, האָב גוט אײַנגעװיקלט שײנהאַרצן, און מיר זײַנען אַװעק צו דער פאָרשטעלונג.

אין זאָל איז נאָך געװען גאָר װײניק מענטשן. מיר האָבן זיך ניט געאײַלט אָנצוצינדן די ליכט, װײַל מיר האָבן מורא געהאַט, זײ זאָלן ניט אױסברענען צו פרי.

אָנגעהױבן האָט זיך די פאָרשטעלונג מיט מײַנס אַ ליד. דאָס פּובליקום האָט מיך באַגעגנט קאַלט. איך בין געװען אױסער זיך. ניט צוליב זיך האָב איך געװאָלט הערן, װי מע פּאַטשט. איך האָב געװאָלט געפעלן דעם פּובליקום. מיר זאָלן פאַרדינען און האָבן מיט װאָס צו קורירן שײנהאַרצן.

קאַפּי האָט געהאַט מער דערפאָלג װי איך. דאָס פּובליקום האָט געפּאַטשט מיט די הענט, געטופּעט מיט די פיס. און װען קאַפּי האָט גענומען אַרומגײן איבערן טעאַטער מיט זײַן בײַטל און בעטן געלט, האָב איך אָנגעהױבן טאַנצן אַ שפּאַנישן טאַנץ.

װיטאַליס האָט געשפּילט אױף זײַן פידל. קאַפּי האָט זיך אומגעקערט, אָבער זײַן בײַטל איז געװען האַלב לײדיק. דאַן האָט

וויטאַליס אָנגעהויבן זינגען. ביז אַהער האָב איך קיין מאָל ניט געהערט אים זינגען. איך בין אֶפשר געווען אַ קליינער מֵבין, אָבער זײַן זינגען איז געווען אַזוי ווּנדערלעך, אַזוי האַרציק, אַז איך האָב זיך באַגאָסן מיט טרערן.

דאָס פּובליקום האָט געהאָרכט מיט גרויס אויפמערקזאַמ־קייט, אָבער אין קאַפּיס בלעכל זײַנען געפאַלן גאָר ווייניק מַטבעות.

אין דער ערשטער ריי האָב איך באַמערקט אַ יונגע־דאַמע. זי איז געזעסן אָנגעטאָן אין אַ טײַערן פּעלץ. לעבן איר איז גע־זעסן אַ קליין קינד. זי האָט מיך צוגערופן מיטן פינגער און געזאָגט, אַז זי וויל רײדן מיטן סעניאָר וויטאַליס.

מיך האָט פאַרוווּנדערט, וואָס זי האָט גאָרניט אַראָפּגעלאָזן אין קאַפּיס בלעכעלע.

סעניאָר וויטאַליס איז געווען אומצופרידן, וואָס די דאַמע רופט אים. פון דעסט וועגן איז ער צוגעגאַנגען צו איר מיט קאַפּין.

די דאַמע האָט אים געדריקט די האַנט און געדאַנקט פאַר זײַן וווּנדערלעכן זינגען.

זי איז אַליין אַ מוזיקערין און קען אָפּשאַצן אַן אמתן אַרטיסט, האָט זי געזאָגט, און דערנאָך האָט זי אַראָפּגעלאָזן אין קאַפּיס בלעכעלע אַ גאָלדערנע מַטבֵּעַ.

— איר ווּנדערט זיך, וואָס אַ האַנדער־קאָמעדיאַנט, וואָס וויזט הינט, זינגט אַזוי? אָבער איך בין דאָך ניט אַלע מאָל געווען אַ האַנדער־קאָמעדיאַנט. איך האָב אַ מאָל געדינט בײַ אַ גרויסן זינגער, האָב איך זיך פון אים אויסגעלערנט זינגען.

די דאַמע האָט זיך אויפמערקזאַם אײַנגעקוקט אין אים און נאָך אַ מאָל געדאַנקט פאַר דעם גרויסן פאַרגעניגן, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט.

מיר האָבן זיך אומגעקערט אין אונדזער האָטעל. איך בין צוגעלאָפן צו שיינהאַרצס בעט. זי איז געשלאָפן. איך האָב אָנגערירט איר הענטל. זי איז געווען קאַלט ווי אײַז.

מיר קומען אָן קײן פּאַריז.

מיר זײַנען נאָך געװען גאַנץ װײַט פון פּאַריז. מיר האָבן געדאַרפט גײן איבער פאַרשנײטע װעגן און דער צאַפּונדיקער װינט האָט אונדז געבלאָזן אין פּנים. אַ, װי טרויעריק עס איז געװען צו גײן — פּאָרויס-װיטאַליס, איך-הינטער אים און נאָך מיר, טריט בײַ טריט — קאַפּי. געגאַנגען זײַנען מיר ניט אויסרײדנדיק קײן װאָרט. מיר איז געװען אַזוי שװער אַריבערצוטראָגן דאָס שװײַגן. מיר האָט זיך אַזוי געװאָלט רײדן, הערן עפּעס אַ גוט װאָרט. מער נישט קאַפּי פלעגט מיך אַ מאָל טרײסטן מיט זײַן ליבע און איבערגעבנקײט. ער פלעגט מיר לעקן די הענט, אַזוי װי ער װאָלט מיר װעלן זאָגן:

— איך, קאַפּי, בין דאָ מיט דיר, מײַן פרײַנד!

ס'איז געװען זײער קאַלט. די װעגן זײַנען געװען װיסט. אין די דערפער איז געװען שטיל. די קעלט האָט אַלעמען פאַרטריבן אין די הײַזער. מיר פלעגן נעכטיקן אין שײַערן אָדער אין שטאַלן מיט שעפסן, װען די פּאַסטעכער פלעגן אונדז אַרײַנלאָזן. פון די שעפסן פלעגט אונדז זײַן װאַרעם. מער װי טרוקן ברויט און אַ שטיקל קעז האָבן מיר ניט געגעסן. ס'פלעגט זיך אַ מאָל טרעפן, אַז אין אַ שטאַל פלעגט מען מיר געבן אַ ביסל שעפסענע מילך. נאָך אַזאַ װעטשערע פלעג איך אויף מאָרגן זיך פילן אַ סך שטאַרקער.

מיר דערנענטערן זיך צו פּאַריז. איך ריכט זיך אויף גרויסע װוּנדער. איך האָב זיך אַזוי פיל אָנגעהערט װעגן דער שטאָט. אָבער אַלץ איז אַזוי געװײנטלעך. און די מענטשן, װאָס מיר געגעגנען אָן, אײַלן זיך אַזוי און קוקן אונדז אַפילו ניט אָן.

איך װיל עפּעס פרעגן דעם סעניאָר װיטאַליס, אָבער ער איז אַזוי פאַרטראַכט, אַזוי פאַרשלאָסן אין זיך, אַז איך װאַג אים ניט צו באַאומרויִקן.

אײן מאָל אין דער פרי האָבן מיר דערזען פון אַ בערגל אַ ים דעכער אין דער װײַט.

— דאָס איז פּאַריז—האָט געזאָגט צו מיר סעניאָר וויטאַליס, און דאָ וועלן-מיר זיך מוזן צעשיידן. ווי קען מען געבן פאַר-שטעלונגען מיט קאַפּין אַליין!

— זיך צעשיידן! — האָב איך איבערגעפרעגט.

— יאָ, מײַן אָרעם קינד—האָט וויטאַליס געענטפערט.

— איר וועט מיך איבערלאָזן אַליין אין פּאַריז?

— ניין, אַליין וועל איך דיך דאָ ניט איבערלאָזן. מיר וועלן זיך מוזן צעשיידן אויף אַ קורצער צײַט. איך וועל דיך איבערגעבן צו איינעם, וואָס וועט דיך אַרײַננעמען אין אַן אָרקעסטער, און דו וועסט שפּילן מיט אַנדערע קינדער צוזאַמען. איך וועל לער-נען איטאַליענישע קינדער שפּילן פידל, האַרפע אָדער עפּעס אַנדערש. איך האָב דאָ אַ פּולע באַקאַנטע און וועל קריגן שילער. אויסער דעם וועל איך דערווײַלע זען אויסצולערנען אַנדערע הינט, וואָס וועלן מיר פאַרבײַטן זערבינאָ און דאָלצע. אין פרילינג וועלן מיר זיך ווידער צוזאַמענטרעפן און ווידער וואַנדערן איבערן לאַנד מיט אונדזער טרופּע. איך וועל דיך נאָך אַוועקפירן קיין דײַטשלאַנד און ענגלאַנד. איך האָב דיך שוין אָנגעהויבן לערנען ענגליש. דו וועסט קענען ענגליש, פראַנצויזיש און איטאַליעניש. דו וועסט זיך אַזוי פיל דערוויסן, אַזוי פיל זען. פאַרליר ניט דעם מוט. דו וועסט אויסוואַקסן אַ בראַווער און וויסנדיקער מענטש. דו וועסט זען, מײַן קליינער רעמי, אַז ס'וועט נאָך זײַן גוט.

איצט פאַרשטיי איך, אַז וויטאַליס האָט טאַקע קיין אַנדער אויסוועג ניט געהאַט, אַז אַנדערש האָט מען זיך ניט געקענט העלפן. אָבער דאַן האָב איך געטראַכט וועגן צוויי זאַכן: איך מוז זיך צעשיידן מיט וויטאַליסן און מוז אָנקומען צו אַ פרעמדן מענטשן... אויף מײַנע וואַנדערונגען האָב איך באַגעגנט אַזוינע מענטשן, וואָס האָבן געפירט קינדער-שפּילער. אָ, דאָס זײַנען געווען גאָר אַנדערע מענטשן ווי סעניאָר וויטאַליס — שיכּורים, גראָבע און בייזע יונגען, וואָס הערן ניט אויף זיך צו זידלען, שטענדיק מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, שטענדיק גרייט צו שלאָגן די קינדער. וואָס זיי דינגען.

נאָך מוטער באַרבערען—וויטאַליס, נאָך וויטאַליסן—ווידער אַ נײַער באַלעבאָס. אַזוי וועט עס אייביק זײַן! און איך וועל

קײן מאָל ניט האָבן קײן מענטשן, װאָס װעט מיך באמת ליב האָבן!.. אָט האָב איך זיך צוגעבונדן צו װיטאַליסן װי צו אַ פֿאָטער, אָבער איך װעל שױן קײן מאָל קײן פֿאָטער ניט האָבן. אַלע מאָל װעל איך זײַן אַלײן אױף דער װ[illegible] אַלע מאָל — אַ פֿאַרלאָרענער אױף דער גרױסער װעלט.

איך האָב געהאַט װאָס [illegible] װיטאַליסן. די װערטער האָבן זיך געריסן פֿון האַרצן צו די ליפּן. אָבער איך האָב זיך אײַנגעהאַלטן.

מײַן באַלעבאָס האָט דאָך מיך געבעטן זײַן מוטיק. װעל איך אים פֿאָלגן און ניט פֿאַרגרעסערן זײַן צער.

אָבער ער האָט, װײַזט אױס. מוֹרא געהאַט, אַז איך װעל אָנהײבן רײדן. דערפֿאַר איז ער אַװעקגעגאַנגען פֿאָרױס.

מיר זײַנען באַלד געקומען צו אַ טײַך, מיר זײַנען אַריבער־געגאַנגען איבער אַ בריק. דער שנײ אױפֿן שאָסײ איז געװען שװאַרץ װי קױל. דער בריק האָט אונדז אַרײַנגעפֿירט אין אַ דאָרף מיט שמאָלע געסלעך. נאָכן דאָרף האָבן זיך װידער געצױגן פֿעלדער. פֿון בײדע זײַטן װעג האָבן זיך געטראָפֿן הײַזער מיט זײער אַ נעבעכדיקן אױסזען. אױפֿן װעג איז מען געפֿאָרן אָן אױפֿהער. איך האָב דעריאָגט װיטאַליסן און בין געגאַנגען לעבן אים. קאַפּי — הינטער אונדז. באַלד האָט זיך אָנגעהױבן זײער אַ לאַנגע גאַס מיט הױכע, אָבער שמוציקע הײַזער. פֿון בײדע זײַטן גאַס זײַנען געלעגן קופּעס שנײ און אױף זײ — מיסט. די לופֿט איז געװען אַ שװערע, אָנגעפֿילט מיט אַלערלײ שלעכטע ריחות.

און פֿורן זײַנען אַלץ געפֿאָרן און געפֿאָרן.

— װוּ זײַנען מיר? — האָב איך געפֿרעגט.

— אין פּאַריז, מײַן ייִנגל.

— אָ, אין פּאַריז!..

װוּ זײַנען די הײַזער פֿון מאַרמאָר, װאָס איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט דאָ צו זען? און װוּ זײַנען די דורכגײער אין זײַדענע קלײדער? װי טרױעריק און מיאוס די װירקלעכקײט איז געװען, און דאָס איז געװען פּאַריז, װאָס מיר האָט זיך אַזױ געװאָלט זען. אָט דאָ װעל איך עס דאַרפֿן פֿאַרברענגען דעם װינטער אַלײן, אָן װיטאַליסן און אָן קאַפּין...

גאַראַפּאַלי און זײַנע קינדער.

פּאַריז איז גאָרניט דאָס, װאָס איך האָב דערװאַרט צו זען. מיר גײען אַלץ איבער שמוציקע גאַסן. די טירן און די פענצטער פון די געשעפטן זײַנען פאַרשפּריצט מיט בלאָטע פון די פורן, װאָס טראָגן זיך איבער די גאַסן.

איך קען ניט אָפּרײַסן די אויגן פון דער נײַער שטאָט.

אָט גײען מיר אַרײַן אין אַ צװײטער גאַס. זי איז ברײטער. די הײַזער און די געשעפטן װערן שענער. אָבער װיטאַליס פאַרקירעװ[ט זיך א]ין אַ צװײטן געסל, װאָס איז נאָך ערגער פאַר די, װאָס איך [האָב] שױן געזען: די הײַזער טונקעלע. הױכע; אומעטום קלײנע שמוצ[יק]ע קרעמלעך און שענקלעך. מענטשן שטופּן זיך דאָ, שרײַען, רײדן און טרינקען. מיר גײען אַרײַן אין אַ הױף, װאָס װײַזט אויס װי אַ טיפער און פינצטערער ברונעם. מיר הײבן זיך אויף אויפן פערטן שטאָק. װיטאַליס גיט אַ שטופּ אַ טיר און מיר גײען אַרײַן אין אַ גרױסן צימער מיט פאַררױכערטע װענט. אַרום די װענט שטײען בײַ אַ טוץ בעטלעך.

— גאַראַפּאַלי איז אין דער הײם?—פרעגט װיטאַליס.

אַ שװאַך קינדערש קול ענטפערט:

— סעניאָר גאַריפּאַלי איז ניטאָ. ער װעט קומען אין צװײ שעה אַרום.

דאָס האָט גערעדט אַ קינד פון אַ יאָר צען, מיט זײער אַ גרױסן קאָפּ און גאָר אַ מאָגערן גוף. עס האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט מער נישט װי אַ קאָפּ און פיס. אַזױ קלײן און מאָגער איז ער געװען. די אויגן גרױסע, טרױעריקע און גוטע. דאָס קינד איז געװען מיאוס, אָבער זײַנע מילדע אויגן און ליבלעכע מינע האָבן געצױגן צו אים דאָס האַרץ.

װיטאַליס האָט מיר געהײסן דאָ בלײַבן. אין צװײ שעה אַרום װעט ער זיך אומקערן. מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעק. װיטאַליס האָט דאָס דערפילט אין דעם אויסדרוק פון מײַנע אויגן. אָבער ער האָט מיר געהײסן בלײַבן מיט אַ שטרענגער שטים און פאַרזיכערט, אַז ער װעט באַלד געװיס קומען צוריק.

גאַראַפּאַלי דאָס געווען דער, וואָס האָט מיך געדאַרפט צונעמען אין מײַן אָרקעסטער.

ווען איך האָב זיך פונאַנדערגערעדט מיט דעם ייִנגל, איז מײַן אומעט געוואָרן נאָך גרעסער. איך בין צוגעגאַנגען צום פּײַער. דאָרטן האָט זיך עפּעס געקאָכט אין אַ גרויסן קעסל. צו מײַן גרויסער פאַרוווּנדערונג איז דער קעסל געווען צוגע־דעקט און פאַרשלאָסן מיט אַ הענגעדיקן שלאָס.

— צו וואָס איז דער שלאָס? — האָב איך געפרעגט מײַן נײַעם חבר, וואָס האָט געהייסן מאַטיאַ.

— איך זאָל ניט פאַרזוכן דעם זופּ—האָט ער געענטפערט— מיינט ניט, אַז איך בין אַזאַ נאַשער; ווען איר וואָלט געווען הונגעריק, וואָלט איר אויך פאַרזוכט.

— אײַער באַלעבאָס סעניאָר גאַראַפּאַלי לאָזט אײַך שטאַרבן פון הונגער?—האָב איך זיך אָפּגערופן.

— מע שטאַרבט ניט פון הונגער. נאָר מע לײַדט הונגער — האָט מיר מאַטיאַ דערקלערט, און ער האָט מיר דערציילט זײַן טרויעריקע געשיכטע.

ער איז פון איטאַליע. זײַן באַלעבאָס גאַראַפּאַלי איז זײַנער אַ פעטער. ער האָט אים מיטגענומען אַהער פון רחמנות וועגן. זײַן מוטער איז אַן אַלמנה און זי האָט זעקס קינדער. ס'איז געווען אַזוי שווער זיך צו שיידן מיט דער מוטער. זי האָט אַזוי גע־וויינט. און מיט דער קליינער שוועסטערל, וואָס ער, מאַטיאַ, פלעגט שטענדיק טראָגן אויף די הענט, און מיט די ברידער, מיט די חברים און מיטן היימישן לאַנד...

— פריִער בין איך געווען אַליין מיטן פעטער גאַראַפּאַלי. ביסלעכווײַז האָבן זיך אָנגעקליבן גאַנצע צוועלף ייִנגלעך. איינער איז קראַנק געוואָרן אונטערוועגנס. מע האָט אים איבער־געלאָזן אין אַ שפּיטאָל.

ווען די קינדער זײַנען אָנגעקומען קיין פּאַריז, האָט מען די שטאַרקערע אַוועקגעגעבן צו קוימענקערער און צו אַנדערע אַרבעטן, און די שוואַכע גייען זינגען אין די גאַסן. ער, מאַטיאַ, טויג דערצו אויך ניט. גייט ער אַרום מיט צוויי ווײַסע מײַזעלעך. ער מוז פאַרדינען דרײַסיק סו אַ טאָג. דער פעטער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז אויב ער וועט אַזוי פיל ניט מאַכן, וועט ער

קריגן אַזױ פֿיל קלעפּ מיטן שטעקן, װיפֿל ־סו עס װעט פֿעלן.

מאַטיאַ פֿלעגט אָבער קײן מאָל אַזױ פֿיל ניט מאַכן, און אין די גאַסן פֿלעגט מען אים נאָך אױסלאַכן דערפֿאַר, װאָס ער איז אַזױ מיאוס.

גאַראָפּאָלי האָט געזען, אַז קײן קלעפּ העלפֿן ניט, האָט ער אָנגעזאָגט מאַטיאָן, אַז פֿאַר יעדער סו, װאָס ס'װעט פֿעלן צו די דרײַסיק, װעט ער אים אַראָפּנעמען אַ בולבע פֿון נאַכטעסן. אָבער ס'האָט אַלץ ניט געהאָלפֿן. ער האָט אַלץ ניט געקענט צוזאַמענקלײַבן אױפֿן גאַס אַזױ פֿיל, װיפֿל גאַראָפּאָלי האָט פֿאַרלאַנגט. ער איז געװאָרן אַלץ מאָגערער, װײַל דער באַלעבאָס האָט געהאַלטן װאָרט און פֿלעגט אים טאַקע געבן אַלץ װײניקער און װײניקער עסן.

[illegible] איז געװאָרן בלאַס, און די אױגן זײַנען־אַזױ גרױס, אַז די פֿאַרבײַגײער פֿלעגן זאָגן אױף אים:

— אָט איז אַ קינד, װאָס שטאַרבט פֿון הונגער!

און פֿאַר רחמנות פֿלעגט מען אים געבן װער אַ שטיקל ברױט, װער — אַ טעלער זופּ. דאָס איז געװען אַ גוטע צײַט פֿאַר אים. קײן קלעפּ האָט ער שױן מער ניט געכאַפּט, און אים האָט ניט געאַרט, װאָס מע גיט אים ניט קײן קאַרטאָפֿל. ער פֿלעגט שױן קומען אַהײם ניט קײן הונגעריקער. אָבער גאַראָפּאָלי האָט אַ מאָל דערזען, װי דער פּרוכטקרעמער גיט אים זופּ. האָט ער פֿאַרשטאַנען, פֿאַר װאָס מאַטיאָן אַרט ניט, װאָס מע גיט אים ניט קײן קאַרטאָפֿל. דאַן האָט ער אױפֿגעהערט צו שיקן דעם ייִנגל אין גאַס. מאַטיאַ האָט געמוזט בלײַבן אין שטוב און קאָכן עסן. און כּדי ער זאָל ניט קענען פֿאַרזוכן, פֿלעגט גאַראָפּאָלי פֿאַרשליסן דעם קעסל מיט אַ שלאָס.

מאַטיאַ װײס, אַז איצט איז ער נאָך בלײכער, און פֿון די קלעפּ טוט אים שטאַרק װײ דער קאָפּ. ער קען ניט שלאָפֿן בײַ נאַכט. און װען ער שלאָפֿט אײַן, שרײַט ער פֿון שלאָף. דאָס איז אַ גליק פֿאַר אים: גאַראָפּאָלי האָט ניט ליב, װען מע לאָזט אים ניט שלאָפֿן. ער װעט געװיס אַװעקגעבן מאַטיאָן אין אַ שפּיטאָל. מאַטיאַ איז שױן דאָרטן אײן מאָל געװען. דער דאָקטאָר איז אַזױ ליבלעך מיט זײ, מיט די קראַנקע קינדער, און די

שוועסטער אויך. זיי ריידן אַזוי ווייך, אַזוי גוט, ווי די מאַמע. זיי פרעגן, וואָס עס טוט וויי. זיי גיבן שטאַרקע זופּ און ווײַסן ברויט.

מיט אַ מאָל האָט זיך מאַטיאַ געכאַפּט, אַז ער האָט זיך פאַררעדט, און ער האָט גענומען דעקן דעם טיש צום נאַכטעסן.

ער האָט געשטעלט צוואַנציק טעלער, און אַזוי ווי בעטן איז געווען ניט מער ווי צוועלף, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מע שלאָפט אין די בעטן צוואָלבעצווייט. די בעטן זײַנען געווען אָן בעטוועש, מער נישט מיט האַרטע דעקעס, אַזוינע, וואָס מע באַדעקט מיט זיי פערד.

באַלד האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳איז אַרײַן אַ קליינער ייִנגל מיט אַ פידל אונטערן אָרעם און אַ שטיק האָלץ אין דער צווייטער האַנט. מאַטיאַ האָט געוואָלט דאָס האָלץ אַרײַננעמען פון אים, אָבער דער ייִנגל האָט ניט געגעבן. ער האָט ניט געמאַכט אַזוי פיל געלט, וויפל גאַראָפּאָלי האָט אים אָנגעזאָגט, וויל ער זיך אָפּקויפן מיט דעם שטיקל האָלץ.

מאַטיאַ האָט אים פאַרזיכערט, אַז דאָס וועט ניט העלפן, און ער וועט סײַ ווי באַקומען קלעפּ.

ביסלעכווײַז האָבן זיך אומגעקערט אַלע קינדער. וואָס האָבן געדינט בײַ גאַראָפּאָלין: איינער—מיט אַ פידל, נאָך איינער—מיט אַ האַרפע, מיט אַ פלייט, מיט אַ טרומייט. און די, וואָס האָבן ניט געשפּילט, [illegible] זיך אײַנגעטראָגן מיט אַלערליי חיהלעך אין שטײַגעלעך. [illegible] ימלעך און אַנדערע.

באַלד איז גע[illegible]ן גאַראָפּאָלי אַליין. אַ נידעריקער מענטש אין אַ גראָען מאַנטל, מיט אַן אומרויִקן בליק און פיבערהאַפטע באַוועגונגען.

— ווער איז דער ייִנגל?—האָט ער געפרעגט ווײַזנדיק אויף מיר.

מאַטיאַ האָט אים געזאָגט, אַז דאָ איז געווען וויטאַליס און אַז ער וועט באַלד קומען.

אַ פּאָר ייִנגלעך זײַנען צוגעגאַנגען צו גאַראָפּאָלין. איינער האָט צוגענומען זײַן הוט, אַ צווייטער האָט אים צוגעטראָגן אַ שטול, נאָך איינער האָט אים דערלאַנגט אַ ליולקע מיט טאַבאַק

און אַ שורעבעלע צו פאַררויכערן. ס'איז קענטיק געווען, אַז די קינדער טוען דאָס [illegible] פון ליבע, נאָר פון מורא.

גאַראָפאָלי האָט געהייסן דערלאַנגען אַ קאָנטאָ־בוך און גענומען מאָנען בײַ די יינגלעך, וואָס פון זיי קומט. און בײַ וועמען עס האָט געפעלט, יענע האָט ער געהייסן זיך שטעלן אָן אַ זײַט. זיי האָבן געדאַרפט באַקומען קלעפּ. זיי האָבן אַליין געמוזט אויפהייבן זייער העמד און אויסשטעלן זייער נאַקעטן רוקן. איין יינגל, וואָס האָט געהייסן ריקאַרדאָ, האָט גאַראָפאָלי דערלאַנגט אַ בײַטש און געהייסן שלאָגן אָן רחמנות.

באַשטראָפטע זײַנען געווען פינף. ווען זיי האָבן אָנגעהויבן צו שרײַען, האָט גאַראָפאָלי געזאָגט, אַז פאַר יעדן געשריי וועלן זיי באַקומען אָן איבעריקן קלאַפּ.

איך בין געזעסן אין ווינקל. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן מיט די הענט. איך האָב געציטערט מיט אַלע גלידער.

צום גליק האָט זיך געעפנט די טיר און וויטאַליס איז אַרײַן אין שטוב. ער האָט אַרויסגעריסן דעם בײַטש פון ריקאַרדאָס האַנט און זיך געשטעלט אַנטקעגן גאַראָפאָלין.

יענער האָט צו אים אַ געשריי געטאָן:

— וואָס מישט איר זיך ניט אין אַנדער זאַכן אַלטער משוגענער!

— איך וועל אײַך אָנקלאָגן אין פאָליציי, אַז איר מאַטערט קליינע קינדער!

— איר וועט מיך ניט אָנקלאָגן, ווײַל איר ווייסט אַליין, אַז איך האָב אויך פאַר וואָס אײַך אָנצוקלאָגן אין פאָליציי. דאַן וועלן מיר זען, ווער ס'וועט ערגער מאַכן — האָט געענטפערט גאַראָפאָלי.

וויטאַליס האָט מיך גענומען פאַר אַ האַנט און מיך אַרויסגעפירט פון גאַראָפאָליס שטוב, ניט ריידנדיק קיין וואָרט.

ווען איך וואָלט געקאָנט, וואָלט איך אַרויפגעפאַלן אויף וויטאַליסעס האַלדז אים קושן.

מיר זוכן א שטײנהעקערײ.

ארויס פון גאראפאלין, זײַנען מיר געגאנגען גיך איבער די גאסן פון פאריז. אין א קלײנעם געסעלע האָט זיך חיטאַליס מיט א מאָל אָפּגעשטעלט און געזאָגט צו מיר:

— דו חילסט געוויס עסן, אָבער הײַנט חעסטו קײן אָחנט־עסן שוין ניט קריגן. מיר זײַנען געבליבן אויף די גאסן פון פאריז אָן אײן סאנטים אין קעשענע. איך האָב געהאָפט, אז דו וועסט בלײַבן בײַ גאראפאלין, אז ער וועט מיר געבן פאר דיר צוואנציק פראנק. איך וואָלט זיך דאן חי עס איז אויסגעדרײט איבער חינטער. נאָר ווען איך האָב געזען, חי ער באַגײט זיך מיט קינדער, האָב איך דיך ניט געקענט איבערלאָזן בײַ אים. אָבער וואָס טוט מען איצט? לאָמיר גײן. איך וויס: אין דער אומגעגנט פון דער פאָרשטאָט זשענטילי איז פאראן א שטײנ־העקערײַ. איך האָב שוין דאָרטן א מאָל גענעכטיקט. אפשר וועלן מיר דאָרטן הײַנט אויך קענען איבערנעכטיקן.

מיר גײען איבער די גאסן. ס'איז שרעקלעך קאַלט.

חיטאַליס האָט זיך אײַנגעבויגן אין צוויען, און זײַן האנט, וואָס האלט מיך, ברענט. איך פיל, אז ער ציטערט.

— איר זײַט קראנק? — פרעג איך אים.

— איך האָב מורא, אז יע. יעדנפאלס בין איך זײער מיד. איך וואָלט אזוי נײטיק געדארפט א בעט און א ווארעמען צימער. אָבער דאָס איז מער נישט חי א חלום. לאָמיר גײן חײַטער!

מיר זײַנען לאנג געגאנגען. די שטאָט איז שוין געחען הינטער אונדז. ס'איז געחען גאָר פינצטער. חיטאַליס האָט מיך געפרעגט, צי איך זע נישט קײן גרופע בײמער. אָבער איך האָ קײן זאך ניט געזען.

— מיר זײַנען אראָפּ פון וועג — האָט געזאָגט חיטאַליס:
— מע דארף זיך אומקערן.

— אָבער איך קען שוין מער נישט גײן—האָב איך געענט־פערט, פילנדיק, אז די כּוחות גײען מיר אויס.

וויטאַליס מיט זײַן טרופּע אין דער וועגנס

— דו מיינסט, אַז איך קען גיין? — האָט מיר געענטפערט וויטאַליס — אָבער אויב מיר וועלן זיך דאָ צוזעצן אויף דער ערד אין דער קאַלטער נאַכט, וועלן מיר זיך שוין מער ניט אויפהייבן. מע מוז גיין. מע טאָר זיך ניט אָפּשטעלן.

מיר האָבן זיך געשלעפּט ווײַטער. דער ווינט האָט אונדז געבלאָזן אין פּנים.

באַלד האָב איך דערזען אַ פֿײַערל אין דער ווײַטן. וויטאַליס האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז מיר האָבן ניט וואָס צו גיין אַהין. אין אַ דאָרף לאָזט מען נאָך אַרײַן איבערנעכטיקן דורכגייער. אָבער אין דער אומגעגנט פון פּאַריז וועט מען קיין פרעמדע ניט אַרײַנלאָזן בײַ נאַכט אין אַ שטוב.

מיר האָבן נאָך לאַנג געבלאָנדזשעט און אַלץ ניט געקענט געפֿינען די שטיינהעקערײַ.

באַלד האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ וואַנט. מיר האָבן בײדע לאַנג געטאַפּט די וואַנט, האָפנדיק צו געפינען אַ טיר אָדער אַ וועלכע ניט איז לאָך אין איר. אָבער אַלע אונדזערע באַמיִונגען זײַנען געווען אומזיסט. ס'איז ניט געווען קיין שום אַרײַנגאַנג.

— וואָס טוט מען איצט?

— שטאַרבן דאָ — האָט געענטפערט וויטאַליס.

— אָ, סעניאָר וויטאַליסו..

— יאָ, דו ביסט יונג. דיר ווילט זיך ניט שטאַרבן. קום, לאָמיר גיין צוריק קיין פּאַריז. די פּאָליציי וועט אונדז פאַרהאַלטן. איך האָב דאָס ניט געוואָלט. אָבער איך קען דאָך ניט דערלאָזן, דו זאָלסט דאָ פאַרפֿראָרן ווערן. קום, מײַן קליינער רעמי! מוט, מײַן קינד!

און מיר האָבן גענומען גיין אויף צוריק. מיר זײַנען געגאַנגען לאַנג, לאַנג. ס'איז שוין געווען האַלבע נאַכט, און אפשר שפּעטער. עטלעכע שיטערע שטערן האָבן געפינקלט אויפן טונקעלן הימל. די לבנה האָט זיך ניט געוויזן. דער ווינט האָט זיך געשטאַרקט און געשמיסן אונדז אין פּנים מיט אַ האַרטן שנייִקן שטויב. די הײַזער זײַנען געווען פאַרמאַכט. עס האָט זיך ניט געזען קיין ליכט. אָ, ווען די מענטשן, וואָס האָבן געשלאָפן אין זייערע וואַרעמע הײַזער, וואָלטן געוווּסט, ווי

קאַלט ס'איז אונדז געווען, וואָלטן זיי אונדז געוויס אַרײַנ-געלאָזן.

חיטאַליס איז קוים געגאַנגען. ער האָט שווער געאָטעמט. ווען איך האָב אים געפרעגט, וואָס ס'איז מיט אים, האָט ער מיר געוויזן מיט דער האַנט, אַז ער קען ניט ריידן.

מיר זײַנען שוין געגאַנגען צווישן ווענט פון הײַזער. ווו-ניט-ווו האָבן זיך געשאָקלט אויפן ווינט לאַמטערנעס.

חיטאַליס האָט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מער קען ער שוין ניט גיין.

— איך זאָל אפשר אָנקלאַפּן אין אַ טירז—האָב איך געפרעגט.

— ניין, מע וועט אונדז ניט עפענען. דאָ זײַנען גערטענירער. זיי וועלן ניט אַרײַנלאָזן אין אַזאַ שפּעטער שעה. מע מוז גיין ווײַטער.

אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט ער זיך ווידער אָפּגע-שטעלט.

— איך מוז זיך אָפּרוען אַ ווײַלע. איך קען ניט מער—האָט ער מיר געזאָגט.

פון ווינט האָט זיך געעפנט אַ טיר אין פּאַרקאַן. לעבן פּאַרקאַן איז געלעגן אַ גרויסע קופּע מיסט. דער ווינט האָט אָנגעוויײט לעבן דער קופּע אַ ביסל שטרוי.

— איך וועל זיך דאָ צוזעצן—האָט מיר חיטאַליס געזאָגט.

— אָבער איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז מיר קענען אַזוי פאַרפרוירן ווערן.

ער האָט מיר מער נישט באַוויזן מיט דער האַנט, איך זאָל אָנשאַרן וואָס מער שטרוי לעבן מיר, און ער האָט זיך אויסגע-צויגן אויף דעם אונטערבעט. אים האָט געשווידערט.

— ברענג נאָך שטרוי. די קופּע מיסט וועט אונדז פאַר-שטעלן פון ווינט. לייג זיך אַנידער לעבן מיר און נעם צו זיך קאַפּין. דו וועסט זיך אָנוואַרעמען פון אים.

אויב חיטאַליס האָט זיך באַשלאָסן אַהעקצולייגן דאָ אין דער קעלט, איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס זײַנע כּוחות זײַנען אויסגעגאַנגען.

מײַנע אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט און ווי איך האָב זיך ניט געמיט, האָב איך זיי ניט געקענט עפענען. איך האָב געפילט, אַז

איך מאָר ניט אײַנשלאָפן. אויב איך װעל אײַנשלאָפן, װעל איך פאַרפראָרן װערן.

װיטאַליס האָט שווער געאָטעמט. קאַפּי האָט געדרעמלט.

דער װינט האָט אָנגעװײט אויף אונדז שטיקלעך שטרוי. אויפן גאַס–נישט איין מענטש. לעבן אונדז, אין דער װײַט און אַרום אונדז—אַ טויטע שטילקײט.

די שטילקײט האָט אָנגעפילט מײַן נשמה מיט שרעק.

פאַר װאָס האָב איך זיך געשראָקן?

איך װייס אַלײן ניט. פון שרעק און פון אומעט האָבן זיך מײַנע אויגן אָנגעגאָסן מיט טרערן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך װעל דאָ שטאַרבן.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן אונדזער דאָרף שאַוואַנאָן. אַ ליבע מוטער באַרבערען. שטאַרבן און זיך ניט זען פאַרן טויט. און אונדזער הויז. און מײַן גערטעלע...

און באַלד האָט זיך מיר אָפּגעדוכט, אַז איך בין אינעם גערטעלע. די זון שײַנט פריילעך און הײס. די בלימעלעך עפענען זייערע גאָלדערנע בעכערלעך. פײגל זינגען. מוטער באַרבערען הענגט אויפן פלאַנקען װעש, װאָס זי האָט נאָר װאָס אויסגעשװענקט אין קלאָרן טײַכל, װאָס רוישט אויף די שטיינדלעך.

און באַלד טראָגט איך זיך אַריבער אין מײַן פאַנטאַזיע פון שאַוואַנאָן אויף דער שיף „שוואַן": אַרטור שלאָפט אין זײַן בעט. פרוי מיליגאַן כאַפּט זיך אויף און זי פרעגט, װוּ איך בין אין אַזאַ קעלט.

דערנאָך פאַרמאַכן זיך מײַנע אויגן. דאָס האַרץ שטעלט זיך בײַ מיר אָפּ און איך פאַרגעס זיך.

ל י ז ע.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, בין איך געלעגן אין א בעט. א פלאַם פון א גרויסן פײַער האָט באַלויכטן דעם צימער, װוּ איך בין געלעגן. איך האָב ניט געװוּסט, װוּ איך בין. איך האָב אויך ניט געקענט די מענטשן, וואָס זײַנען געוועזן אַרום מיר: א מאַן אין א גרויער וועסט, דרײַ אָדער פיר קינדער. צווישן זײ — א מײדעלע פון פינף, זעקס יאָר, װאָס האָט געקוקט אויף מיר מיט פאַרװוּנדערטע אויגן. די אויגן האָבן גערעדט.

איך האָב זיך א הײב געטאָן.

מע האָט זיך אײַנגעבויגן איבער מיר.

— װיטאַליס! — האָב איך געפרעגט.

— ער רופט זײַן פאָטער — האָט געזאָגט א יונגע מײדל, די עלטסטע פון די קינדער.

— דאָס איז ניט מײַן פאָטער, דאָס איז מײַן באַלעבאָס. װוּ איז ער? און װוּ איז קאַפּי? — האָב איך געפרעגט.

ווען װיטאַליס וואָלט געווען מײַן פאָטער, וואָלט מען מיר אפשר ניט געזאָגט אזוי גיך דעם אמת. אָבער אזוי ווי דאָס איז געווען מער נישט ווי מײַן באַלעבאָס, האָט מען מיר באַלד געזאָגט דעם אמת:

באַגינען איז דער גערטנערער אַרויס פון שטוב צו פאָרן אויפן מאַרק. האָט ער אונדז געפונען ליגנדיק לעבן טיר פון פאַרקאָן. ער האָט אונדז געשטופּט און געוועקט, אָבער מיר האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט. מער נישט דער הונט האָט זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן בילן. דער גערטנערער האָט גערופן מענטשן. װיטאַליס איז געווען טויט. איך בין אויך געווען קאַלט ווי אײַז, אָבער א דאַנק דעם, וואָס דער הונט איז געלעגן אויף מיר, בין איך ניט פאַרפראָרן געוואָרן. איך האָב נאָך שוואַך געאָטעמט. מע האָט מיך אַרײַנגעטראָגן אין שטוב, אַרײַנגעלײגט אין בעט. איך האָב זיך דערוואַרעמט און אָנגעהויבן אָטעמען. איך בין געלעגן אָן באַוווּסטזײַן זעקס שעה.

— —

דאָס האָט מיר אַלץ דערציילט דער גערטעניִרער, דער מאַן אין דער גרויער וועסט.

די קליינע מיידעלע, וואָס האָט געהייסן ליזע, האָט אַלץ געקוקט אויף מיר. ווען דער גערטעניִרער, איר פאָטער, האָט מיר געזאָגט, אַז וויטאַליס איז געשטאָרבן, האָט זי גלייך דער־שפּירט, סאַר אַ קלאַפּ דאָס איז פאַר מיר. זי האָט שטיל אַ גע־שריי געטאָן און אָנגעכאַפּט דעם פאָטער פאַר אַ האַנט. ער זאָל מער ניט ריידן.

— ער מוז דאָך וויסן דעם אמת, מיין קינדו—האָט איר דער פאָטער געענטפערט. און זיי זיינען אַלע אַרויס פון צימער.

געבליבן אַליין, בין איך אַרויס פון בעט, האָב זיך אָנגעטאָן און גענומען מיין האַרפּע, וואָס איז געהאַנגען איבער דער בעט.

ניט וויסנדיק אַליין, וואָס איך טו, האָב איך אַ שטופּ געטאָן די טיר און בין אַריין אין צימער, וווּ דער גערטעניִרער איז געזעסן מיט אַלע זיינע קינדער אַרום טיש. זיי האָבן געגעסן אַ הייסן און געשמאַקן זופּ פון קרויט. פון מידקייט און פון הונגער האָב איך זיך אַ וואַקל געטאָן אויף די פיס.

— איך מוז זיך נאָך אַ ווײַלע אָפּרוען — האָב איך געזאָגט. און איך האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. פון שוואַכקייט האָב איך זיך ניט געקענט רירן, אָבער בעטן עסן—דאָס האָב איך ניט געקענט.

וויטאַליס האָט מיך ניט געלערנט בעטלען. ער האָט מיך געלערנט פאַרדינען.

די קליינע ליזע האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף מיר און ניט ריידנדיק קיין וואָרט האָט זי גענומען איר טעלער זופּ און אַוועקגעשטעלט צו מיר אויף די קני.

— עס, מיין קינד—האָט צו מיר געזאָגט דער גערטעניִרער — ווען ליזע גיט, גיט זי פון גאַנצן האַרצן.

איך האָב זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן און האָב דעם טעלער זופּ איינגעשלונגען. מע האָט מיר אָנגעגאָסן אַ צווייטן און איך האָב אים אויפגעגעסן מיט דעם זעלביקן אַפּעטיט.

אַלע קינדער, אויסער ליזען, האָבן זיך צעלאַכט, קוקנדיק, ווי איך עס.

איך האָב ניט געוואָלט, די קינדער זאָלן מיינען, אַז איך בין אַ פרעסער, און האָב דערציילט, ווי לאַנג מיר האָבן שוין ניט געגעסן.

דער גערטנערער האָט מיך אויסגעפרעגט, ווער איך בין, און איך האָב דערציילט, אַז איך האָב קיינעם ניט אויף דער וועלט. אַז וויטאַליס האָט מיך געדונגען בײַ דעם מענטשן, וואָס האָט מיך אויסגעהאָדעוועט. איצט, ווען איך האָב פאַר-לאָרן וויטאַליסן, מײַן באַלעבאָס און מײַן לערער, וועל איך פרובירן אַליין אַרומגיין איבער די גאַסן פון פאַריז און פאַרדינען שפילנדיק אויף מײַן האַרפע.

בײַ די ווערטער האָב איך שוין געוואָלט אַרויסגיין פונעם גוטן גערטנערערס הויז. אָבער דאָ האָב איך ווידער דערפילט, אַז די קליינע ליזע קוקט אויף מיר מיט אירע ווונדערלעכע אויגן. נאָך אירע בליקן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי וויל, איך זאָל עפעס אויפשפילן פאַר איר. מײַן האַרץ איז געווען פול מיט טרויער און אומעט נאָך מײַן טײַערן לערער און באַלעבאָס, דאָך האָב איך אָנגעהויבן צו שפילן אַ פריילעכן טאַנץ אויף מײַן האַרפע, ווײַל איך האָב געוואָלט דערפרייען און באַדאַנקען די קליינע מיידעלע, וואָס האָט מיט אירע אויגן מיר אַרויסגעוויזן אַזוי פיל פרײַנדשאַפט, גוטסקייט און מיטגעפיל.

ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו שפילן, האָט זי גענומען קלאַפן מיט די פיסלעך צום טאַקט. דערנאָך האָט זי זיך גענומען דרייען אויף צום טאַקט און מיט גרויס גראַציע. דער פאָטער האָט ניט אַראָפגעלאָזן די אויגן פון איר. ווען איך האָב גע-ענדיקט, האָט זי מיך געדאַנקט מיט די בליקן און געוויזן מיטן פינגער, איך זאָל שפילן נאָך. איך וואָלט ניט מיד געוואָרן צו שפילן פאַר איר אַ גאַנצן טאָג, אָבער איר פאָטער האָט געזאָגט, אַז ס'איז גענוג: זי פאַרמאַטערט זיך צו פיל דרייענדיק זיך.

דאַן האָב איך אָנגעהויבן צו זינגען מײַן נעאַפאָליטאַניש ליד.

איך האָב אין אים אַרײַנגעלייגט מײַן גאַנץ האַרץ.

ליזע איז געשטאַנען אַנטקעגן מיר. מיט די ליפן האָט זי שטיל נאָכגעזאָגט איטלעך וואָרט פון מײַן ליד, און ווען מײַן שטים איז געוואָרן גאָר טרויעריק, האָט זי באַהאַלטן איר קעפל אין פאָטערס קני און האָט זיך צעוויינט.

דער פּאָטער האָט מיך געבעטן אויפהערן.

ליזע איז אַ שטום קינד. זי איז אָבער ניט געבאָרן געוואָרן קיין שטומע. זי הערט זייער גוט. שטום איז זי געוואָרן, ווען זי איז אַלט געווען צוויי יאָר, צוליב אַ שווערער מאָרך-קראַנקייט. ניט געקוקט אויף איר שטומקייט, איז דאָס אַ קלוג און אַנט-וויקלט קינד, מיט אַ גאָלדן האַרץ. דער פּאָטער, די ברידער און די עלטערע שוועסטער האָבן זי ליב ווי זייער אייגן לעבן.

ווער איז געווען וויטאַלים.

איך האָב גענומען מײַן האַרפּע אויף דער פּלייצע און שוין געוואָלט גיין. דער גערטענירער (ער האָט געהייסן אַקען) האָט מיך געפרעגט:

— וווּהין גייסטו?

— איך גיי אַוועק פון דאַנען!

— ניט שוין זשע מיינסטו, אַז דו וועסט קענען פאַרדינען מיטן שפּילן?

— איך האָב קיין אַנדער מלאָכה ניט.

— דו שרעקסט זיך גאָר ניט פאַר די גרויסע וועגן?

— איך האָב דאָך קיין היים ניט.

— די שרעקלעכע נאַכט האָט דיך דאָך געדאַרפט אָנלערנען.

— געוויס. איך וואָלט אויך בעסער וועלן האָבן אַ בעט אין אַ ווינקל לעבן פײַער.

— צי ווילסטו האָבן אַזאַ ווינקל און אַרבעטן דערצו? אויב דו ווילסט בלײַבן און אַרבעטן, קענסטו לעבן מיט אונדז. קיין ווױלטאָג זאָג איך דיר ניט צו. אָבער אַ זיכער שטיקל ברויט און אַ וואַרעמען ווינקל וועסטו האָבן. דו וועסט שוין ניט דאַרפן שלאָפן אונטער די שטערן; און אויב דו ביסט טאַקע אַ גוטער יינגל, וועט מײַן הויז ווערן דײַן היים.

ווען דער גערטענירער האָט אַזוי גערעדט, האָט ליזע אַלץ געקוקט אויף מיר. אין אירע אויגן זײַנען געווען טרערן, אָבער זי האָט שוין ליבלעך געשמייכלט.

צי האָב איך געקענט זאָגן ניין? צי האָב איך זיך געקענט אָפּזאָגן פון אַ היים, וואָס איך האָב אַזוי געבענקט נאָך איר?

אלע טײַערע פֿאַרלאָרן: די מוטער באַרבערען, די פֿרוי מיליגאַן און אַרטורן, און איצט וויטאַליסן... אַפֿילו קאַפּי איז ערגעץ אַנטלאָפֿן. די ייִנגלעך וועלן זײַן מײַנע ברידער, די קלײנע גוטע ליזע — מײַן שוועסטערל...

איך האָב קײן זאַך ניט געענטפֿערט דעם גערטנער. איך האָב מער נישט אַראָפּגענומען מײַן האַרפֿע און זי צוריק אױפֿגעהאַנגען אױף דער וואַנט.

— דאָס איז דער בעסטער ענטפֿער — האָט געזאָגט דער גערטנער לאַכנדיק — ווען דיר וועט זײַן שלעכט בײַ אונדז, מײַן קינד, וועסטו נעמען דײַן האַרפֿע און וועסט אַוועקגײן פֿון אונדז אַזױ, ווי עס פֿליִען אַוועק זינגפֿײגל אין דער קאַלטער צײַט.

קײן מוטער איז אין דער פֿאַמיליע ניט געווען. דעם גערטנערס פֿרױ איז געשטאָרבן, ווען ליזע איז נאָך געווען גאָר אַ קלײנע. די עלטערע טאָכטער עטיען, וואָס איז נאָך אַלײן געווען אַ קינד, איז געוואָרן די גאַנצע באַלעבאָסטע אין הויז: זי האָט געקאָכט, געוואַשן, געראַמט די שטוב, אױפֿגעפּאַסט אױף די ברידער און אױף דער קלײנער שוועסטערל.

איך האָב נאָך ניט באַוויזן אױפֿצוהענגען מײַן האַרפֿע, ווי ס'האָט זיך דערהערט, אַז מע דראַפּעט די טיר.

— דאָס איז קאַפּי! — האָב איך אױסגעשריִען.

עטיען האָט געעפֿנט די טיר, און קאַפּי איז אַרײַנגעלאָפֿן. ער איז אַרױפֿגעשפּרונגען אױף מיר, האָט אָנגעהױבן סקאַווטשען און לעקן מײַן פּנים.

איך האָב אַ קוק געטאָן אױפֿן גערטנער. ער האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס איך וויל פֿרעגן.

— קאַפּי בלײַבט בײַ אונדז מיט דיר צוזאַמען.

אַזױ ווי דער הונט וואָלט פֿאַרשטאַנען, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען אױף דער ערד, האָט צוגעלײגט אין לאַפּקע צום האַרצן און מיט דער אַנדערער אָנגעהױבן באַגריסן די גאַנצע פֿאַמיליע. ליזע און די ייִנגלעך האָבן זיך פֿרײדיק צעלאַכט. דערנאָך האָט מיך קאַפּי גענומען שלעפּן צום טיר.

— ער וויל דיך פֿירן צו אײַער באַלעבאָס, צו וויטאַליסן.

דער גערטנער האָט מיר דערצײלט, אַז די פּאָליציסטן האָבן אַוועקגעטראָגן וויטאַליסן. דער קאָמיסאַר פֿון דער פּאָליציי

האט געהאַלט זיך אומקערן מיך אויספרעגן. איך האָב זיך ניט געקענט דערוואַרטן אויף אים. מיר ווילט זיך זען וויטאַליסן. אפשר איז ער גאָר ניט געשטאָרבן? אפשר האָט ער זיך אָפגע-טשוכעט ווי איך און ער לעבט?

דער גערטענירער האָט דערפילט, ווי אומרויק און אומגע-דולדיק איך בין, און האָט מיך אַליין אַוועקגעפירט אין פּאָליציי.

דאָרטן האָט מען מיך אויסגעפרעגט, ווער איך בין, ווי אַזוי איך קום צו וויטאַליסן און ווער ער איז אַליין. וועגן זיך האָב איך אַלץ דערציילט. אָבער וועגן מײַן באַלעבאָס האָב איך גע-קענט גאָר ווייניק דערציילן. איך האָב מער נישט געקענט זאָגן, אַז ער איז געווען גוט צו מיר, אַז איך האָב זיך פיל אויסגע-לערנט בײַ אים. אַז מיר האָבן צוזאַמען פיל זיך אָנגעליטן, אָבער וואָס ער האָט געטאָן פריִער און פון וואַנען ער שטאַמט—דאָס האָב איך ניט געוווּסט. אַזוי ווי איך האָב זיך אויסגערעדט, אַז מיר זײַנען אין דער פרי געווען בײַ איינעם גאַראַפאָלי, האָט דער קאָמיסאַר באַשלאָסן מיך אַוועקצופירן אַהין און דאָרטן זיך מער דערוויסן וועגן וויטאַליסן, ווײַל גאַראַפאָלי איז דאָך אויך געווען אַן איטאַליענער ווי וויטאַליס.

דער נאָמען גאַראַפאָלי האָט מיך איבערגעשראָקן. איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס איך האָב דאָרטן געזען און געהערט. אָבער איך האָב געמוזט גיין מיטן פּאָליציי-קאָמיסאַר.

איך האָב דערקענט דאָס הויז און מיר האָבן גרינג געפונען גאַראַפאָליס דירה.

דער אומגליקלעכער יונגעלע מאַטיאַ איז שוין דאָרטן ניט געווען: ווײַזט אויס, מע האָט אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל.

גאַראַפאָלי האָט זיך דערשראָקן, ווען ער האָט מיך דערזען מיטן קאָמיסאַר פון דער פּאָליציי. ער האָט זיך אָבער באַלד באַ-רויִקט, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, נאָך וואָס מע איז געקומען צו אים.

אָ, געוויס קען ער וויטאַליסן. אָבער דאָס איז ניט זײַן ריכטיקער נאָמען. אין דער אמתן הייסט ער קאַרלאָ באַלצאָני. ער איז אַ מאָל געווען דער גרעסטער זינגער אין איטאַליע. זײַן נאָמען האָט געקלונגען אין גאַנצן לאַנד. אין אויסלאַנד האָט מען אים אויך געקענט. אַזוי הונדערטער האָט ער געזונגען,

װען ער איז עלטער געװאָרן, האָט ער פאַרלאָרן זײַן שטים. אָבער לעבן האָט מען געדאַרפט. האָט ער געזוכט אַנדערע אַרבעט. עס האָט אים אָבער ניט אָפּגעגליקט. ער האָט ניט געװאָלט, מענטשן זאָלן רחמנות האָבן אויף אים, זיי זאָלן זאָגן: „זעט, װאָס עס איז געװאָרן פונעם באַרימטן זינגער קאַרלאָ באַלצאָני". דערפאַר האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבן װיטאַליס, מע זאָל אים ניט דערקענען. ס'איז אים געגאַנגען אַלץ ערגער און ערגער, ביז ער איז געװאָרן אַ קאָמעדיאַנט אַ װאַנדערער, װאָס װײַזט פאַרן עולם שפּיק פון געלערנטע הינט און מאַלפּעס.

ער איז געװען זייער שטאָלץ און פלעגט ניט װעלן, מע זאָל דערקענען אין אים קאַרלאָ באַלצאָנין.

אָרעמער קאַרלאָ באַלצאָני, טײַערער װיטאַליס!

דער גערטענירער.

אויף מאָרגן האָט געדאַרפט פאַרקומען װיטאַליסעס לװיָה. מײַן נײַער באַלעבאָס, דער גערטענירער, האָט מיר צוגעזאָגט מיטצונעמען. אָבער אויף מאָרגן האָב איך זיך ניט געקענט אויפהייבן. בײַ נאַכט האָב איך געקראָגן פיל היץ. עס האָט מיך געשוידערט פון קעלט און װידער געװאָרפן אין היץ. איך בין קראַנק געװאָרן אויף לונגען-אַנצינדונג.

איצט האָט זיך אַרויסגעװיזן די גוטסקייט כון גערטענירער אַקען. מע האָט גערופן אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט געראַטן מיך אָפּגעבן אין אַ קינדערהיים. דער פאָטער אַקען האָט אָבער אויף דעם געענטפערט: „ער איז דאָך געבליבן ליגן לעבן אונדזער טיר און ניט לעבן די טירן פון קינדערהיים, מוז ער בלײַבן בײַ אונדז".

דער גערטענירער האָט ניט געפאָלגט דעם דאָקטאָר און איך בין געבליבן ליגן אין זײַן הויז. די קראַנקייט איז געװען אַ שװערע און אַ דויערנדיקע. אָפט מאָל האָט מיר ניט געקלעקט קיין לופט. איך האָב זיך געשטיקט, האָב גערעדט פון היץ.

עטיען פֿלעגט אָפּזיצן גאַנצע טעג לעבן מײַן בעט, און װען זי פֿלעגט מוזן אַװעקגײן אַרבעטן, פֿלעגט זי פֿאַרבײַטן ליזע.

װען איך האָב זיך גענומען בעסערן, איז שױן געװען פֿרילינג.

ליזע פֿלעגט מיך שטיל אַרומפֿירן. די לופֿט איז געװען אַזױ פֿריש, אַזױ מילד. ביסלעכװײַז האָבן זיך די קרעפֿטן אָנגעהױבן אומקערן צו מיר. איך האָב שױן אַזױ געװאָלט אַרבעטן און אַזױ אָפּדאַנקען די טײַערע, די גוטע מענטשן פֿאַר אַלץ, װאָס זײ האָבן געטאָן פֿאַר מיר.

מע האָט מיר געגעבן אַן אַרבעט, װאָס איז געװען צוגעפּאַסט צו מײַנע שװאַכע קרעפֿטן: איך פֿלעג אױפֿהײבן די גלעזערנע ראַמען, װען די זון פֿלעגט שײַנען, און זײ װידער אַראָפּלאָזן, װען עס פֿלעגט פֿרירן. װען די זון פֿלעגט ברענען צו שטאַרק, פֿלעג איך צודעקן די פֿלאַנצן מיט שטרױענע מאַטן, די זון זאָל זײ ניט פֿאַרשאַטן. די אַרבעט איז געװען ניט קײן שװערע, אָבער איך האָב שטענדיק געדאַרפֿט אױפֿפּאַסן: צו דער צײַט צודעקן און צו דער צײַט װידער אָפּדעקן.

ליזע האָט אױך געאַרבעט: זי האָט אונטערגעטריבן דאָס אַלטע פֿערדל, װאָס האָט געדרײט די ראָד פֿון פּלומפּ, צו באַגיסן דעם גאָרטן.

די ײִנגלעך אַלעקס און בענזשאַמען האָבן פֿונאַנדערגעטראָגן די עמערס װאַסער איבערן גאָרטן.

אַזױ האָבן אַלע געהאָלפֿן דעם פֿאָטער.

איך האָב געזען, װי די פּױערים האָבן געאַרבעט אין דאָרף, אָבער איך האָב זיך קײן מאָל ניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז מע קען אַזױ פֿיל און פֿלײַסיק אַרבעטן, װי ס׳האָבן געאַרבעט די גערטנערער אין דער אומגעגנט פֿון פּאַריז. איך האָב קײן מאָל ניט געװוּסט, אַז מע קען אַזױ פֿיל אַרױסבאַקומען פֿון דער ערד, װען מע לײגט אַרײַן אין איר אַזאַ פּראַצע.

פֿאָטער אַקענס גערטנערײַ איז געװען אַ גוטע שול פֿאַר מיר.

װען איך בין געװאָרן שטאַרקער, האָט מען מיר געגעבן אַנדערע אַרבעט — איך האָב געגראָבן די ערד און געזײט. און װי גרױס איז געװען מײַן פֿרײד, װען דאָס פֿאַרזײטע האָט גענומען װאַקסן. געאַרבעט האָבן מיר אַלע אַ גאַנצן טאָג.

גוט איז מיר געווען, ווען מיר פלעגן זיך אַלע צוזאַמענקומען נאָך דער אַרבעט אַרום טיש. איך וואָגל שוין מער ניט איבער גרויסע וועגן, נעכטיק ניט אין קיין שטאַלן. איך בין שוין ניט אַליין אויף דער וועלט. איך האָב אַ היים, אַ פאַמיליע. זונטיק אַרבעטן מיר ניט. דאַן זיצן מיר אין שאָטן פון אונדזערע ביימער. איך שפּיל אויף דער האַרפע און בײדע ברידער און די שוועסטער טאַנצן; און ווען איך זינג מײַן נעאַפּאָליטאַניש לידל, וויינט ליזע. כּדי זי צו דערפרייען און מאַכן לאַכנדיק, שפּיל איך אַ קאָמעדיע מיט קאַפּין.

אַזוי זײַנען פאַרבײַגעלאָפן צוויי יאָר. פאָטער אַקען נעמט מיך מיט אויפן מאַרק. מיר ברענגען גרינס און בלומען אין די געשעפטן. איך קען שוין גוט פּאַריז. איך ווייס שוין, אַז דאָס איז ניט קיין שטאָט פון הוילע גאָלד און מאַרמאָר, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. איך ווייס אָבער אויך, אַז דאָס איז ניט קיין שטאָט נאָר פון אָרעמע, שמוציקע, שמאָלע געסלעך, ווי עס האָט זיך מיר געדוכט דאַן, ווען וויטאַליס האָט מיך געפירט צו גאַראָפאָלין. איך האָב ליב דעם טײַך, זײַנע שטיינערנע ברעגעס, די שיינע פּאַרקן, די דענקמעלער פון גרויסע מענטשן.

פאָטער אַקען איז געווען זייער אַ פאַרהאָרעוועטער מענטש, אָבער ער איז געווען אַ וויסנדיקער. אין די יונגע יאָרן האָט ער זיך געלערנט. ער האָט געהאַט אַ פולע ביכער, און דעם ערשטן ווינטער, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין זײַן הויז, פלעגט ער אין די לאַנגע אָוונטן אַרויסנעמען די ביכער. זײַנע זין פלעגן אײַנשלאָפן, און איך פלעג ביז שפּעט אין דער נאַכט לייענען. וויטאַליסעס מי איז ניט געגאַנגען אין ניוועץ. איך פלעג זיך דערמאָנען מיט דאַנק און מיט ליבע, ווי ער האָט מיך געלערנט.

פריִער פלעגט ליזע זיך בײַזערן, וואָס איך לייען, ווײַל זי פלעגט זיך בעסער וועלן שפּילן מיט מיר. דאַן האָב איך איר גענומען פאָרלייענען די ביכער, און זי פלעגט זיך צוהערן מיט דעם גרעסטן אינטערעס. דערנאָך האָב איך איר אָנגעהויבן צו לערנען מאָלן. אמת, איך בין געווען אַ שוואַכער לערער, אָבער בײדע האָבן מיר געלעבט אַזוי גוט, אַז צוליב אונדזער ליבע און געדולד האָט זי זיך אויסגעלערנט מאָלן. פאָטער אַקען איז געווען איבערגליקלעך. ער האָט געהאָפט, אַז זײַן געליבטע

טאָכטער װעט נאָך אַ מאָל אָנהײבן רײדן. איך האָב זי אױך גענומען לערנען שפּילן אױף דער האַרפּע. זי האָט פֿיל אױסגעטאָן. איר האָט זיך געהאָלט קענען זינגען, אָבער דאָס איז געװען אוממיגלעך. איך בין געװען אַזױ צופֿרידן, אַזױ גליקלעך אין מײַן נײַער הײם. אָבער באַלד האָט װידער פּאַסירט אַ קאַטאַסטראָפֿע, װאָס האָט פֿון דאָס נײַ צעשטערט מײַן גליק.

די פֿאַמיליע װערט צעזײט און צעשפּרײט.

צוויי יאָר האָב איך גליקלעך פֿאַרבראַכט אין דער פֿאַמיליע פֿון פּאָטער צקען. דער אומגליק איז געקומען גאָר אומגעריכט. עס איז געװען אַ גוטער פֿרילינג. אין גאָרטן איז געװען אַ גרױס געװעטעניש. פּאָטער אַקען האָט גיך פֿאַרקױפֿט אײן סאָרט בלומען, און ס'האָט שױן אָנגעהױבן צו שפּראָצן אַ צװײטער סאָרט.

פּאָטער אַקען איז געװען אַ גערטנערער—אַ קינסטלער. אַלע איבעריקע גערטנערערס פֿלעגן זיך קומען לערנען בײַ אים. מע פֿלעגט אים פֿאַרבעטן אין די װײַטסטע סעדער און גערטנער. ער זאָל געבן אַן עצה, אַזױ װי מע פֿאַרבעט אַ גוטן דאָקטאָר.

פּאָטער אַקען פֿלעגט קײנעם ניט אָפּזאָגן. עטיען פֿלעגט האָבן פֿאַרדראָס פֿון דעם. אַזױנע װיזיטן פֿלעגן זיך ענדיקן דערמיט, װאָס די שכנים און די גוטע פֿרײַנד, די גערטנערערס, פֿלעגן פֿאַרבעטן דעם פּאָטער אַקען אין אַ שענק, אים מכבד זײַן מיט װײַן און ער פֿלעגט קומען שפּעט אַהײם.

עטיען פֿלעגט זיך קײן מאָל ניט לײגן און װאַרטן אױף אים.

פּאָטער אַקען פֿלעגט איר זאָגן:

— אַ, מײַן טאָכטער װאַרט. זי װיל זען, צי דער פֿאָטער האַלט זיך גלײַך אױף די פֿיס.

מיר האָבן זיך אַלע זײער געפֿרײט, װען אין אײגענעם גאָרטן איז געװאָרן אַזױ פֿיל אַרבעט, אַז פּאָטער אַקען פֿלעגט שױן ניט קענען אַװעקגײן. גרױס האָפֿענונג האָט מען געלײגט

אויף דער נײַער גערעטעניש פֿון בלומען. אין מיטן זומער זײַנען פֿאַראַן עטלעכע יום־טובֿים, װען מע קויפֿט זײער פֿיל בלומען, און מיר זײַנען אַלע געװען פֿאַרזאָרגט, די בלומען זאָלן אויפֿבליִען צו דער באַשטימטער צײַט — ניט צו פֿרי און ניט צו שפּעט.

אַלע האָבן געאַרבעט זײער פֿלײַסיק. מער נישט זונטיק פֿלעגן מיר אַרבעטן אַ האַלבן טאָג. דערנאָך פֿלעגן מיר אַלע גײן צו גאַסט. אומקערן זיך פֿלעגן מיר פֿרי, מע זאָל קענען מאָנטיק באַגינען זיך שטעלן צו דער אַרבעט.

אין אײנעם אַזאַ זונטיק זײַנען מיר אויסגערוטע און אויסגעפּוצטע געװען צו גאַסט. מיט אַ מאָל האָבן זיך באַװיזן װאָלקנס אויפֿן הימל. פֿאָטער אַקען איז געװאָרן אומרויִק. פֿון אַזױנע װאָלקנס קען װערן אַ געװיטער. מע מוז זיך אײַלן אַהײם. מע מוז צודעקן די אָראַנזשעריעס, פֿאַרמאַכן די גלעזערנע ראַמען. דאָס געװיטער קען אַלץ צעבּרעכן און אָנמאַכן די גרעסטע שאָדנס.

דער פֿאָטער און בײדע ייִנגלעך זײַנען אַװעקגעלאָפֿן פֿאָרויס.

איך, עטיען און ליזע — מיר זײַנען געבליבן פֿון הינטן. צוליב ליזען האָבן מיר ניט געקענט לויפֿן אַזוי גיך. די װאָלקנס זײַנען געװאָרן אַלץ שװאַרצער. אַ װינט האָט אָנגעהויבן צו דרײען דעם שטויב. עס האָבן זיך דערהערט שטאַרקע קלעפּ פֿון דונער.

װער װײס, צי פֿאָטער אַקען און די ברידער װעלן באַװײַזן צו קומען פֿאַרן געװיטער אַהײם? מיט אַ מאָל האָט אָנגעהויבן צו האָגלען. מיר האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אַ טויער. די גרויסע שטיקער האָגל האָבן זיך מיט אַ רעש געקלאַפּט אָן די שטײנער פֿון ברוק. דער װעג איז געװאָרן װײַס. עס האָט זיך געהערט, װי עס ברעכן זיך שויבן. דער האָגל האָט ניט לאַנג געדויערט, אָבער ער האָט אָנגעמאַכט גרויסע צרות.

װען מיר זײַנען געקומען אַהײם, האָבן מיר אין שטוב קײנעם ניט געפֿונען. מיר זײַנען אַרויסגעלאָפֿן אין גאָרטן. פֿאַר אונדזערע אויגן האָט זיך געעפֿנט אַ טרויעריק בילד: דער פֿאָטער אַקען און די ייִנגלעך האָבן ניט באַװיזן צו קומען פֿאַרן האָגל. די שויבן זײַנען געװען צעבראָכן, די פֿלאַנצן — צעמישט מיט דער ערד. גאָר די מי איז צעשטערט געװאָרן. און ניט נאָר די גערעטעניש פֿון הײַנטיקן יאָר. די ראַמען מיט די שויבן האָבן געקאָסט זײער טײַער. דער פֿאָטער האָט זײ זיך אײַנגעשאַפּט

אין פאַרלויף פון צען יאָר. ער האָט נאָך ביז אַהער ניט אויס-געצאָלט די חובות, וואָס ער האָט געמאַכט צוליב דעם. זײַן גאַנצע האָפענונג איז געווען, אַז מיט דער גערעטעניש פון הײַנטיקן יאָר וועט ער קענען אויסצאָלן אַ גרויסן טייל פון זײַנע חובות.

מיר האָבן זיך אויך דערוווּסט, אַז פאַר דעם הויז קומט נאָך אויך זייער פיל געלט, און אויב דער פאָטער זאָל הײַנטיקס יאָר ניט באַצאָלן, האָט דער באַלעבאָס פון הויז און פלאַץ דאָס רעכט אַלץ צוצונעמען.

פאַר אונדז קינדער האָט זיך אָנגעהויבן זייער אַ טרויעריקע צײַט. פאָטער אַקען פלעגט גאַנצע טעג ניט זײַן אין דער היים. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער מישפּט זיך מיטן באַלעבאָס פונעם הויז.

*

איין מאָל אַ פאַר נאַכט איז פאָטער אַקען געקומען טויט מיד און שרעקלעך צעטראָגן. מיר האָבן אים ניט געוואַגט צו פרעגן אָבער ער האָט אונדז אַליין דערציילט:

— קינדער, דעם מישפּט האָב איך פאַרשפּילט. איצט מוזן מיר זיך צעשיידן. דער באַלעבאָס נעמט צו דאָס הויז און דעם גאָרטן. אַלע אונדזערע זאַכן וועט מען פאַרקויפן. און אַזוי ווי דאָס דעקט נאָך ניט אונדזערע חובות, מוז איך נאָך אָפּזיצן עטלעכע יאָר אין טורמע.

נאָך דעם האָט מיר פאָטער אַקען געהייסן אָנשרײַבן אַ בריוו צו זײַנער אַ שוועסטער, זי זאָל קומען און פאַרזאָרגן די קינדער.

די מומע איז געקומען, אָבער שוין צו שפּעט—דעם פאָטער אַקען האָט מען נאָך פריִער אָפּגעפירט אין טורמע.

די מומע האָט צוגענומען צו זיך ליזען, די איבעריקע קינדער האָבן צוגענומען אַנדערע פרײַנד, וואָס האָבן געוווינט אין פאַרשיידענע ערטער, גאָר ווײַט איינע פון די אַנדערע.

אַזוי איז די גאַנצע פאַמיליע צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן.

מיך האָט קיינער ניט געוואָלט נעמען, ווײַל איך בין דאָך געווען אַ פרעמדער אין דער פאַמיליע. אומזיסט האָבן זיך די קינדער געבעטן בײַ זייערע פעטערס און מומעס, זיי זאָלן מיך אויך געמען, אַז איך בין בײַ זיי געווען ווי אַ ברודער און פאָטער

אקען האָט מיך ליב געהאַט ווי אַ זון. קיינער האָט ניט גע־האָלפן.

דאַן האָב איך גענומען טרייסטן די קינדער, אַז איך וועל ניט פאַרפאַלן ווערן. איך האָב דאָך מיין האַרפע, און קאַפּי וועט אויך זיין מיט מיר. וועלן מיר שוין פאַרדינען. איך וועל גיין פון איין אָרט אין דעם אַנדערן, ווו די קינדער וועלן זיין, און וועל זיי ברענגען געגרוסן.

ביים צעשיידן זיך האָבן ניט געפעלט קיין טרערן. –

איך האָב זיך אָבער געטראַכט:

– איך בין שוין ניט אַליין אויף דער וועלט. מיר צעשיידן זיך, אָבער מיר בלייבן ברידער און שוועסטער און טראָגן אין האַרצן אונדזער הייסע ליבע איינע צו די אַנדערע.

*

ווידער אין וועג! פאָרויס! די זון שיינט אין הימל. מיינע גלידער און מיין האַרץ זיינען שטאַרק פאָרויס.

סוף פונעם ערשטן טייל

צװײטער טײל

פארויס.

פאָרויס! די װעלט איז אָפן פאר מיר: איך קען קערן מײַנע טריט אויף צפון און אויף דרום, אויף מיזרח און אויף מַערב — װוּהין מיר װילט זיך.

איך בין נישט מער װי אַ קינד, אָבער איך בין אַ באַלעבאָס איבער זיך אַלײן.

ס'זײַנען פאַראַן אַ פולע קינדער, װאָס זאָגן זיך אין דער שטיל: „אָ, װען איך קען טאָן װאָס מיר געפעלט! אָ, װען איך בין פרײַ און בין באַלעבאָס איבער זיך!"

אזױנע קינדער װאַרטן מיט אומגעדולד אויף דעם טאָג, װען זײ װעלן קענען טאָן, װאָס זײ װילט זיך.

איך אָבער זאָג צו זיך אַלײן: „אָ, װען איך האָב װעמען, װער עס זאָל מיר העלפן מיט אַן עצה, װער עס זאָל מיך פירן!"

מיר האָט זיך געװאָלט זען מײַן באַלעבאָס אקען, װאָס איז די לעצטע צװײ יאָר געװען צו מיר װי אַ פאָטער.

נאָכפרעגנדיק זיך, האָב איך געפונען די טורמע, װוּ ער איז געזעסן.

װי טרויעריק עס זעט אויס אַ טויער פון אַ טורמע!

פאָטער אקען איז אַרויס צו מיר מיט אזױנע װערטער:

— איך האָב געװאַרט אויף דיר, מײַן קלײנער רעמי. די קינדער האָבן מיר געזאָגט, אַז דו װילסט זיך װידער נעמען צו דײַן מלאָכה, װידער װערן אַ זינגער. װאָס װאַנדערט איבער װעגן. ניט שוין זשע האָסטו פאַרגעסן, װאָס מיט דיר איז געװען! דאַן האָסטו געהאַט װיטאַליסן. װי װעסטו איצט װאַנדערן אַלײן!

— איך האָב דאָך קאַפּין.

— יאָ, קאַפּי איז אַ טײַערער און קלוגער הונט, אָבער דאָך ניט מער װי אַ הונט. װי אזױ װעסטו פאַרדינען אויף צום לעבן!

— קאַפּי װעט באַװײַזן זײַנע שטיק, און איך װעל זינגען.

— אָבער, מײַן קינד, דאָס איז דאָך אַן אַרבעט פאַר פױלער. און דו, רעמי, האָסט דאָך אזױ פלײַסיק געאַרבעט בײַ מיר.

— מיר װילט זיך ניט דינען בײַ פרעמדע מענטשן — האָב איך געענטפערט — און װײַטער װילט זיך מיר זײַן מיט אײַערע קינדער; גײן פון אײַך צו זײ און פון זײ צו אײַך. װאָס װעט טראַכטן װעגן מיר ליזע, אויב איך װעל צו איר ניט קומען? און אויב איך װעל דינען בײַ פרעמדע מענטשן, װעלן זײ דאָך מיך ניט אַפּלאָזן.

— דו האָסט אַ גוט האַרץ, מײַן קינד—האָט געזאָגט צו מיר פּאַטער אַקען: נעם מיט מײַן אַלטן זײגער. איך דאַרף אים ניט אין טורמע. די צײַט ציט זיך דאָ אַזוי לאַנג. און דיר װעט ער צו ניץ קומען.

איך בין געװען אַזוי גערירט און צעטראָגן, אַז איך בין לאַנג געשטאַנען לעבן טויער פון דער טורמע נאָך דעם, װי איך האָב מיטן פּאַטער אַקען זיך געמוזט צעשײדן.

קאַפּי האָט מיר גענומען לעקן די הענט, און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך מוז גײן װײַטער.

דער זײגער איז געװען צװעלף. איך מוז קויפן אַ קאַרטע פון פראַנקרײַך. אָן דעם קען איך זיך אין װעג ניט לאָזן.

גײענדיק איבער די גאַסן פון פּאַריז, האָב איך דערזען לעבן אַ קירך דעם קלײנעם מאַטיאָ מיטן גרויסן קאָפּ. ער האָט מיך אויך דערקענט. פון אים האָב איך זיך דערװוּסט, אַז גאַראָפאָלי זיצט אין טורמע: ער האָט אַזוי געשלאָגן דעם יינגל אָרלאַנדאָ, אַז יענער איז נעבעך געשטאָרבן פון די קלעפּ. ער, מאַטיאָ, האָט צװײ יאָר געדינט אין אַ צירק. אָבער אין צירק דאַרף מען אים שוין מער ניט, און ער איז געבליבן אויפן גאַס. ער װײס אַלײן ניט, װוּהין ער זאָל גײן. און געגעסן האָט ער שוין אויך ניט פון נעכטן אָן.

איך האָב געקויפט פאַר אים ברויט. ער האָט דאָס אײַנגעשלונגען.

— װאָס װעט איר איצט טאָן?—האָב איך אים געפרעגט.

ער װײס אַלײן ניט. ער האָט אַ פידל, ער קען זי פאַרקויפן. אָבער װי זאָל ער זיך צעשײדן מיט איר? װען ער שפּילט אויף זײַן פידל, פאַרגעסט ער זיך אָן אַלץ. דאַן װערט אים אַזוי גוט, אַזוי לײַכט. ער האָט שוין געפּרוּװט שפּילן אויף דער גאַס, אָבער קײנער האָט אים דערפאַר קײן זאַך ניט געגעבן. אָ, װען רעמי

נעמט אים מיט. האַלטן זיי צוזאַמען מיט קאָפּין געקענט פאַרדינען. ער קען טאַנצן אויך, אַפּילו גיין אויף שטריק. ער וועט טאָן אַלץ, וואָס מע וועט אים הייסן. קיין געלט דאַרף ער ניט, נאָר ברויט. ער האָט ניט מורא פאַר קיין קלעפּ. ער בעט נאָר איין זאַך, מע זאָל אים ניט שלאָגן איבערן קאָפּ, ווייל דער קאָפּ טוט אים זייער וויי.

– גוט, לאָמיר גיין צוזאַמען! – האָב איך אויסגעשריִען: פאָרויס! און מיר זיינען אַרויס פון פּאַריז.

אונדזער וועג האָט זיך אָנגעהויבן זייער גוט. ס׳איז געווען אָנהייב פרילינג. די וואַרעמע שטראַלן פון דער זון האָבן אויסגעטריקנט די ערד. עס האָט זיך שוין באַוויזן פרישע גראָז, און פון גראָז האָבן אַרויסגעקוקט די ערשטע בלומען.

מיר גייען אויף דרום, ווייל אויף דרום געפינט זיך דאָס דאָרף שאַוואַנאָן, און דאָרטן וווינט מיין טייערע, מיין געליבטע מוטער באַרבערען. איך האָב איר מורא געהאַט צו שרייבן: וואָס טו איך, ווען באַרבערען פאַרקויפט מיך ווידער, ווי ער האָט מיך פאַרקויפט וויטאַליסן? אָבער איצט איז קיין געפאַר ניטאָ. מאַטיאָ וועט אַריינגיין אַליין, און איך וועל זיך באַהאַלטן. אויב באַרבערען איז ניטאָ, וועל איך אַריינגיין צו מיין מוטער. און אויב ער איז דאָ, וועט מוטער באַרבערען אַרויסגיין און מיר וועלן זיך ערגעץ זען, איר מאַן זאָל וועגן דעם ניט וויסן.

אונטערוועגנס האָט מאַטיאָ אַרויסגענומען זיין פידל און געשפּילט פאַר מיר. ער האָט געשפּילט וווּנדערלעך. מיר דוכט זיך, אַז ניט ערגער פון וויטאַליסן.

אין ערשטן דאָרף הינטער פּאַריז האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ פערמע: אויפן הויף זיינען געווען פיל מענטשן, מענער און פרויען, אַלע אויסגעפּוצטע, די מענער–מיט בוקעטן אין די לאַצן, און די פרויען–מיט בלומען אין די האָר. מע האָט גלייך געקענט פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ חתונה.

איך האָב אַראָפּגעכאַפּט מיין הוט, האָב זיך איידל פאַרנייגט און געפרעגט, צי דאָס געערטע פּובליקום פאַרלאַנגט אפשר מוזיק.

– מוזיק! מוזיק! – האָבן אין איין קול זיך אָפּגערופן די פרויען און די מענער–מיר וועלן טאַנצן אַ קאַדריל!

צום גליק האָבן מיר ביידע געוווּסט א מאַטיה, וואָס האָט געטויגט פאַר א קאַדריל.

די פידל און די האַרפּע זיינען אָבער געווען צו שטילע אינסטרומענטן פאַר אַזוינע טענץ, און די חתונה־געסט האָבן אונדז געבראַכט א טרומייטל און א פּויק.

מאַטיאַ האָט געשפּילט אויף אַלע אינסטרומענטן.

די מחותּנים האָבן פריילעך געטאַנצט און ניט געגעבן אונדז א מינוט רו.

איך האָב א קוק געטאָן אויף מאַטיאָן און האָב זיך דערשראָקן. אַזוי בלאַס און מיד האָט ער אויסגעזען.

צום גליק האָט דאָס אויך באַמערקט די כּלה. זי האָט געגעבן א צייכן, אַז מע זאָל אויפהערן טאַנצן, און געהייסן באַצאָלן די מוזיקאַנטן. איך האָב אַרויסגעשיקט קאַפּין מיט מיין הוט. די געסט זיינען געווען אַנטציקט, און אין הוט האָט גענומען רעגענען מיט מטבייעס.

אויסער דעם האָט מען אונדז פאַרבעטן צום טיש.

מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין א שייער און אויף מאָרגן זיך געלאָזן אין וועג מיט א קאַפּיטאַל פון אַכט און צוואַנציק פראַנק.

דער אָנהייב איז געווען א גליקלעכער. ווייטער איז אונדז אויך געגאַנגען גוט: מיר האָבן געשפּילט אין נאָך עטלעכע ערטער און אומעטום האָבן מיר גוט פאַרדינט. מיר האָבן שוין געקויפט א געניצטן טרומייט, א זאַק פאַר מאַטיאָן. מיר זיינען געווען זאַט און האָבן ניט גענעכטיקט אין דרויסן.

דאַן איז מיר געקומען אין קאָפּ אַזאַ געדאַנק: איך קען ניט קומען צו דער מוטער באַרבערען מיט ליידיקע הענט. איך מוז איר ברענגען א מתּנה, איך מוז איר קויפן א קו. איך האָב ניט אויפגעהערט צו חלומען וועגן א קו. אָבער ווי גרויס איז געווען מיין פאַרדרוס, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז א קו דאַרף קאָסטן ניט ווייניקער ווי הונדערט פופציק פראַנק. אָ, ווי ווייט איך בין נאָך געווען פון אַזאַ גרויסער סומע געלט. אָבער איך האָב ניט פאַרלאָרן די האָפסנונג. מיר וועלן נאָך ניט גיין צו דער מוטער באַרבערען. מיר וועלן פאַרקירעווען אָן א זייט, פאַרדינען א פולע געלט און דאַן שוין גיין קיין שאַוואַנאָן און מיטפירן מיט זיך א קו.

און מיר זיינען אַוועק אין דער געגנט, וואָס הייסט וואַרס.

אין קוילנגרוב

װאַרס איז אַ רײַכע געגנט, װײַל אין דער טיפֿעניש פֿון דער ערד געפֿינט מען דאָרטן שטײנקוילן. אָבער פֿון אױבן זעט די געגנט אױס זײער טרױעריק. אומעטום שװאַרצע קופּעס קױלן. אַלץ איז באַדעקט מיט אַ געדיכטן שװאַרצן שטױב װי מיט סאַזשע.

איך װײס ניט, צי די קױלנגרעבער װעלן אונדז קענען גוט װאַצן פֿאַר אונדזער שפּילן, נאָר מיך ציט קײן װאַרס עפּעס גאָר אַן אַנדער זאַך: דאָ װױנט בײַ זײַן פֿעטער אַלעקס, אײנער פֿונעם פֿאָטער אַקענס זין. איך װעל זיך זען מיט אים, װעל אים אָפּגעבן אַ גערוס פֿון פֿאָטער און דאַן װעלן מיר גײן װײַטער. אַלעקסעס פֿעטער הײסט גאַספּאַר. מיר האָבן באַלד געפֿונען זײַן הײַזל. די מומע גאַספּאַר האָט אונדז ניט אַרײַנגעבעטן. מיר האָבן זיך נאָר דערװוּסט, אַז אַלעקס אַרבעט אין קױלנגרוב צוזאַמען מיטן פֿעטער און זײ קערן זיך אום פֿון דער אַרבעט זעקס דעם זײגער.

אױסגעמאַטערטע האָבן מיר זיך אַװעקגעשלעפּט צו דער שאַכטע און אָפּגעװאַרט, ביז װאַנען די קױלנגרעבער זײַנען אַרױס פֿון אונטער דער ערד. אַלעקס האָט מיך באַלד דערקענט, און די באַגעגעניש איז געװען זײער אַ פֿרײדיקע. פֿעטער גאַספּאַר איז געװען זײער אַ גוטער, זײער אַ פֿרײַנדלעכער. ער האָט אונדז צוגענומען װי אײגענע. איך האָב געשלאָפֿן מיט אַלעקסן. פֿאַר מאַטיאַן האָט מען געמאַכט אַ געלעגער אױף פֿרישן הײ. מיר האָבן לאַנג ניט געקענט אײַנשלאָפֿן. איך און אַלעקס—אַזױ פֿיל האָבן מיר געהאַט צו דערצײלן אײנער דעם אַנדערן.

אַלעקס האָט זיך אײַנגעװױנט צו זײַן נײַעם לעבן. ער העלפֿט דעם פֿעטער. גאַספּאַר האַקט אָפּ די קױלן, אַלעקס װאַרפֿט זײ אַרײַן אין אַ װאַגאָנדל און שטופּט דאָס װאַגאָנדל

איבער די רעלסן צו דער שאכטע, פון וואנען מע הייבט די קוילן ארויס. אונטן איז פינצטער און פייכט. און גאר אפט מוז מען זיך בויגן אין דרייען, כדי ניט אפצוהאקן דעם קאפ אן געוועלב. עס טרעפן זיך אויך אומגליקן אין דער שאכטע. א מאל פאלן איין שטיקער קוילן און פארשיטן די ארבעטער. נאך שרעקלעכער איז א פארפלייצונג אונטער דער ערד אדער א שרפה, ווען ס'ציגדט זיך אן און ס'רייסט אויף דער קוילנגאז.

אין וואַרס זיינען פאראן א פולע אלמנות מיט קינדער, וואס זייערע מענער זיינען אומגעקומען אין די גרובן.

פעטער גאספאר האט מיך צוגערעדט, איך זאל בלייבן אין וואַרס. ער וועט פאר מיר קריגן ארבעט אונטער דער ערד. איך האב וועגן דעם הערן ניט געוואלט. בעסער ליידן הונגער און קעלט אויף די גרויסע וועגן, אבער זען דעם הימל, די זון, די ביימער, הערן, ווי פייגל זינגען.

מיר האבן שוין געוואלט גיין ווייטער. האט זיך עפעס געמאכט, וואס האט אומגעביטן אלע מיינע פלענער. אלעקס האט זיך אומגעקערט פון דער ארבעט א צעקאלעטשעטער. אויף אים איז ארויפגעפאלן א גרויסע שטיק קוילן. די האנט איז ביי אים געשוואלן געווארן פון קלאפ. איבערהויפט איז ביי אים צעמזיקט געווארן איין פינגער. דער דאקטאר האט אים פארבאטן צו ארבעטן, ביז וואנען זיין האנט וועט ניט געזונט ווערן. פעטער גאספאר איז געווען אויסער זיך. ער קען זיך אן אים ניט באגיין. אויף שטענדיק קען ער געפינען א באהעלפער, אבער אויף א קורצער צייט גייט קיינער ניט.

איך האב געפילט, אז איך מוז מיט עפעס אפדאנקען פאר דער גוטסקייט, וואס פעטער אקען האט מיר ארויסגעוויזן. און איך האב זיך ארויסגערופן, אז איך וועל פארבייטן אלעקסן, ביז וואנען ער וועט געזונט ווערן.

פעטער גאספאר איז געווען זייער צופרידן. מאטיא האט מיך באַרויקט, אז ער וועט דערווייַלע ארומוואנדערן אין דער אומגעגנט פון וואַרס מיט קאפין און וועט זיך מיען צו פאר-דינען געלט. ער וועט אפילו אפשפארן פון זיין פארדינסט, איך זאל קענען שפעטער קויפן א קו פאר דער מוטער בארבערען.

װי שװער און שרעקלעך מיר איז געװען זיך אַראָפּצולאָזן אין דער פֿינצטערער גרוב! פּעטער גאַספּאַר האָט מיר צוגעגעבן מוט. אָבער מיר האָט זיך אַלע װײַלע געדוכט, אַז איך פֿאַל אַראָפּ אין פֿינצטערן אָפּגרונט. װען איך בין געקראָכן איבער די טרעפּלעך, װאָס זײַנען געװען אויסגעהאַקט אין די פֿעלזיקע װענט. איך האָב זיך בײַסלעכװײַז צוגעװױנט צו דער אַרבעט. אָבער איך האָב ניט אויפֿגעהערט צו בענקען נאָך דער ליכטיקער שײַן.

אײן מאָל האָב איך דערהערט אַ מאָדנעם גערויש אין דער גאַלערײ. װאָס האָט דאָס געקענט זײַן? אפֿשר רײדן צװישן זיך די אַרבעטער אין אַ צװײטער גאַלערײ? דער גערויש װערט אַלץ שטאַרקער. נײן, דאָס רײדן ניט קײן מענטשן. דאָס איז דער גערויש פֿון װאַסער, װען עס פֿאַלט פֿון דער הײך. איך לאָז שטײן מײַן װאַגאָנדל און לויף צום ברונעם, דורך װאַנען מע הײבט אַרויס די קוילן אויף אויבן. איך האָב ניט געהאַט קײן טעות: װאַסער גיסט זיך טאַקע פֿון אויבן דורכן ברונעם אין שאַכטע אַרײַן. סאַר אַ מעכטיקער שטראָם! און מיט װאָס פֿאַר אַ גיכקײט! איך פֿיל שוין דאָס װאַסער אונטער מײַנע פֿיס. איך לויף צוריק צום פּעטער גאַספּאַר. ער װיל מיר ניט גלויבן. אָבער באַלד דערהערט ער אויך דעם גערויש און דערזעט דעם שטראָם, װאָס גיסט זיך פֿון אויבן. באַלד לויפֿן צו נאָך אַרבעטער. מיר הײבן אָן צו לויפֿן איבער די שמאָלע טרעפּלעך אויף אויבן. די געפֿאַר גיט אונדז צו כּוח און מיר הײבן זיך מיט דער גרעסטער גיכקײט. מיר פֿילן, אַז דאָס װאַסער האָט שוין פֿאַרגאָסן דאָס אָרט, װוּ מיר שטײען. ביז אויבן איז נאָך אַזױ װײַט. אויף די טרעפּלעך װעלן מיר זיך ניט קענען לאַנג אײַנהאַלטן. דאָס װאַסער װעט אונדז אַראָפּשװענקען אויף אונטן אין פֿינצטערן אָפּגרונט אַראָפּ. מיר זײַנען זיבן מאַן. אָבער אין דער שאַכטע אַרבעטן הונדערט פֿופֿציק. װאָס איז מיט זײ? אײנער פֿון די אַרבעטער כאַפּט זיך פֿאַרן קאָפּ. זײַן זון אַרבעט דאָך אויך אין דער שאַכטע און ער איז ניטאָ מיט אים. ער הײבט אָן צו רופֿן דעם זון. אָבער קײנער ענטפֿערט ניט.

— פֿאַרליר ניט דעם קאָפּ, אַלטער פֿרײַנד! — זאָגט אים אײנער פֿון די אַרבעטער — דײַן זון האָט זיך געװיס געראַטעװעט

די קוילנגרעבער אין געפאַר

מיט די איבעריקע אַרבעטער. מיר מוזן זיך אויך ראַטעווען. אויפהײבן זיך ביז אויבן װעלן מיר שוין ניט באַװײַזן. מיר האָבן נאָך איין אויסװעג: אָט זעט זיך אַ שװאַרצע לאָך אין דער װאַנט. דאָס איז אַן אַלטער קאָרידאָר, װוּ מע אַרבעט שוין איצט ניט. לאָמיר פֿאַרקריכן אַהין. דאָס װאַסער קען דעם קאָרידאָר ניט פֿאַרגיסן: עס גײט פֿון אַ צװײטער זײַט.

זײַן פֿעסטע שטים באַרויִקט אַלעמען, און מיר קריכן אַרײַן אין אַן ענגער לאָך, װאָס האָט ניט קיין אַרויסגאַנג, אָבער װוּהין דאָס װאַסער קען ניט אַרײַנדרינגען.

— װאָס װעט זײַן װײַטער? — פֿרעגט איינער — מיר װעלן דאָ שטאַרבן פֿון הונגער, אָדער מיר װעלן דערשטיקט װערן אין דער ענגשאַפֿט.

— מע װעט אונדז ראַטעװען! — ענטפֿערט דער ערשטער.
— לאָמיר נאָר ניט פֿאַרלירן דעם מוט.
און מיר בלײַבן אַלע זיצן און װאַרטן.

די רעטונג.

איך װעל אײַך ניט דערצײלן װעגן אַלץ, װאָס איך האָב איבערגעלעבט אין דער פֿאַרטרונקענער קױלן־גרוב. פֿערצן טעג זײַנען מיר אָפּגעלעגן לעבעדיקערהײט באַגראָבן אין דער טיפֿעניש פֿון דער ערד. מיר האָבן געברענט נאָר איין לאָמפּ. ביסלעכװײַז איז אויסגעגאַנגען די אײל פֿון אַלע לאָמפּן. װען ס'האָט גענומען אויסגײן דער לעצטער לאָמפּ, האָבן מיר אים אויך פֿאַרלאָשן. און מיר זײַנען געבליבן זיצן אין דער פֿינצטער.

עסנדיק צו קלײנע שטיקלעך, האָבן מיר געענדיקט דאָס קלײנע לעבל ברויט, װאָס איין קױלנגרעבער האָט געראַטעװעט אין היטל. װאַסער האָבן מיר אָנגעשעפּט אין אַ שטיװל און דערמיט אונטערגעהאַלטן די כּוחות.

פֿריִער האָבן מיר נאָך גערעדט, געפּרוּװט טרעפֿן, װאָס עס טוט זיך אויבן, זיך פֿאָרשטעלן, װי מע באַקלאָגט אונדז און װי מע זוכט מיטלען אונדז צו ראַטעװען. פּעטער גאַספּאַר האָט

אונדז אַלעמען געטרייסט. אַז מע וועט אונדז געוויס ראַטעווען, מע וועט אויספּאָמפּען דאָס וואַסער פֿון דער גרוב אָדער מע וועט דורכהאַקן אַ נײַעם גאַנג צו אונדזער באַהעלטעניש. די אינזשינערן זײַנען דאָך געבליבן אויבן. זיי ווייסן גוט דעם פּלאַן פֿון די קוילנגרובן. זיי וועלן פֿאַרשטיין, אַז מיר האָבן זיך געקענט ראַטעווען אין אַ פֿאַרלאָזענער גאַלעריי, און זיי וועלן אונדז אויסגראָבן.

די צײַט האָט זיך לאַנגזאַם געצויגן אין דער פֿינצטערער גרוב. פֿון הונגער און פֿון דער שווערער לופֿט האָבן גענומען אויסגיין אונדזערע קרעפֿטן און מיר האָבן אויפֿגעהערט צו ריידן. די שטילקייט אין דער פֿינצטערניש האָט נאָך מער געדריקט און געמאַטערט.

איין מאָל האָבן מיר דערהערט אַ מאָדנעם שטילן פּלוסק אין וואַסער.

— דאָס פּאָמפּעט מען דאָס וואַסער פֿון די גרובן! — האָט אויסגעשריִען פּעטער גאַספּאַר.

ווי שוואַך מיר זײַנען ניט געווען, האָבן מיר זיך דאָך אויפֿגעהויבן און זיך גענומען צוהערן: דאָס וואַסער האָט ניט אויפֿגעהערט זיך צו פּלוסקען. דאָס אַרבעטן טאַקע די רערן, וואָס פּאָמפּען דאָס וואַסער... די האָפֿענונג אויף ראַטונג האָט יעדער צוגעגעבן מוט, געשטאַרקט אודזער נשמה. ווי טײַער ס'איז ניט געווען דאָס ביסעלע אייל, וואָס איז נאָך געבליבן אין איין לאָמפּ, האָבן מיר דאָך באַשלאָסן אים אָנצוצינדן... כּדי צו זען, אויב עס ווערט ווייניקער וואַסער אין גרוב. בעסער וואָלט געווען, ווען מיר טוען דאָס ניט: אין שוואַכער שײַן פֿון לאָמפּ האָבן מיר געזען, ווי לאַנגזאַם דאָס וואַסער לאָזט זיך אַראָפּ. עס וועלן פֿאַרגיין טעג און וואָכן, ביז וואַנען מע וועט אויסשעפּן דאָס וואַסער, און מיר וועלן דערווײַלע אויסגיין.

מיר האָבן פֿאַרלאָרן די לעצטע האָפֿענונג... ווידער פֿאַרלעשט מען דעם לאָמפּ. ווידער ווערט שטיל און פֿינצטער... איך פֿאַל אַרײַן אין אַ שלאָף. איך פֿאַרגעס זיך, וווּ איך בין. אין אומפֿאָרזיכטיקער ריר און איך קען אַרײַנפֿאַלן אין וואַסער. אָבער פּעטער גאַספּאַר האַלט מיך צו מיט דער האַנט.

װידער פֿאַרגײען אַזױ לאַנגע, מוראדיק לאַנגע שעהן און טעג. מיר האָפֿן שױן ניט, אַז מיר װעלן דערלײזט װערן. די כּוחות גײען אױס. מיר װאַרטן אױפֿן טױט...

— איך הער שטיל קלעפּ אין דער ערד — זאָגט אײן מאָל פּעטער גאַספּאַר—זײ גײען פֿון אױבן.

װידער אַ שטראַל האָפֿענונג. מיר הײבן אױף פֿון דער ערד די קעפּ, מיר הערן זיך צו, אָבער הערן קײן זאַך ניט.

— לאָז אונדז רויִק שטאַרבן, גאַספּאַר—זאָגט אײנער פֿון די קױלנגרעבער—דיר האָט זיך אָפּגעדוכט.

— נײן, איך האָב דײַטלעך געהערט אַ קלאַפּ. דאָס האַקט מען די ערד מיט אַ ברעכאײַזן. מע גראָבט אונדז אױס!

קײנער גלױבט ניט. װידער ליגן מיר פֿאַרחלשטע אױף דער האַרטער ערד און װאַרטן אױף אונדזער לעצטער שעה.

פּעטער גאַספּאַר האָט ניט געהאַט קײן טעות. זײַן געניטער אױער האָט טאַקע געהערט אַ קלאַפּ פֿון אַן אײַזן אָן דער האַר-טער ערד.

איך װײס ניט, װיפֿל צײַט ס'איז נאָך פֿאַרלאָפֿן, ביז װאַנען מיר האָבן אַלע דײַטלעך דערהערט די קלעפּ פֿון אַ ברעכאײַזן. װאָס ס'איז געװען װײַטער, װײס איך ניט. איך האָב פֿאַרלאָרן דעם באַװוּסטזײַן.

װען איך בין װידער געקומען צו זיך, האָב איך דערפֿילט, אַז עמעץ אַ שטאַרקער טראָגט מיך אין די אָרעמס. איך האָב געעפֿנט די אױגן און האָב זײ װידער צוגעמאַכט. די שײַן פֿון דער זון האָט מיך פֿאַרבלענדט.

דאָס האָט מיך געטראָגן דער אינזשינער, װאָס האָט אָנגע-פֿירט מיט אונדזער רעטונג. װען איך האָב אַ צװײטן מאָל גע-עפֿנט די אױגן, האָב איך דערזען הונדערטער פֿרױען, מענער און קינדער, װאָס האָבן מיט טרערן אין די אױגן אונדז דורכ-געלאָזן. דאָס זײַנען געװען טרערן פֿון פֿרײד, װאָס מע האָט אונדז אױסגעגראָבן נאָך לעבעדיקע; און טרערן פֿון צער, װײַל געראַטעװעט האָבן זיך נאָר מיר זעקס, און די איבעריקע זײַנען אומגעקומען אין דער פֿינצטערער טיפֿעניש.

מע האָט מיך אַרײַנגעטראָגן אין קאָנטאָר פֿון די שאַכטעס. דאָרטן זײַנען געװען אָנגעגרײט פֿאַר אונדז בעטן.

ווי נאָר מע האָט מיך אנידערגעלייגט, האָב איך דערפילט א פּאַכטע צונג אויף מײַן פּנים. דאָס איז געווען קאַפּי. באַלד נאָך אים זײַנען אַרײַנגעלאָפן אלעקס און מאַטיאַ. זיי האָבן געלאַכט און געווײנט פאַר פרייד און גליק.

— אלעקס האָט גאַנצע טעג געוויינט און געשריִען, אַז דו ביסט אומגעקומען צוליב אים. אָבער איך האָב ניט געגלויבט, אַז דו ביסט געשטאָרבן. איך האָב געפילט, אַז דו לעבסט און אַז מע וועט דיך ראַטעווען!—האָט געזאָגט מאַטיאַ.

ביי דער מוטער בארבערען.

איצט האָב איך שוין געהאַט אין וואַרס א פולע גוטע באַקאַנטע. נײַע האָט מיר אָנגעבאָטן ארבעט אין קוילנגרוב און אפילו אין קאַנטאָר. אָבער איך האָב גאָר וועגן דעם טראַכטן ניט געוואָלט. קיין מאָל וועל איך ניט אויסבײַטן מײַן פרײַ לעבן אויף דער פינצטערער קוילנגרוב.

מאַטיאַ האָט מורא געהאַט, אַז מע וועט מיך אײַנריידן צו בלײַבן אין וואַרס, און ער איז געווען זייער גליקלעך, וואָס איך זאָג זיך אָפּ און גיי מיט אים.

ער האָט פאַר דער צײַט פאַרדינט א רעכט ביסל געלט און האָט אפילו אָפּגעשפּאָרט אכצן פראַנק. ער האָט עס צוגעגעבן צו די הונדערט אכט און צוואַנציק, וואָס איך האָב אָנגעקליבן אויף צו קויפן א קו פאַר דער מוטער בארבערען.

מיר האָבן זיך צעשיידט מיט אלעקסן און פעטער גאַספּאַרן און זײַנען ארויס פון וואַרס. אונדז האָט אָפּגעגליקט. מיר האָבן פאַרדינט, ניט געליטן קיין הונגער און פאַרגרעסערט אונדזער קאַפּיטאַל. מיר האָבן שוין געהאַט כמעט אַזוי פיל געלט, אַז מיר האָבן געקענט קויפן א קו.

מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין דירעקט קיין שאַוואַנאָן און וואָס גיכער קומען צו דער מוטער בארבערען און זי דערפרייען מיט א קו.

אונטערוועגנס האָב איך ניט אויפגעהערט צו לערנען מיט מאַטיאַן. איך בין געווען א שוואַכער לערער. אָבער איך

קען ניט זאָגן, אַז ער זאָל זײַן זײער אַ גוטער שילער. צו לייענען ביכער האָט ער קײן גרויסן חשק ניט געהאַט. אָבער װוּנדערלעך, װי גיך ער האָט באַנומען דעם שׂכל פֿון נאָטן. דאָ איז אים שוין קײן זאַך ניט געװען צו שװער. גאָר גיך האָב איך באַמערקט, אַז אין נאָטן איז ער אַ סך שטאַרקער פֿון מיר. אין אײן שטעטעלע האָבן מיר זיך געטראָפֿן מיט אַ גוטן מוזיקער. ער האָט געהערט, װי מאַטיאַ שפּילט אויף זײַן פֿידל, און איז געװאָרן אַנטציקט. ער האָט אָנגעבאָטן מאַטיאַן צו בלײַבן בײַ אים און זיך לערנען מוזיק. אָבער מאַטיאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט: פֿאַר קײן זאַך אין דער װעלט װעט ער זיך ניט שײדן מיט מיר.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט אוסעל. דאָס איז געװען די ערשטע שטאָט, װוּ װיטאַליס האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט מיר, װען ער האָט מיך אַװעקגעפֿירט פֿון דער מוטער באַרבערען.

מיט טרויער און ליבע האָב איך זיך װידער דערמאָנט אָן מײַן טײַערן באַלעבאָס און לערער.

אַזוי װי מיר זײַנען אָנגעקומען קײן אוסעל ערבֿ אַ גרויסן מאַרקטאָג, האָבן מיר באַשלאָסן דאָ צו קויפֿן די קו. אָבער װי אַזוי קויפֿט מען? מע קען אונדז נאָך אָפּנאַרן און פֿאַרקויפֿן אַ קו, װאָס װעט קײן מילך ניט געבן.

אַ גליקלעכער אײַנפֿאַל האָט אונדז געהאָלפֿן: מיר װעלן אויסזוכן אין אוסעל אַ װעטערינאַר. מיר װעלן אים באַצאָלן און ער װעט אונדז װײַזן װאָס פֿאַר אַ קו צו קויפֿן.

דער װעטערינאַר פֿון אוסעל איז צו אונדזער גליק געװען זײער אַ װוילער מענטש. פֿריִער האָט ער זיך צעלאַכט, װען ער האָט אויסגעהערט אונדזער ביטע: ער האָט געמײנט, אַז מיר זוכן אַ קו פֿאַר אונדזער טרופּע, װאָס זאָל באַװײַזן אַלערלײ שטיק װי קאָפּי. אָבער װען מיר האָבן אים דערצײלט, פֿאַר װעמען מיר קויפֿן די קו און װי אַזוי מיר האָבן צוזאַמענגעקליבן דאָס געלט, איז ער געװאָרן זײער ערנסט.

יר זײַט גוטע ייִנגלעך, און מאָרגן פֿרי װעל איך גײן מיט אַ [illegible] אויפֿן מאַרק און אײַך העלפֿן קויפֿן אַ קו — האָט ער צו אונדז געזאָגט.

קײן געלט פֿאַר זײַן מי האָט ער בײַ אונדז ניט גענומען

און אַ קו האָט ער אונדז אויסגעקליבן אַזאַ, וואָס בעסער האָט מען גאָרניט געדאַרפֿט. אמת, מיר האָבן אויף איר אויסגעגעבן גאָר אונדזערע געלט, אָבער מיר זײַנען געווען זייער צופֿרידן און שטאָלץ, ווען מיר זײַנען אַרויס פֿון אוסעל מיט דער קו, וואָס מיר האָבן געפֿירט פֿאַר אַ לאַנגער שטריק.

אין אַ דאָרף שוין גאָר נאָענט צו שאַהאַנאָן האָט מיט אונדז פּאַסירט אַזױנס, וואָס האָט אונדז פֿאַרהאַלטן אַן איבעריקע נאַכט אין וועג. אָבער צום גליק האָט זיך אַלץ גוט געענדיקט. די אײַנוווינער פֿון דאָרף האָבן זיך אײַנגערעדט, אַז מיר האָבן די קו געגנבֿעט. מע האָט דאָס געמעלדעט דער פּאָליציי און מע האָט אונדז אַרעסטירט.

מיר האָבן פֿאַרבראַכט אַן אומאָנגענעמע נאַכט.

איך האָב זיך ווידער דערמאָנט וועגן וויטאַליסן און וועגן די טרויעריקע טעג, ווען מע האָט אים אַרעסטירט און מיך אַרויסגעטריבן פֿון דער אַכסאַניע.

אויף מאָרגן אין דער פֿרי איז צו אונדז געקומען דער ריכ-טער. ער איז געווען אַ גוטער און אַ קלוגער מענטש. מיר האָבן אים דערציילט, ווי אַזוי מיר האָבן די קו געקויפֿט און צו וועמען מיר פֿירן זי. ער האָט געוווּסט, וועד מוטער באַרבערען איז. ער האָט אויך געלייענט אין דער צײַטונג וועגן דעם אומגליק אין די קוילנגרובן פֿון וואַרס. איז ער מיט אַ מאָל געוואָרן זייער גוט צו אונדז, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין דאָס דער זעלביקער רעמי, וואָס איז געלעגן פֿערצן טעג אין דער פֿאַר-טרונקענער קוילנגרוב.

איך האָב געזאָגט דעם ריכטער, אַז מיר האָבן אַן עדות, וואָס קען באַשטעטיקן מײַנע ווערטער. דאָס איז דער וועטערינאַר פֿון אוסעל.

דער ריכטער האָט אָנגעפֿרעגט אין אוסעל, און דער וועט-ערינאַר איז אַליין געקומען אין דאָרף כּדי וואָס גיכער אונדז צו באַפֿרײַען פֿון אַרעסט.

דער ריכטער האָט אונדז געדריקט די האַנט, מיר און מאַטיאַן, און דער וועטערינאַר האָט זיך אַפֿילו צעקושט מיט אונדז.

מיט אַפּליקע טריט זײַנען מיר אַרויס פון דאָרף פירנדיק אונדזער קו. פון ריכטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מוטער באַרבערען איז געזונט און אַז איר מאַן באַרבערען איז אַוועקגעפאָרן פון שאַוואַנאַן.

איר קענט זיך פאָרשטעלן, ווי איך האָב זיך דערפרייט מיט אַזוינע נײַס.

אַראָפּלאָזנדיק זיך פון אַ באַרג, האָבן מיר שוין פון ווײַטן דערזען שאַוואַנאַן. איך האָב באַלד דערקענט דער מוטער באַרבערענס הײַזל, די בײמער אויפן הויף און דעם גאָרטן.

מוטער באַרבערען האָט מיך צוגעדריקט צו איר ברוסט. האָט באַגאָסן מײַן פּנים מיט טרערן פון פרייד און גליק. זי האָט זיך ניט געקענט אָנפרייען מיט מיר. זי האָט ניט אויפגעהערט צו בענקען און זאָרגן וועגן מיר די גאַנצע צײַט. זי האָט אַלץ געוואַרט אויף אַ בריוועלע און אַלץ ניט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס איך שווײַג.

איך האָב איר דערקלערט, אַז איך האָב איר ניט געשריבן צוליב איר מאַן באַרבערען: איך האָב ניט געוואָלט, ער זאָל וויסן, וווּ איך בין. איך האָב מורא געהאַט, אַז ער וועט קומען, וועט מיך צונעמען און מיך ווידער פאַרקויפן, ווי ער האָט שוין מיך אַ מאָל פאַרקויפט וויטאַליסן.

— דו ביסט גערעכט, רעמי — האָט זי געזאָגט — איצט זוכט דיך אויך באַרבערען, נאָר שרעק זיך ניט. ער איז טאַקע צוליב דעם אַוועקגעפאָרן קײן פּאַריז. אָבער ער וועט שוין דיך ניט פאַרקויפן. דיך זוכן דײַנע עלטערן. זיי האָבן אים צוגעזאָגט גוט צו באַצאָלן, אויב ער וועט דיך נאָר געפינען.

אין דער רגע, ווען זי האָט דאָס געזאָגט, איז אַרײַן מאַטיאַ. וואָס איז געווען אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף.

— מאַטיאָ! — האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים — מאַטיאָ! מײַנע עלטערן זוכן מיך! איך האָב אַ פאַמיליע. אַן אמתע פאַמיליע!

צוריק קײן פּאַריז

מוטער באַרבערען האָט מיר אויסגעבעט אין מײַן בעטל, האָט מיך װאַרעם אײַנגעדעקט. אָבער איך האָב אַ גאַנצע נאַכט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. די נײַס, אַז מײַנע עלטערן זוכן מיך, האָט מיך אַזוי אויפגערעגט, אַזוי צעטומלט!.. װער זײַנען זײ, מײַנע עלטערן? װי װעלן זײ מיך באַגעגענען?..

באַגינען בין איך אײַנגעשלאָפן מיט אַן אומרויִקן שלאָף און מיר האָט זיך געחלומט, אַז װיטאַליס איז מײַן פֿאָטער, פֿרוי באַרבערען — מײַן מוטער, מאַטיאָ און פֿעטער אַקענס קינדער — מײַנע ברידער און שװעסטער.

אין דער פֿרי האָב איך געזאָגט מאַטיאָן, אַז מיר מוזן גײן קײן פּאַריז. מוטער באַרבערען האָט זיך ניט געװאָלט אַזוי גיך צעשײדן מיט מיר, אָבער זי האָט מיך געלאָזט.

— גײ, מײַן קינד, זוך אויף באַרבערענען אין פּאַריז און ער װעט דיך צונויפֿברענגען מיט דײַנע עלטערן.

מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט און זיך געלאָזן אין װעג אַרײַן.

מאַטיאָ איז די גאַנצע צײַט געװען זײער אומעטיק. מיך האָט דאָס געװוּנדערט, און איך האָב אים געפֿרעגט:

— מאַטיאָ, פֿאַר װאָס ביסטו אַזוי טרויעריק? דו ביסט דאָך מײַן ברודער. מײַנע עלטערן װעלן דאָך זײַן צו דיר װי צו אַן אײגענעם זון. שטעל זיך פֿאָר, אַז איך קום מיט דיר קײן איטאַליע צו דײַן מוטער און דײַן שװעסטער — ניט שוין װשע װעלן זײ מיך ניט צונעמען װי אַן אײגענעם?

אויף דעם האָט מיר מאַטיאָ געענטפֿערט מיט אַ טרויעריקן שמײכל:

— מײַן מוטער איז אַן אָרעמע אַלמנה. זי װעט זיך דערפֿרײען מיט אונדז בײדן און װעט געפֿינען פֿאַר דיר אַן אָרט אין איר ענגן הײַזל װי פֿאַר מיר. אָבער דײַנע עלטערן מוזן זײַן

רײַכע מענטשן. מוטער באַרבערען דערציילט דאָך, אַז ווען מע האָט זיך געפּונען, בּיסטו געווען אָנגעטאָן זייער רײַך און שיין. רײַכע מענטשן וועלן זײַן אומצופרידן, וואָס דו חבֿרסט זיך מיט אַ גאַסנשפּילערל. זיי וועלן דיך אָפּגעבּן לערנען אין אַ שול און געפינען פאַר דיר אַנדערע חברים.

איך האָב זיך באַליידיקט פאַר מײַנע עלטערן.

—ניין, דאָס קען ניט זײַן. מײַנע עלטערן וועלן געוויס מיר ניט וועלן אָנטאָן אַזאַ ווייטאָק און מיך ניט צעשיידן מיט מײַן טײַערן חבר מאַטיאָ.

מאַטיאָ האָט מער ניט גערעדט וועגן דעם, אָבער פריילעכער איז ער ניט געוואָרן.

גיין צוריק קיין פאַריז איז ניט געווען אַזוי גרינג.

מיר האָבן דאָך ניט געהאַט קיין געלט. מע האָט געמוזט זוכן גרויסע דערפער און שטעטלעך, זיך אָפּשטעלן דאָרט און געבּן פאָרשטעלונגען. איך האָב געוואָלט, מיר זאָלן זוכן צו פאַרדינען מער נישט ווי אויף בּרויט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז אין פאַריז וועלן מיר גלײַך געפינען מײַנע עלטערן, און דאַן וועט אונדז שוין קיין זאַך ניט פעלן. נאָך מער, איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז מײַנע עלטערן וועלן אויסצאָלן פעטער אַקענס חובות, בּאַפרײַען אים פון טורמע, העלפן אים אָפּנעמען זײַנע קינדער, און ס'וועלן זיך ווידער אָנהייבּן גליקלעכע טעג פאַר זיי. מאַטיאָ וועט לעבּן מיט מיר, און מוטער בּאַרבּערען אויך, אויבּ זי וועט נאָר לעבּן.

אַזוי האָב איך געחלומט וועגן מײַנע עלטערן.

איך האָב געפילט, אַז מאַטיאָ גלויבּט ניט אין מײַנע חלומות. ער האָט געטײַנט, אַז מע מוז פאַרדינען מער געלט. מע טאָר ניט קומען קיין פאַריז מיט ליידיקע קעשענעס. עס קאָן דאָך פּאַסירן, אַז מיר וועלן בּאַרבּערענען אַזוי גיך ניט געפינען.

מיטן שׂכל האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מאַטיאָ איז גערעכט. אָבער מײַן האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַן איבעריקע פאָרזיכטיקייט. מע דאַרף ניט זײַן צו לאַנג אין וועג, מע מוז גיין וואָס גיכער אין דער ריכטונג צו פאַריז.

אויפן וועג האָב איך זיך געוואָלט אָפּשטעלן בּײַ פעטער אַקענס אַ בּרודער, וואָס האָט צוגענומען צו זיך ליזען. ער האָט

געהוינט אויפֿן ברעג פֿון אַ קאַנאַל און איז געװען דער װעכטער פֿון דעם שליוז *).

ליזען האָב איך געװאָלט ברענגען אַ ליאַלקע. צום גליק איז דאָס געװען ניט אַזאַ טײַערע מתּנה װי אַ קו. און מיר האָבן גרינג אײַנגעקליבן די סומע, װאָס די ליאַלקע האָט געקאָסט. אויסער דעם האָט נאָך מאַטיאַ אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט, מיר זאָלן האָבן מיט װאָס צו לעבן די ערשטע טעג אין פּאַריז.

דעם װעכטערס הײַזל אויפֿן ברעג פֿון קאַנאַל האָבן מיר דערזען פֿון װײַטן. ס'איז שוין געװען פֿאַר נאַכט. דורכן פֿענצטער האָט זיך געזען, װי עס ברענט זיך אין אויװן אַ פֿרײלעך פֿײַערל. ליזע איז געזעסן מיטן פֿעטער און דער מומען בײַם טיש. זיי האָבן געגעסן אָװנטברויט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַם פֿענצטער. און איך האָב אָנגעהויבן צו זינגען מײַן נעאַפּאָליטאַניש ליד און באַגלייטן עס אויף דער האַרפֿע.

ליזע האָט אַװעקגעלייגט איר לעפֿל און זיך גענומען צוהערן. מיט אַ מאָל האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט, און אין אַ מינוט אַרום האָב איך זי שוין געהאַלטן אין מײַנע אָרעמס. מע האָט אונדז אַרײַנגעבעטן אין שטוב.

װען מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש, האָב איך געזאָגט:

— זײַט אַזוי גוט און דערלויבט אונדז אַװעקצוזעצן בײַם טיש אונדזערע אַ קלײנע חבֿרטע.

בײַ די װערטער האָב איך אַרויסגענומען פֿון אונדזער זאַק די ליאַלקע און זי אַװעקגעזעצט לעבן ליזען.

איך האָב געהאַט אַזוי פֿיל צו דערצײלן ליזען. אָבער מע האָט געמוזט גײן װײַטער — אויסזוכן באַרבערינען אין פּאַריז און װאָס גיכער געפֿינען מײַנע עלטערן.

װאָס נענטער מיר זײַנען געקומען צו פּאַריז, אַלץ אומעטיקער איז מאַטיאַ געװאָרן. איך האָב בײַ אים קײן זאַך ניט געפֿרעגט. ער האָט מיר געזאָגט:

— איך ציטער. אַז גאַראָפּאָלי איז שוין אָפּגעקומען זײַן שטראָף. אויב ער טרעפֿט מיך אָן אין פּאַריז, װעל איך שוין אַזוי גיך ניט קענען זיך אַרויסרײַסן פֿון זײַנע הענט.

---

*) אַ טויער; נאָ, װאָס מע צאַמט אָפּ מיט אים דאָס װאַסער אין קאַנאַל.

דעריבער איז בײַ אונדז געבליבן, אַז מאַטיאַ וועט וואַרטן און איך וועל אַליין אַרײַנגיין אין הויף, וווּ גאַראַפּאַלי האָט געוווינט, און איך וועל זיך דערוויסן, וווּ ער איז.

אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז גאַראַפּאַלי איז פֿאַרמישפּט אויף דרײַ יאָר.

אַ שטיין איז אונדז בײַדן אַראָפּגעפֿאַלן פֿון האַרצן. איצט האָבן מיר זיך בײַדע גענומען זוכן באַרבערענען. דאָס איז געווען ניט גרינג, ווײַל קיין פּינקטלעכן אַדרעס האָבן מיר ניט געהאַט.

די פֿאַמיליע דרעסקאַל

מאַטיאַ איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געפֿאָדערט, מיר זאָלן פֿריִער עפּעס פֿאַרדינען און ניט גיין קיין פּאַריז מיט ליידיקע הענט. אין איין אַכסאַניע, וווּ איך האָב זיך נאָכגעפֿרעגט אויף באַרבערענען, האָט מען מיר געזאָגט, אַז ער איז שוין דאָ לאַנג ניט געווען. זיי ווייסן ניט, וווּ ער קען זײַן.

דאַן האָבן מיר אים גענומען זוכן אין די קליינע שענקלעך, וווּ עס קומען עסן בוי־אַרבעטער. אין איין שענקל אַזאַ האָט מען אונדז געזאָגט, אַז מיט דרײַ וואָכן צוריק האָט ער נאָך געוווינט אין האָטעל קאַנטאַל.

מיר זײַנען אַוועק אַהין. דאָס וואָרט האָטעל האָט זיך קוים געפּאַסט צו דער סטאַנציע, וווּ מיר האָבן אים געהאָפֿט צו געפֿינען. דאָס איז געווען אַן אָרעם און שמוציק ווינקל. די באַלע־באָסטע, אַן אַלטע פֿרוי, איז געווען האַלב טויב. איך האָב איר לאַנג געמוזט שרײַען אין אויער, ביז וואַנען זי האָט פֿאַרשטאַנען, וועמען איך דאַרף. ווען זי האָט סוף־כּל־כּוף דערהערט דעם נאָמען באַרבערען, האָט זי מיט אַ מאָל גענומען ברעכן די הענט.

— איר זײַט דאָס דער ייִנגל, וואָס ער האָט אים געזוכט? אוי, וויי געשריִען! ער איז דאָך געשטאָרבן, דער באַרבערען, מיט אַ וואָך צוריק אין שפּיטאָל פֿון סענט־אַנטואַן!

איך האָב זיך געמוזט אָנשפּאַרן אויף מײַן האַרפּע, איך זאָל ניט אַנידערפֿאַלן.

די אַלטע האָט נאָר געחוּשט, אַז ער האָט מיך געזוכט, כּדי אוועקצופֿירן צו מײַנע עלטערן. אָבער ווער זײַנען זיי געווען און וווּ זיי האָבן געוווינט, דאָס האָט זי ניט געוווּסט.

אין שפּיטאָל סענט-אַנטואַן האָבן מיר זיך אויך גאָר ווייניק דערוווּסט.

באַרבערענס באַלעבאָסטע האָט אונדז צוגערעדט, מיר זאָלן דערווײַלע בלײַבן בײַ איר. ווען מײַנע עלטערן וועלן זיך דערוויסן, אַז באַרבערען איז געשטאָרבן, וועלן זיי דאָך קומען אויף זײַן סטאַנציע. זיי מוזן דאָך וויסן, וווּ ער האָט געוווינט, און דאָן וועלן זיי מיך געפֿינען. זי וועט פֿאַר דער סטאַנציע נעמען בײַ אונדז גאָר ווייניק.

די עצה איז געווען אַ ריכטיקע, און מיר זײַנען געבליבן.

אַ גליק, וואָס מאַטיאַ האָט מיך ניט געפֿאָלגט און וואָס מיר האָבן אונטערוועגנס אַ ביסל פֿאַרדינט. ווער ווייס, ווען איך וועל נאָך געפֿינען מײַנע עלטערן? און אין פּאַריז איז אַזוי שווער צו פֿאַרדינען. קנאַפּ זינגער און שפּילער זײַנען דאָ פֿאַראַן אויף די גאַסן!

וואָס טוט מען פֿאָרט? בײַ מיר איז געבליבן, אַז איך מוז אָנשרײַבן דער מוטער באַרבערען. ווי טוט מען איר אָן אַזאַ צער? איך מוז דאָך איר אָבער אָנשרײַבן, אַז באַרבערען איז געשטאָרבן. פֿאַר מיר איז ער געווען אַ בייזער שטיפֿפֿאָטער, אָבער זי האָט דאָך מיט אים אָפּגעלעבט אַזוי פֿיל יאָרן און האָט דאָך געזען פֿון אים גוטס אויך.

איך האָב קיין אַנדער עצה ניט, איך מוז איר שרײַבן. אפֿשר וועלן מײַנע עלטערן מיך זוכן בײַ איר?

איך האָב פֿאַרבראַכט עטלעכע טעג אין גרויס אומגעדולד און שרעק, ביז וואַנען איך האָב זיך דערוואַרט אויף מוטער באַרבערענס ענטפֿער. אַליין האָט זי שרײַבן ניט געקענט. געשריבן האָט פֿאַר איר דער גלח פֿון שאַוואַנאַן. זי האָט שוין געוווּסט פֿון איר מאַנס טויט און האָט מיר צוגעשיקט דעם בריוו, וואָס ער האָט איר אָנגעשריבן פֿאַרן טויט. פֿון דעם בריוו האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ווען מיר דאַרף מען זיך

װענדן צו אַ געהײסן אַדװאָקאַט אין לאָנדאָן. דורך אים זוכן מײַנע עלטערן. אין בריװ איז געװען דער אַדרעס פֿון דעם אַדװאָקאַט. פֿון אױפֿרעגונג האָב איך ניט געקענט איבערלײענען די לעצטע װערטער. מאַטיאַ האָט דאָס געטאָן פֿאַר מיר.

— דײַנע עלטערן מוזן זײַן ענגלענדער. מיר מוזן פֿאָרן קײן לאָנדאָן—האָט ער געזאָגט.

— פֿאַר װאָס זאָלן מיר פֿאָרן קײן לאָנדאָן? — האָב איך געפֿרעגט—מיר קענען דאָך אָנשרײַבן, װעלן זײ אונדז אָפּנעמען.

— דיך װעלן זײ טאַקע אָפּנעמען, אָבער מיך װעלן זײ דאָ איבערלאָזן. אױב מיר װעלן בײדע קומען קײן לאָנדאָן, װעלן זײ מיך ניט איבערלאָזן אַלײן אין דער גרױסער פֿרעמדער שטאָט.

איך האָב זיך באַלײדיקט פֿאַר מײַנע עלטערן. װי קען מען דאָס גאָר טראַכטן װעגן זײ, אַז זײ װעלן ניט צונעמען מאַטיאָן, מײַן געטרײַען פֿרײַנד, מײַן טײַערן ברודער אין נױט און אומגליק?

דאָך איז געבליבן צו טאָן אַזױ, װי מאַטיאַ האָט פֿאָרגעלײגט.

אין בולאָן האָבן מיר זיך געזעצט אױף דער שיף.

דער הימל איז געװען גרױ, און דער ים האָט געשטורעמט.

מאַטיאַ האָט נעבעך זײער געליטן פֿון ים־קראַנקײט. די שיף האָט זיך געשאָקלט גאָר שטאַרק. מיך האָט דאָס ניט געאַרט.

פֿון ים זײַנען מיר אַרײַנגעפֿאָרן אין אַ ברײטן טײַך.

דאָס איז געװען די טעמזע. אָ, װיפֿל שיפֿן דאָ זײַנען געװען! אַ גאַנצער װאַלד מאַסטבײמער.

איך האָב גערופֿן מאַטיאָן אױפֿן דעק, אָבער ער איז געװען אַזױ אױסגעמאַטערט פֿון דער ים־קראַנקײט, אַז אים האָט זיך געװאָלט נאָר ליגן.

אַראָפּ פֿון שיף, האָבן מיר זיך גלײַך געלאָזן זוכן דעם אַדװאָקאַט. מאַטיאַ האָט געװוּסט עטלעכע ענגלישע װערטער, און דאָס האָט אונדז זײער געהאָלפֿן.

דער אַדװאָקאַט און זײַן שרײַבער זײַנען געזעסן אין אַן ענגן צימער. אױפֿן טיש און אױף פּאָליצעס זײַנען געלעגן ביכער. ער האָט זיך זײער פֿאַרװוּנדערט, װען מיר זײַנען אַרײַן. ער האָט מיך גוט אױסגעפֿרעגט, האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט מאַטיאָן אױך און צו מיר געזאָגט:

„באַלד װעט מען אײַך אָפּפירן צו אַנדערע עלטערן. אײַער פֿאָטערס נאָמען איז דרעסקאָל״.

זײַן שרײַבער האָט אונדז אַרײַנגעזעצט אין אַ װאָגן, האָט עפּעס געזאָגט דעם פֿורמאַן און מיר זײַנען אַװעקגעפֿאָרן.

עס איז נאָך ניט געװען שפּעט, אָבער אַ נעפּל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף לאָנדאָן און ס׳איז געװאָרן גאָר פֿינצטער. מע האָט אפֿילו אָנגעצונדן גאַס־לאַמטערנעס.

מיר זײַנען געפֿאָרן זייער לאַנג איבער גאַסן און שמאָלע געסלעך. אונדזער באַגלײטער האָט זיך עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט, אָבער דאָס איז נאָך ניט געװען מײַן היים. דאָס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן שענקען און געמאַכט אַ טרונק.

מײַן אומגעדולד איז גאָר ניט צו באַשרײַבן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז צו אונדזער פֿאָרן װעט גאָר ניט נעמען קיין סוף.

אָפּגעשטעלט האָבן מיר זיך אויף אַ גרויסן שמוציקן הויף. אונדזער באַגלײטער האָט אַ שטופּ געטאָן אַ ברייטע טיר און אונדז אַרײַנגעשטופּט אין אַ גרויסן צימער, װאָס האָט אויסגעזען װי אַ שײַער. דער שײַער איז געװען באַלויכטן דורך אַ לאָמפּ און דורך אַ פֿײַער, װאָס האָט זיך געברענט אין אויװן. אַנטקעגן פֿײַער איז געזעסן אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער װײַסער באָרד. בײַם טיש זײַנען געזעסן איינער אַנטקעגן דער אַנדערער אַ מאַן פֿון אַ יאָר פֿערציק און אַ פֿרוי פֿון אַ יאָר פֿינף און דרײַסיק. דעם מאַנס פּנים האָט געהאַט אַ קלוגן, אָבער האַרטן אויסזען. די פֿרוי איז געװען אַ בלאָנדע. איר בליק איז געװען גלײַכגילטיק. עס האָט זיך געדוכט, אַז זי זעט קיינעם ניט אַרום זיך און אַז איר אַרט קיין זאַך ניט אויף דער װעלט.

דאָ זײַנען געװען נאָך פֿיר קינדער, צװיי ייִנגלעך און צװיי מיידלעך. דער עלטסטער ייִנגל האָט געמוזט זײַן אַלט אַ יאָר עלף, דאָס ייִנגסטע מיידעלע — אַ יאָר דרײַ.

אַלע, אויסער דער מוטער און דעם אַלטן, האָבן אויסגעשטעלט די אויגן אויף אונדז.

אונדזער באַגלײטער האָט געזאָגט צו מיר:

— קום אַהער, מײַן קינד, נעם אַרום דײַן פֿאָטערן

איך האָב אים אַרומגענומען. אָבער איך האָב דערפֿילט

אַ מאָדנע קעלט אין זײַן קוש. נאָך קעלטער האָט מיך באַגעגנט די פרוי, וואָס איז געווען מײַן מוטער.

מײַנע ברידער און שוועסטער האָבן זיך פאַרקרימט, ווען איך בין צו זיי צוגעגאַנגען.

ניט אַזוי האָב איך זיך פאַרגעשטעלט די באַגעגעניש פון מײַנע עלטערן מיט זייער פאַרלאָרענעם זון. אַ צעטומלטער און פאַרלאָרענער, האָב איך מורא געהאַט אויפצוהייבן די אויגן אויף מאַטיאַן. מע האָט אונדז געגעבן עסן, און מײַן פאָטער האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי מע האָט מיך צוגעגנבעט, ווען איך בין געווען אַ האַלב יאָר אַלט, און ווי אַזוי ער האָט מיך געזוכט די אַלע יאָרן. ער איז אַ הענדלער. ער האָט אָבער ניט קיין אָפענעם געשעפט. ער האָט אַ גרויסע בויד און פירט אין איר פונאַנדער סחורה אויף יאַרמעריק און איבער דערפער. אין האַרבסט, ווען די וועגן ווערן שלעכט, שטעלט ער זיך אָפּ אין לאָנדאָן.

נאָכן נאַכטעסן האָט מען מיך און מאַטיאַן געלייגט שלאָפן אין בויד. איך האָב אָבער לאַנג ניט געקענט אײַנשלאָפן.

ניט אַזוי האָב איך זיך פאַרגעשטעלט מײַנע עלטערן.

דער שווינדל דעקט זיך אויף

מײַנע עלטערן האָבן קיין זאַך ניט געהאַט קעגן דעם, מאַטיאַ און קאַפּי זאָלן בלײַבן מיט מיר. און ניט פון גוטסקייט. זיי האָבן אונדז אויסגעפרעגט, ווי אַזוי מיר פלעגן פאַרדינען אין פראַנקרייך, און זיי האָבן אונדז ניט לאַנג געהאַלטן פאַר געסט. גאָר אין גיכן האָט מען אונדז ביידן מיט קאַפּין אַרויסגעשיקט פאַרדינען אויף די גאַסן פון לאָנדאָן.

מיר זײַנען געווען צופרידן, ווײַל מיר האָבן געזען גאָר קנאַפּ וואַרעמקייט אין אונדזער נײַער היים. מיר האָבן זיך געפרייט, וואָס מע לאָזט אונדז פרײַ.

מאַטיאַ האָט פון דער ערשטער נאַכט אָן ניט אויפגעהערט צו פאַרזיכערן מיך, אַז דריסקאָל איז נישט מײַן פאָטער. ער פילט, אַז דאָס קען ניט זײַן. ניטאָ קיין טראָפּן ענלעכקייט ניט מיטן

פאָטער און ניט מיט דער מוטער. עס איז פאָרגעקומען א פעלער, און אפשר גאָר א גרויסער שווינדל.

איך האָב געהאַט פאַראיבל אויף מאַטיאַן. ווי אזוי קען ער אזוי ריידן וועגן מײַנע עלטערן?

צו מײַן גרעסטן ווײטאָק האָט זיך גאָר אין גיכן ארויסגעוויזן, אז מאַטיאַ איז געווען גערעכט. איין מאָל אין א פינצטערער נאַכט, ווען מיר האָבן בײדע ניט געקענט שלאָפן, האָבן מיר אונטערגעהערט א געשפּרעך, וואָס האָט אונדז באַוויזן, אז די, וואָס האָבן זיך גערופן מײַנע עלטערן, זײַנען געווען גאָר ניט קיין ערלעכע מענטשן. איך האָב נאָך אלץ ניט געוואָלט גלויבן, נאָר איין מאָל בײַ נאַכט האָב איך אליין געזען, ווי צו מײַן פאָטער האָט מען געבראַכט געגנבעטע סחורה.

— מיר מוזן אנטלויפן! — האָט זיך געבעטן מאַטיאַ — דערנאָך וועט שוין זײַן שפּעט, און ס'וועט נאָך געשען אן אומגליק.

— וווּהין זאָלן מיר לויפן?

— קיין פראַנקרייך — האָט מאַטיאַ געענטפערט.

איך האָב זיך אלץ ניט געקענט באַשליסן. איין מאָל, ווען מאַטיאַ איז געווען פאַרקילט און האָט ניט געקענט גיין מיט מיר שפּילן, האָט פּאַסירט אזוינס: צו מײַן פאָטער איז געקומען זײַער אן עלעגאַנטער הער און האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף מיר.

— וואָס פעלט אים? — האָט געזאָגט דרעסקאָל: — זיך ארומגעוואַלגערט, זיך אנגעליטן הונגער און קעלט און איז אויסגעוואַקסן אזא שטאַרקער, אזא געזונטער.

— דערפאַר איז זײַן יינגערער ברודער אזוי ווי א שאָטן, ווען ניט זײַן מאמע, וואָס היט אים אָפּ ווי די אויגן אין קאָפּ, וואָלט ער שוין לאַנג אויסגעהויכט די נשמה. ווי לאַנג די יינגלעך לעבן, בין איך ניט זיכער, אז די גרויסע ירושה פון מײַן ברודער וועט בלײַבן פאַר מיר. וואָס די מאמע זײַנע זאָל ניט טאָן פאַר אים, וועט איר קראַנקער זונדל לאַנג ניט ציִען; און דער עלטערער געפינט זיך אין אַנדערע הענט. זעט, דרעסקאָל, ער זאָל מיר ניט שטיין אין וועג. איך וועל קיין געלט ניט זשאַלעווען.

— זײַט רויק, מיסטער מיליגאַן — האָט דרעסקאָל געענטפערט — איר קענט זיך אויף מיר פאַרלאָזן.

װען איך בין געקומען פאר נאכט אהיים, האָב איך נאָך מאַטיאַס מינע פארשטאַנען, אז ס'האָט עפּעס געטראָפן. איך האָב זיך קוים דערװאַרט, מיר זאָלן זיך לייגן שלאָפן אין בױד. מאַטיאַ האָט מיר אַלץ דערציילט:

— דו װײסט, איך האָב געפילט, אז דאָ מוז זײַן אַ שװינדל. לאָמיר װאָס גיכער אַנטלױפן קיין פראַנקרייך. מיר מוזן געפינען די פרוי מיליגאַן. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אז זי איז דײַן מוטער, און אַרטור איז דײַן ברודער. דער עלעגאַנטער הער, װאָס האָט זיך דאָ נאָכגעפרעגט אויף דיר, מוז זײַן דײַן געשטאָרבענעם פאָטערס ברודער. ער מוז דאָס זײַן דער, װאָס האָט אונטערגעשיקט אַ מענטשן, מע זאָל דיך אַרױסגנבענען, װען דײַן מוטער איז געװען קראַנק און דער פאָטער האָט געהאַלטן בײַם שטאַרבן. איצט האָט ער אונטערגעקױפט דרעסקאָלן, ער זאָל זיך אַרױסגעבן פאַר דײַן פאָטער.

— צו װאָס האָט ער דאָס געדאַרפט? — האָב איך געפרעגט מאַטיאַן.

— איך האָב דאָס פאַרשטאַנען פון זײַן געשפּרעך מיט דרעסקאָלן: דײַן פאָטער איז געװען זײער אַ רײַכער מאַן. נאָך זײַן טױט גײען אַריבער אַלע זײַנע רײַכטימער צו זײַנע קינדער. אױב קיין קינדער בלײַבן ניט, גײט דאָס אַריבער צום פאָטערס ברודער. אַרטור איז אַ קראַנקער. דײַן פעטער האָפט, אז ער װעט שטאַרבן, און דיך האָט ער אַװעקגעגעבן דרעסקאָלן. דו זאָלסט זיך קײן מאָל ניט דערװיסן, װער דײַן אמתער פאָטער איז געװען.

— װאָס זאָלן מיר איצט טאָן? — האָב איך אױסגעשריִען.

— מיר מוזן אַנטלױפן צוריק קיין פראַנקרייך. דאָרטן, נאָר דאָרטן װעלן מיר געפינען דײַן מוטער. זי פאַרשטײט, אז איר שװאָגער מיליגאַן װאַרט אױפן טױט פון איר געליבטן זון. דערפאַר װיל זי זיך ניט אומקערן קיין ענגלאַנד.

איך װײס ניט, צי אונדז װאָלט זיך אײַנגעגעבן צו אַנטלױפן, װען אונדז װאָלט ניט געהאָלפן באָב. איר געדענקט דאָך, אז מאַטיאַ האָט געדינט אין אַ צירק. דאָרטן האָט אויך געדינט באָב. דאָס איז געװען אַ גרױסער, אַ שטאַרקער נעגער. איך

צירק איז ער געווען אַ קלאָון. דאָס פובליקום האָט אים זייער ליב געהאַט. און דער באַלעבאָס פון צירק פלעגט צוליב אים גוט פאַרדינען. באַבע האָט אָבער דערעסן צו דינען בײַ יענעם. ער האָט אויפגעזוכט עטלעכע חברים און האָט צוזאַמענגע־שטעלט אַן אייגענע טרופע. מיט דער טרופע איז ער דאָס אַראָפגעקומען קיין לאָנדאָן.

מיך מיט מאַטיאָן האָט ער איין מאָל אָנגעטראָפן, ווען מיר האָבן געשפילט און געזונגען אויף דער גאַס. באַב האָט גלײַך דערקענט מאַטיאָן און זיך זייער דערפרייט מיט אים. פון דעם מאָל אָן פלעגן מיר זיך טרעפן און עטלעכע מאָל האָבן מיר אַפילו געשפילט אויף די פאָרשטעלונגען פון באַבס טרופע.

באַב האָט געהאַט אַ גוטן פרײַנד, אַ קאַפּיטאַן פון אַ קליי־נער שיף, וואָס פלעגט פירן קוילן פון ענגלאַנד קיין פראַנקרײַך.

אין אַ רעגנדיקן טאָג האָבן מיר זיך ניט אומגעקערט אַהיים פון גאַס. באַב האָט געדונגען אַ פור, האָט אונדז מיט קאַפּין צו־געפירט צום האַוון, ווו ס׳האָט שוין אויף אונדז געוואַרט די קוילנשיף.

מיר האָבן מורא געהאַט, מע זאָל זיך ניט יאָגן נאָך אונדז. האָט אונדז דער קאַפּיטאַן פאַרמאַכט אין אַן ענגער אונטערשטער קאַיוטע, ווו מיר זײַנען אָפּגעלעגן ביז האַלבער נאַכט, ווען די שיף איז אַרויס אין ים.

מאַטיאָ האָט נעבעך ווידער שטאַרק געליטן פון דער ים־קראַנקייט, אָבער ער האָט געשמייכלט צו מיר און מיך גע־טרייסט:

עס לוינט אַלץ, אַבי זיך אַרויסראַטעווען פון דײַנע פאַלשע עלטערן, די גנבֿים.

טײַערער מאַטיאָ, וואָס וואָלט געווען מיט מיר, ווען איך באַב אים ניט!

מיר זוכן דעם „שװאַן“

אונדזער שיף איז צוגעשטאַנען צום ברעג פון פראַנק־רײך פאַר נאַכט, און דער גוטער קאַפּיטאַן האָט אונדז דערלויבט איבערצונעכטיקן אין דער קאַיוטע.

אין דער פרי האָבן מיר אים גאָר האַרציק באַדאַנקט פאַר זײַן גוטסקײַט און מיר זײַנען אַראָפּ פון דער שיף.

— אָבער װוּהין גײן?

— מיר איז אַלץ אײנס! — האָט געזאָגט מאַטיאַ: — מיר קענען גײן, אין װאָס פאַר אַ ריכטונג דו װילסט. אײן זאַך נאָר װאָלט זיך מיר װעלן — מיר מוזן אויסקלײַבן אַ װעג, װאָס גײט מיטן ברעג פון אַ טײַך אָדער פון אַ קאַנאַל.

— פאַר װאָס אַזוי? — האָב איך געפרעגט.

— נאָר אַזוי װעלן מיר געפינען פרוי מיליגאַן און איר זון — האָט מאַטיאַ געענטפערט — איך מײן, אַז זי פאָרט נאָך אַלץ אַרום מיט איר קראַנקן זון אויף זײער שיף „דער שװאַן“.

ס'איז געבליבן, אַז מיר שטעלן זיך אָפּ אין אַלע שטעט, װוּ ס'איז נאָר דאָ אַ טײַך, און פרעגן זיך נאָך, צי מע האָט ניט געזען אַ שיף, װאָס הײסט „שװאַן“.

מיר זײַנען אַזוי דורכגעגאַנגען פיל שטעט און דערפער. געגאַנגען זײַנען מיר מיטן ברעג פונעם טײַך סען. מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט בײַ פישער, בײַ מאַטראָסן, בײַ אַרבעטער, װאָס לאָדן אויס שיפן.

קײנער האָט אַזאַ שיף װי „דער שװאַן“ ניט געזען.

פינף װאָכן האָבן מיר אַזוי געװאַנדערט. אונטערװעגנס האָבן מיר אויך געזונגען און געשפּילט און פאַרדינט אַ ביסל געלט.

מיר זײַנען אָנגעקומען אין אַ געגנט, װאָס הײסט שאַרענטאָן. דאָ האָט מען אונדז צום ערשטן מאָל געזאָגט, אַז מיט צװײ מאָנאַטן צוריק איז דורכגעשװוּמען אַ שיף, װאָס איז געװען ענלעך צום „שװאַן“. מיר האָבן זיך דאָס דערװוּסט פון אַן אַלטן מאַטראָס.

אונדזער פרייד איז געווען גאָר גרויס. שוין צוויי מאָנאַטן, ווי די שיף איז דורכגעשוווּמען. ווי ווײַט זי מוז שוין זײַן פֿון דאַנען, און ווער ווייס, צי זי שווימט נאָך אַלץ מיטן סען?.. אפשר האָט זי זיך פֿאַרקירעוועט אין אַן אַנדער טײַך, וואָס פֿאַלט אַרײַן אין סען?

באַלד זײַנען מיר געקומען קיין מאָנטעראָ. דאָ האָט מען אונדז שוין אַלץ באַשטימט געזאָגט, אַז דאָ איז געווען אַ שיף, און אויף איר — אַן ענגלישע דאַמע מיט אַ קראַנקן ייִנגל.

די ערד האָט געברענט אונטער אונדזערע פֿיס. אַזוי האָבן מיר זיך געאײַלט צו דעריאָגן די שיף. מיר האָבן זיך אַלץ זעלטענער אָפּגעשטעלט צו געבן פֿאָרשטעלונגען, און פֿון דעם ביסל געלט, וואָס מיר האָבן געהאַט, איז שוין געבליבן גאָר ווייניק.

מיר האָבן צוגעהונגערט און זײַנען מוטיק געגאַנגען פֿאָרויס.

מיר זײַנען געקומען קיין דרעזי. דאָ האָט געוווינט ליזעס פֿעטער. ער איז געווען דער וועכטער פֿונעם קאַנאַל. דער שוואַן איז דאָך געווים דורכגעגאַנגען דעם קאַנאַל. דאָ וועלן מיר זיך וועגן אַלץ דערוויסן. און סאַר אַ פֿרייד צו זען ליזען!

מיט אַ ציטערדיקן האַרצן זײַנען מיר צוגעגאַנגען צום וועכטערס שטיבל. אונדז האָבן באַגעגנט גאָר פֿרעמדע מענטשן. אין שטיבל איז געווען אַ נײַער וועכטער. ליזעס פֿעטער איז לענגער אַרײַנגעפֿאַלן אין קאַנאַל און איז דערטרונקען געוואָרן. די מומע קאַטערינע איז אַנגעקומען פֿאַר אַ ניאַניע צו רײַכע מענטשן און איז מיט זיי אַוועקגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד.

— און וווּ איז ליזע? — האָב איך אויסגעשריגן מיט שרעק.

— אָ, ליזען איז גוט! — האָט מיך באַרויִקט דעם נײַעם וועכטערס פֿרוי — גלײַך נאָך דעם, ווי ס'האָט פּאַסירט דער אומגליק מיט ליזעס פֿעטער, איז דורכן קאַנאַל דורכגעשווּמען אַ שיף. אויף איר איז געווען אַן ענגלישע דאַמע מיט אַ ייִנגל. אַזוי ווי די שיף איז געשטאַנען ניט ווײַט פֿונעם הײַזל, האָט זיך די דאַמע דערוווּסט, וואָס ס'איז געשען. האָט זי ליזען מיטגענומען אויף איר שיף. פֿאַרן אַוועקפֿאָרן האָט ליזע געגעבן צו פֿאַרשטיין מיט צייכנס, אַז זי וועט שרײַבן אַהער צום נײַעם וועכטער. זי ווייס, ליזע, אַז רעמי וועט קומען אַהער, ווײַל זי,

מע זאָל אים זאָגן, ווו זי וועט זײַן. דערווײַלע איז נאָך אָבער קיין בירור פון ליזען ניט געווען.

דעם וועכטערס פרוי מיינט, אַז די שיף „שוואַן" איז איצט ערגעץ אין דרום פראַנקרײַך און אפשר גאָר אין דער שווייץ.

די גוטע וועכטערין האָט נאָך צוגעגעבן:

— ליזע איז נאָך אַלץ שטום, נעבעך, אָבער די דאָקטוירים גיבן גוטע האָפענונגען. זיי מיינען, אַז זי וועט נאָך אַ מאָל ווידער אָנהייבן ריידן, ווײַל זי הערט זייער גוט.

אַלץ, וואָס איך האָב געהערט פון דער וועכטערין, האָט מיך אַזוי איבערראַשט, אַז איך בין געבליבן שטיין אַ צעטומלטער.

מאַטיאַ האָט מיך אָבער אַ שטויס געטאָן און געזאָגט:

— שטיי ניט, רעמי, מיר מוזן זיך אײַלן. פאָרויס! מע טאָר קיין צײַט ניט פאַרלירן. מיר מוזן דעריאָגן דעם „שוואַן" און געפינען די פרוי מיליגאַן, אַרטורן און ליזען!

מיר האָבן זיך צעשיידט מיט דער וועכטערין און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

איך געפין מײַן מוטער

מיר גייען אַלץ פאָרויס. מיר פאַרלירן ניט קיין איין מינוט. מיר קומען קיין ליאָן. די שטאָט איז אַזוי גרויס. אויפן טײַך זײַנען דאָ אַזוי פיל שיפן. אָבער „דער שוואַן" איז צווישן זיי ניטאָ. ווו קען ער זײַן? ווידער פרעגן מיר אויס מאַטראָסן און שיפלײַט.

— „דער שוואַן" איז דאָ געווען, אָבער קיינער ווייס ניט, וווּ די שיף איז איצט.

פרוי מיליגאַן מוז זײַן אין דער שווייץ. אויף דער קאַרטע זעען מיר, אַז דער טײַך ראָנע קומט פון דער שווייץ. צי איז דאָס ניט „דער שוואַן" און צי שווימט ער ניט ביז דער זשענעווער אָזערע, וואָס איז אין דער שווייץ? איך האָב דאַן ניט געוווּסט, אַז מע קען ניט פאָרן מיטן טײַך ראָנע ביז דער אָזערע, ווײַל ער איז צו שטראָמיק.

מיר קומען קײן סעסעל. װאָס איז אויפֿן ברעג פֿון דער ראָנע. מיר גלויבן ניט אונדזערע אויגן: פֿון װײַטן זעען מיר אַ שיף, װאָס איז װי צװײ טראָפּנס װאַסער ענלעך צום „שװאַן".

אָבער אויפֿן „שװאַן" איז קײנער ניטאָ. די שיף איז פֿאַראַנקערט. מיר געפֿינען באַלד אַ װעכטער. ער דערצײלט אונדז, אַז די דאַמע פֿון דער שיף איז מיט צװײ קינדער. אַ קראַנקן ייִנגל און אַ שטומער מײדעלע, אַװעקגעפֿאָרן אין דער שװײץ. אין האַרבסט װעלן זײ זיך אומקערן און װעלן מיטן „שװאַן" פֿאָרן קײן דרום פֿראַנקרײַך, װוּ זײ װעלן פֿאַרברענגען דעם װינטער.

די דאַמע דאַרף איצט זײַן ערגעץ אויפֿן ברעג פֿון דער זשענעװער אָזערע אין דער אומגעגנט פֿון דער שטאָט זשענעװע.

מיר לאָזן זיך גײן קײן שװײץ. מיר גײען דורך זשענעװע און קומען קײן װעװיע. דאָ װױנען זײער פֿיל אויסלענדער. אָבער װי אַזוי געפֿינט מען די פֿרוי מיליגאַן?

עס בלײַבט נאָר אײנס: מיר װעלן גײן פֿון גאַס צו גאַס, װעלן זיך אָפּשטעלן זינגען און שפּילן. אפֿשר װעלן מיר אויף אַזאַ אופֿן טרעפֿן די פֿרוי מיליגאַן.

מיר טוען אַזוי. אונדזערע קאָנצערטן האָבן דערפֿאָלג. מיר פֿאַרדינען פֿיל געלט. אָבער װאָס העלפֿט דאָס, װי באַלד מיר געפֿינען ניט אַרטורן און זײַן מוטער!

מיר פֿאַרלאָזן װעװיע און קומען אין אַ שטאָט, װאָס הײסט מאָנטרע.

לױטער סעדער מיט הױכע צױמען. די הײַזער שטײען טיף אין די סעדער. אין די הױפֿן לאָזט מען ניט אַרײַן.

מיר שטעלן זיך אָפּ און שפּילן אין מיטן גאַס. צי װעט מען אונדז דערהערן אין די הײַזער?

אײן מאָל אַ פּאָר נאַכט זינגען מיר אַזױ אויף דער גאַס אַנטקעגן אַ הױכן געמױערטן פֿאַרקאָן פֿון אַ סאָד. איך הײב אָן זינגען מײַן נעאַפּאָליטאַניש ליד. מיט אַ מאָל דערהער איך, װי הינטער דער װאַנט זינגט מיר נאָך אַ שטילע שטים.

װער קען דאָס זײַן? אַרטור? נײן, דאָס איז ניט זײַן שטים. אַפֿילו קאַפּי װערט אומרויִק. ער האָט אויך עפּעס דערשפּירט.

— װער זינגט? דאָס? — שרײַ איך אויס.

— רעמי, דו! — ענטפֿערט מען מיר.

דאָס איז ליזע. זי פּאַכט צו אונדז מיט אַ װײַסן טיכעלע.

ליזע, די שטומע ליזע, רעדט. זי זינגט!! איך בין אַזױ דער־שיטערט, אַז די פיס הײבן זיך אָן צו װאַקלען. איך כאַפּ זיך אָן פאַר די צװײַגן פון אַ בײמל.

— װוּ איז פרוי מיליגאַן און אַרטור? — פרעג איך. אָבער ליזען איז שװער צו רײדן. זי גיט אונדז צו פאַרשטײן מיט די הענט, אַז פרוי מיליגאַן װױנט דאָ אין דעם הויז. אין דער זעל־ביקער רגע באַמערק איך, װי איבערן װעג אין סאָד דערנענטערן זיך צו אונדז דרײַ מענטשן: אַ ייִנגל אין אַ װעגל, אַ דאַמע און אַ הער. דאָס איז אַרטור און זײַן מוטער, און דער הער איז ניט קײן אַנדערער װי אַרטורס פעטער מיליגאַן, װאָס מיר האָבן אים געזען אין ענגלאַנד בײַ מײַנע פאַלשע עלטערן.

איך דערשרעק זיך און גיב מיט אַ צײכן צו פאַרשטײן מאַטיאַן און ליזען, אַז איך מוז זיך באַהאַלטן. הער מיליגאַן טאָר מיך ניט זען.

ס'איז געבליבן, אַז מאַטיאַ װעט אַלײן אַװעקגײן צו דער פרוי מיליגאַן און איר אַלץ דערצײלן.

פרוי מיליגאַן איז געװען קלוג און פאָרזיכטיק. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז הער מיליגאַן קען אָנמאַכן פיל צרות און מיך װידער צעשײדן מיט מײַן אמתער מוטער. זי האָט פאַר מיר און מאַטיאַן באַשטעלט אַ צימער און עסן אין אַ האָטעל און אונדז אָנגעזאָגט, מיר זאָלן זיך װאָס װײניקער באַװײַזן אויף דער גאַס. זי האָט מורא געהאַט, אַז הער מיליגאַן קען מיך אָנטרעפן.

אויפן פינפטן טאָג האָט פרוי מיליגאַן געשיקט אונדז רופן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ חלום. איך בין אַרײַן אין אַ גרויסן זאַל. װוּ אַרטור איז געלעגן אויף אַ זאָפע. פרוי מיליגאַן איז געזעסן לעבן אים. ער האָט מיר אויסגעצויגן בײדע הענט. פרוי מיליגאַן האָט מיך צערטלעך ארומגענומען.

— ס'איז געקומען די שעה, װען דו קערסט זיך װידער אום צו דײַן מוטער—האָט זי פרײדיק אויסגערופן.

— רופט אַרײַן הערן מיליגאַן — האָט זי געזאָגט צו דעם דינער פון האָטעל.

איך בין געװאָרן בלאַס און האָב אָנגעהויבן ציטערן מיט אַלע גלידער.

— שרעק זיך ניט, מײַן קינדו! — האָט זי צו מיר געזאָגט — גיב מיר דײַן האַנט, שטײ לעבן מיר!

מיסטער מיליגאַן איז אַרײַן אַן אויסגעפּוצטער מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

ווי נאָר ער האָט מיך דערזען, איז זײַן פּנים געוואָרן בייז און פאַרקרימט.

פרוי מיליגאַן האָט אים ניט געגעבן די מעגלעכקייט אַ וואָרט אויסצורײדן:

— איך האָב אײַך געבעטן קומען — האָט זי געזאָגט צו אים מיט אַ שטילער, אָבער ציטערדיקער שטים — ווײַל איך וויל אײַך פאָרשטעלן מײַן עלטערן זון. צו מײַן גרויסן גליק האָב איך אים ענדלעך געפונען. אָט איז ער. אָבער איר קענט דאָך אים; איר זײַט דאָך אַליין געווען בײַ דעם מענטשן, וואָס האָט אים גע־גנבעט; איר זײַט דאָך געקומען זיך דערוויסן, וואָס ער מאַכט.

— וואָסערע באַווײַזן האָט איר, אַז דאָס איז אײַער זון? — האָט ער געפרעגט מיט אַן איבערגעביסענעם פּנים.

— דער מאַן, וואָס האָט דאָס קינד געגנבעט, איז איצט אַרעסטירט פאַר אַ נײַער גנבה אין ענגלאַנד. ער האָט איצט אויסגעזאָגט, ווי אַזוי ער האָט דאָס קינד געגנבעט, ווי ער האָט עס אונטערגעוואָרפן אין פּאַריז אויף דער אַווענױ ברעטױ. ער האָט אָפּגעשניטן פון דעם קינדס וועש די אויסגענייטע בוכ־שטאַבן, מע זאָל זיך ניט דערוויסן דעם קינדס פאַמיליע־נאָמען. אָט איז אַ בריוו, וואָס באַשטעטיקט מײַנע ווערטער. די וועש פון מײַן קינד איז אויך דאָ. איך קען עס ווײַזן.

בײַ די ווערטער האָט פרוי מיליגאַן געעפנט די טיר פון אַ דערבײַיִקן צימער און צו מײַן גרעסטער פאַרוווּנדערונג איז פון דאָרטן אַרויס מוטער באַרבערען מיט די ווינדעלעך און העמדעלעך, אין וועלכע מע האָט מיך געפונען.

— אָט איז זי, די איידעלע פרוי, וואָס האָט גרויסהאַרציק דערצויגן מײַן זון.

פרוי מיליגאַן האָט אַרויסגערופן די מוטער באַרבערען מיט אַ טעלעגראַמע פון דעם דאָרף, ווו זי האָט געוווינט.

הער מיליגאַן איז געבליבן שטיין אַזוי ווי אַ פאַרשטיי־נערטער.

דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו דער טיר.

ארויסגייענדיק האָט ער נאָך באַוויזן ארויסצורייַדן אַזעלכע ווערטער:

— מיר וועלן נאָך זען, וואָס דאָס געריכט וועט זאָגן וועגן דעם.

פרוי מיליגאַן האָט אים רויִק געענטפערט:

— איר קענט זיך ווענדן צום געריכט. מישפּטן דאַרף איך זיך. אָבער איך וועל ניט אָנקלאָגן פאַרן געריכט דעם ברודער פון מייַן פאַרשטאָרבענעם מאַן.

מיליגאַן איז ארויס.

איך האָב ארומגענומען מיט בייַדע הענט מייַן טייַערע מוטער.

ווען מיר האָבן אַלע אַ ביסל זיך באַרויִקט, האָט מייַן מוטער געזאָגט:

— איצט פאַרשטייסטו, רעמי, פאַר וואָס איך האָב דיך גלייַך ניט צוגענומען צו זיך און געלאָזן דיך און מאַטיאָן אַליין אין האָטעל. איך האָב געוואָלט באַווייַזן דעם הער מיליגאַן, אַז ווייַטער וועט זיך אים ניט אייַנגעבן אונדז צו צעשיידן. פאַר די פינף טעג האָב איך באַוויזן ארויסצורופן די מוטער באַרבערען און צו באַקומען דעם בריוו פון ענגלאַנד, אַז דרעסקאָל האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט דיך געגנבעט און אונטערגעוואָרפן. איצט בין איך שוין זיכער, אַז מיליגאַן קען אונדז גאָרנישט ניט טאָן. איצט וועט ער אונדז שוין ניט קענען צעשיידן, מיר בלייַבן צוזאַמען אויף אַלע מאָל. דו וועסט לעבן מיט דייַן מוטער, מיט דייַן ברודער און מיט דייַנע ליבע פרייַנד ליזע און מאַטיאַ, וואָס האָבן דיך אַזוי ליב געהאַט, ווען דו ביסט געווען עלנט און אומגליקלעך.

מײַן פֿאַמיליע

יאָרן זײַנען פֿאַרלאָפֿן, פֿיל יאָרן, אָבער קורצע, װײַל אַלע טעג זײערע זײַנען פֿאַר מיר פֿול געװען מיט פֿרייד און גליק.

איך, דאָס עלנט קינד, װאָס האָט זיך געװאַלגערט אין דער פֿרעמד און געבלאָנדזשעט איבער װעגן, איך װױן איצט אין אַ שלאָס. דאָס איז אַ ירושה פֿון מײַן פֿאָטער, װאָס האָט עס באַקומען פֿון מײַן זײדן, און דער זײדע פֿון אורזײדן.

דער שלאָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטן פּאַרק, און אין פּאַרק װאַקסן בײמער, װאָס זײַנען אַלט הונדערטער יאָרן.

איך װױן דאָ מיט מײַן מוטער און מײַן ברודער אַרטור. איר װאָלט אים ניט דערקענען. ער איז שטאַרק און געזונט, איז אַן אױסגעצײכנטער ספּאָרטלער.

איך בין שױן אַ פֿאָטער. איך האָב אַ קלײנעם זון, װאָס הײסט מאָטיאַ, לכּבֿוד מײַן טײַערן פֿרײַנד מאָטיאַ, דעם חבֿר פֿון מײַנע אומגליקלעכע יוגנטיאָרן.

איר פֿאַרשטײט געװיס אַלײן, װער מײַן פֿרױ איז. פֿאַר מיר איז זי דער שענסטער און בעסטער מענטש אױף דער װעלט, װײַל איך האָב זי ליב מער װי מײַן אײגן לעבן. איר געדענקט דאָך די קלײנע שטומע ליזע מיט אירע ח ירלעכע אױגן. זי איז שױן ניט קלײן און ניט שטום, אָבער אי, ע אױגן האָבן נאָך דעם זעלביקן גוטן האַרציקן אױסדרוק.

זי זױגט אַלײן אונדזער זון, דעם קלײנעם מאָטיאַ. אָבער טרעפֿט װער עס העלפֿט איר! װער טראָגט זיך מיט אים אַרום! װער שלעפּערט און ליוליעט אים אײַן!

ניט קײן אַנדערע װי מוטער באַרבאַרע.

זי װױנט בײַ אונדז אין שלאָס. מיר האָבן זי לאַנג שױן גערופֿן צו אונדז. זי האָט אָבער ניט געװאָלט פֿאַרלאָזן דאָס אָרעמע דערפֿל שװאַנאָן מיט איר קלײנעם הײַזל.

—דו דאַרפֿסט מיך שױן ניט, רעמי—האָט זי מיר געשריבן.

—און װאָס װעל איך טאָן אין דײַן רײַכן שלאָס! װען בײַ דיר

וועט געבוירן ווערן א קינד, וועל איך קומען און אײַך העלפן אים דערציִען, ווי איך האָב דיך דערצויגן, מײַן טײַערער רעמיִן

און מוטער באַרבערען האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט. זי איז געקומען צו אונדז קיין ענגלאַנד און האָדעוועט אונדזער זון.

פאָטער אַקען איז שוין לאַנג אַרויס פון טורמע. מיר האָבן אים געקויפט אַ קליין־הויז מיט אַ גרויסן סאָד. ער אַרבעט אין סאָד און אין גאָרטן, ניט פון נויט, נאָר פון פאַרגעניגן וועגן. מיט אים צוזאַמען לעבט זײַן עלטערע טאָכטער עטיען. זי וויל זיך ניט צעשיידן מיטן אַלטן פאָטער.

איצט וועגן ליזעס ברידער: אַלעקס, וואָס האָט געאַרבעט אין די קוילנגרובן, איז געוואָרן אַ באַרג־אינזשענער. ער האָט נאָר איין ציל פאַר זיך: אויסגעפינען מיטלען, אַז די אַרבעט אין די גרובן זאָל ניט זײַן אַזוי שווער און געפערלעך.

דער צווייטער—בענזשאַמען—איז אַ געלערנטער באָטאַניקער. ער איז אַפילו געווען מיט אַן עקספּעדיציע אין דער ווײַטער בראַזיל כּדי אויסצוגעפינען זעלטענע פלאַנצן.

נו, און מאַטיאַ, דער קליינער מאַטיאַ מיטן גרויסן קאָפּ, וואָס האָט זיך אַזוי פיל אָנגעליטן בײַ גאַראָפּאָלין? מאַטיאַ, וואָס אָן אים וואָלט איך ניט געפונען מײַן אמתע מוטער און מײַן ברודער?

ער האָט געלערנט צוזאַמען מיט מיר. מײַן מוטער האָט פאַר אונדז גענומען די בעסטע לערער. אָבער שוין פון אָנהייב האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מאַטיאַ דאַרף זיך לערנען שפּילן, אַז ער איז באַשאָנקען געוואָרן פון דער נאַטור מיט גאָר אַ גרויסן טאַלאַנט.

מײַן מוטער האָט געפונען פאַר אים לערער, גרויסע מו־זיקער, און זיי האָבן זיך ניט געקענט אָנוווּנדערן מיט זײַן שפּילן.

בײַ מיר אויפן טיש ליגט אַ פרישע צײַטונג. נאָר וואָס האָב איך איבערגעלייענט אין איר וועגן אַ קאָנצערט, וואָס מאַטיאַ האָט געגעבן אין ווין. די צײַטונג שרײַבט, אַז מאַטיאַ איז איינער פון די גרעסטע פידלשפּילער אין אונדזער צײַט.

איר געדענקט, אַז ער פלעגט אַלץ דערמאָנען זײַן קליינע שוועסטערל. קריסטינע הייסט זי. ווען גאַראָפּאָלי האָט אים

אַװעקגעפֿירט פֿון איטאַליע קײן פּאַריז, איז אים, מאַטיאָן, געװאָרן אַזױ שװער זיך צו שײדן מיט קריסטינען. איצט איז זי אין פֿראַנקרײַך, גאָר נאָך װעט זי קומען צו אונדז קײן ענגלאַנד צוזאַמען מיט מאַטיאָן. אַרטור האָט זי ליב. און זי װעט װערן זײַן כּלה. איך װײס, מיט װאָס פֿאַר אַן אומגעדולד אַרטור װאַרט אויף קריסטינען.

איך שרײַב די זכרונות װעגן מײַן קינדהײט, די געשיכטע פֿון אַלע מײַנע לײדן. איך טראָג זיך אַרום מיט אַזאַ געדאַנק:

װען איך װעל ענדיקן שרײַבן מײַנע זכרונות, װעל איך פֿאַרבעטן אין אונדזער שלאָס אַלע טײַערע פֿרײַנד מײַנע, װאָס האָבן מיר אַרויסגעװיזן אַזױ פֿיל ליבע, װען איך בין געװען אומגליקלעך און פֿאַרלאָזן. צוזאַמען מיט זײ װעלן מיר נאָך אַ מאָל איבערבלעטערן די טרויעריקע געשיכטע פֿון מײַן קינדהײט. אויף די זײַטן פֿון דער געשיכטע װעל איך קענען אַרויסװײַזן מײַן טיפֿן דאַנק זײ אַלעמען, מײַנע נאָענטע, מײַנע האַרציקע.

נאָר אײנער װעט פֿעלן — אַן אַלטער מאַן מיט אַ שײנעם װײַסן קאָפּ, אָנגעטאָן אין אַ שעפּסענער פּעל, מיט אַ בלױער סאַמעטענער װעסט. נאָר ער װעט פֿעלן, מײַן ערשטער לערער, דער אָרעמער װיטאַליס, דער אַמאָליקער גרויסער, פֿון אַלעמען באַליבטער זינגער קאַרלאָ באַלצאָני. ער װעט ניט זײַן צװישן אונדז. אָבער איך זע זײַן געשטאַלט פֿאַר מײַנע אויגן. ביז מײַן לעצטן טאָג װעל איך אים ניט פֿאַרגעסן.

אויף זײַן קבֿר אין פּאַריז האָב איך אים געשטעלט אַ דענקמאָל. אַ קינסטלער האָט געמאַכט זײַן ביוסט לויט די פּאָרטרעטן פֿון זײַנע בעסטע יאָרן, װען ער איז נאָך ניט געװען װיטאַליס נאָר דער באַרימטער זינגער קאַרלאָ באַלצאָני.

*

איך האָב זיך דערװאַרט אויף דעם טאָג, װען אַלע קומען זיך צונויף בײַ אונדזער טיש. די פֿאַרגאַנגענהײט לעבט װידער אויף פֿאַר אונדז אַלעמען. יעדער האָט עפּעס װאָס צוצוגעבן, צו דערמאָנען. מיר פֿילן, װי ענג מיר זײַנען אַלע פֿאַרבונדן דורך די זכרונות.

—און איצט—זאָגט מאטיאַ—לאָמיר עפּעס שפּילן און זינגען, ווי מיר האָבן געשפּילט אין אונדזערע קינדעריאָרן.

ער נעמט ארויס דאָס אַלטע פידעלע פון א טײַערער סאַ־מעטענער שייד. און איך נעם מײַן האַרפע, וואָס איז אָפּגעריבן און אָפּגעוואַשן פון רעגנס און שנייען ־עת מײַנע וואַנדערונגען.

מיר הייבן אָן שפּילן.

ארום אונדז ווערט א רעדל: מײַן מוטער, אַרטור און קריסטינע, ליזע און עטיען, מוטער באַרבערען, פּאַטער אַקען מיט די זין. אַן אַלטער פודל שטעלט זיך לעבן אונדז. דאָס איז קאַפּי. ער איז אַלט און טויב, אָבער ווי נאָר ער דערזעט אונדז מיט די אינסטרומענטן אין האַנט, שפּרינגט ער אַראָפּ פון קישן, וווּ ער האָט געדרימלט. ער כאַפּט א טעצעלע אין די ציין, שטעלט זיך אויף די הינטערשטע לאַפּעס. ער האָט אָבער קיין כּוחות ניט זיך צו האַלטן, זעצט ער זיך און באַגריסט די גע־זעלשאַפט, צודריקנדיק די לאַפּע צום האַרצן.

מיר ענדיקן אונדזער ליד. קאַפּי הייבט זיך ווידער אויף און שטעלט אויס יעדערן דאָס טעצעלע, און עס שיטן זיך מטבעות. זילבערנע און גאָלדערנע.

קאַפּי טראָגט מיר צו דאָס געלט, זייער א צופרידענער. קיין מאָל האָט ער אזוי פיל ניט געמאַכט: הונדערט זיבעציק פראַנק.

איך קוש אים אין מאָרדע. מײַן טרײַען קאַפּי, ווי א מאָל, ווען ער פלעגט מיך טרייסטן אין מײַנע ליידן.

וואָס וועלן מיר טאָן מיט דעם געלט?

איך וויל גרינדן א הויז און א היים פאַר קליינע גאַסנ־זינגער און שפּילער. זאָל דאָס זײַן דער ערשטער צושטײַער. דאָס איבעריקע העט דערלייגן מײַן מוטער.

— אויב אזוי — זאָגט מאטיאַ צו זײַן מוטער, קושנדיק איר האַנט — לייג איך צו די הכנסה פון מײַן ערשטן קאָנצערט אין לאָנדאָן צו דער סומע. וואָס קאַפּי האָט נאָר וואָס געמאַכט בײַ אונדז.

סוף

אינהאַלט:

I טייל

אין דאָרף	3
פאָסטער באַרבערען	8
די טרופּע פון סיניאָר וויטאַליס	15
דאָס הויז פון מיין מוטער	22
אין וועג	27
מיין דעביוט	32
איך לערן זיך ליינען	40
איבער בערג און טאָלן	44
אין טולוז	49
פאַרן געריכט	52
אַליין איבערן וועג	58
אויף דער שיף	62
מיין ערשטער פריינד	67
אַן אונטערגעטראָגן קינד	7[illegible]
דורך ווינט און שניי	7[illegible]
וועלף	7[illegible]
שיינהאַרץ	8[illegible]
מיר קומען אָן קיין פּאַריז	[illegible]
גאַראָפאָלי און זיינע קינדער	92
מיר זוכן אַ שטיינהעקער	97
ליזע	1[illegible]2
ווער איז געווען ייִשאַריס	1[illegible]5
דער גערטנער	1[illegible]8
די פאַמיליע ווערט צעריסן און צעטיילט	111

II טייל

פאַריס:	115
אין קוילנגרוב	11[illegible]
די ראַטונג	123
ביי דער מוטער באַרבערען	126
צוריק קיין פּאַריז	13[illegible]
די פאַמיליע דריסקאָל	134
דער שווינדל דעקט זיך אויף	137
מיר זוכן דעם "ציאָן"	141
איך געפין מיין מוטער	143
מיין פאַמיליע	148